STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08197

IDN UN IDISHKAYT IN DI SHRIFTN FUN DR. H. ZSHITLOVSKI

Hayim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידן און אידישקייט אין די שריפטן פון ד״ר. ח. זשיטלאָווסקי

גערענקען וועגן אַ פאַרבלאָנדזשעטן דור.

פון

חיים ליבערמאַן

ניו־יאָרק

1944 — תש״ד

Copyright, 1944, Washington, D. C.
by
Herman Lieberman

אַ איד געגן אידן.

אין איינעם פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אויפן טויט פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, לייענען מיר אַזאַ אָפּשאַצונג:

„פופציק יאָר איז ער געווען אַקטיוו אינם אידישן לעבן און איז אין תוך פאַרבליבן אַ דרויסנדיקער און פרעמדער״ (בצלאל שערמאַן, אין „פּראָלעטאַרישן געדאַנק״).

דאָס איז, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, אַ ריכטיקע אָפּשאַצונג, אויסער וואָס עס פאָדערט זיך אַ קליינע אויסבעסערונג: נישט פופציק יאָר איז זשיטלאָווסקי געווען אַקטיוו אין דעם אידישן לעבן, נאָר גוטע זעכציק יאָר.

עס ליגט אַ גרויסע טראַגעדיע דערין, וואָס נאָך זעכציק יאָר פון אַ מענשנ׳ס אַרבעט צווישן אידן און פאַר אידן, פילט זיך איינער געצוואונגען אים אַרויסצובאַגלייטן מיט אַזאַ טרויעריקן לעצטן נאָכוואָרט: אַ דרויסנדיקער און פרעמדער.

נאָר דאָסדאָזיקע לעצטע נאָכוואָרט קלינגט זיך מערקווירדיק צונויף מיט אַן ערשטן פאָרוואָרט, אויך אַ טרויעריקן, מיט וועלכן ד״ר זשיטלאָווסקי איז באַגעגנט געוואָרן, ווען ער איז לכתחילה, מיט אַ זעכציק יאָר צוריק, אַריינגעטראָטן אין אידישן לעבן מיט זיינע סאַמע ערשטע שריפטן. עס איז געווען אַ ביטערער ברוך הבא.

קיינער, אויסער אפשר היסטאָריקער־גריבלער, וואָלט היינט מסתמא נישט געדענקט יענעם טרויעריקן „קבלת־פּנים״, ווען זשיטלאָווסקי אַליין וואָלט אים נישט געווען פּאָפּולער געמאַכט. אין זיינע שריפטן דערמאָנט ער אָבער און ווידער, אַז די אידישע פּרעסע פון יענער צייט, אין העברעאיש און רוסיש, האָט אים אויפגענומען מיט „כעס און גאַליקער שנאה״ און האָט אים אָנגערופן „עוכר ישראל״ און „האנטיסמיט העברי״, דער אידישער אַנטיסעמיט. צווישן די וואָס האָבן אים דעמאָלט אַזוי באַצייכנט איז, לויט זשיטלאָווסקי׳ן אַליין, געווען דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. און זשיטלאָווסקי דערציילט עס אַמאָל מיט פאָרוואורף, אַמאָל מיט אַ געוויסער גדלות, און זאָגט אפילו אין איין אָרט, אַז ער איז נאָך „באמת געווען צו ווייניק אַנטיסעמיטיש״ (באַנד 6, ז. 249).

צווישן דעם ערשטן ברוך הבא „עוכר ישראל״ און דעם לעצטן נאָכזאָג „דרויסנדיקער און פרעמדער״ איז דאָ אַ דירעקטע און טיפֿע שייכות. דריי דורות ליגן אינצווישן, נאָר זשיטלאָווסקי׳ס ערשטער דור און זשיטלאָווסקי׳ס לעצטער דור האָבן זיך געאייניקט. ביידע באַ־צייכענונגען זיינען אַ שווערער פּסק־דין אויף אַ מענטשן, וואָס האָט, ווי ער האָט געמיינט, געאַרבעט פֿאַר די בעסטע אינטערעסן פֿון אי־דישן פֿאָלק. פֿאַר די אינטערעסן פֿון אידישן פֿאָלק, און פֿונדעסטוועגן האָבן אַזוי פֿיל אידן אים נישט געקענט פֿאַרדייען.

איך זאָג „אַזוי פֿיל אידן״, און נישט אַלע אידן, צוליב אַ היסטאָ־רישן אמת. ווייל פֿון דער אַנדערער זייט האָט זשיטלאָווסקי אויך געהאַט אַ סך אַנהענגער, הייסע חסידים. איבערהויפּט אין זיין גלאַנץ־פּעריאָד, צווישן די יאָרן 1908 און 1920. אין יענעם פּעריאָד, אין אַמעריקע, האָט ער געוויסע קרייזן פֿון אונזער אימיגראַנטישער יוגנט געהאַלטן ממש ווי אין אַ כשוף. די רעשטלעך פֿון דידאָזיקע קרייזן האָבן אויך מיט זייער וואָרט אַרויסבאַגלייט זשיטלאָווסקי׳ן: זיי האָבן אים אָנגערופֿן „דער משה רבינו פֿון אונזער דור״ (ב. צ. גאָלדבערג, אין „טאָג״). אָבער גערעכט געווען איז דער ערשטער צד, און איך בין איבערצייגט, אַז דער צד וועט אויך בלייבן גערעכט פֿאַר דער געשיכטע.

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צוצוטראָגן עטלעכע געדאַנקען און באַטראַכטונגען צו דעמדאָזיקן ענין.

1.

לאָמיר אָנהויבן מיט אַ פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט די אידישע פּרעסע פֿון די פֿריע אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד באַגעגנט ד״ר זשיטלאָווסקי׳ן מיט אַזאַ ביטערקייט ביי זיינע סאַמע ערשטע טריט?

דער ענטפֿער איז: ווייל ער איז פֿון סאַמע אָנהויב אַרויסגעטראָטן מיט אַ טעאָריע, אַז די אידן אין רוסלאַנד דאַרפֿן ניט און זאָלן ניט קריגן קיין גלייכע בירגערלעכע רעכט אין לאַנד.

דאָ בלייב איך שטיין אויף אַ ווײַלע.

איך בלייב דאָ שטיין ווייל איך ווייס, אַז מ׳מוז געבן אַ מענטשן צייט צו קומען צו זיך פֿון איבערראַשונג, הערנדיק, אַז אַ איד זאָל אַרויסטרעטן קעגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פֿון אידן!

און די ווײַלע וועל איך אויסנוצן צו זאָגן אַ וואָרט וועגן יענער צייט בכלל.

געווען איז דאָס נאָך דער כוואַליע פֿון פּאָגראָמען, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין רוסלאַנד איבערן אידישן תחום אין די אַכציקער יאָרן.

דאָס רוסישע אידנטום איז געווען אויפגערודערט ביזן סאַמע גרונט. די משכּילים האָבן דערזען דעם באַנקראָט פון זייער געדאַנק, אַז רוסיש און בילדונג און „אויסמענטשלונג" אויפן רוסישן שטייגער וועלן פאַרענטפערן די אידישע פראַגע. ד"ר פינסקער האָט שוין גע־האָט אָנגעשריבן זיין „אויטאָ־עמאַנסיפאַציע", וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דער באַוועגונג פון חיבת־ציון. די חיבת־ציון באַוועגונג איז שוין געווען אין פולן גאַנג.

די צאַרישע פאָליטיק בנוגע אידן האָט זיך פאַרנומען אויף אַלץ גרעסערע נגישות. געבאַלעבאַטעוועט איבער זיי האָט דער אינערן־מיניסטער, דער צורר־ישראל איגנאַטיעוו, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן זיינע באַרימטע „צייטווייליקע פאַראָרדנונגען". אידן זיינען געשטיקט געוואָרן אין די גובערניעס פון דעם תחום. מען האָט זיי געטריבן פון די דערפער. מ'האָט אַלץ מער און מער באַגרעניצט זייערע פרנסות.

נאָך די פאָגראָמען האָט די רעגירונג אַוועקגעזעצט אַ קאָמיסיע, כלומרשט אויסצופאָרשן זייערע סיבות, כאָטש זי האָט די פאָגראָמען אין אמת'ן אַליין אָרגאַניזירט. און די קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט דעם צאַר אַ ראַפאָרט, אין וועלכן עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז „די אידן האָבן פאַרכאַפט דעם האַנדל און די אינדוסטריע, האָבן אויך דערוואָרבן לאַנד . . . אַז זיי האָבן געווענדט זייערע כחות ניט צו פאַרגרעסערן די פראָדוקטיווע קרעפטן פון לאַנד, נאָר צו עקספלואַטירן די וואָרצל־דיקע באַפעלקערונג, דער עיקר די אָרימע קלאַסן פון פאָלק, און ווי אַ פועל יוצא דערפון האָבן זיי אַרויסגערופן אַ פראָטעסט פון דער־דאָזיקער באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין טרויעריקע פאָרמען, אין גוואַלט."

דער־דאָזיקער ראַפאָרט איז געווען דער יסוד פאַר איגנאַטיעוו'ס שטענדיק וואַקסנדיקע גזירות אויף אידן. די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַ־ציע האָט געפלאַקערט איבערן גאַנצן לאַנד. אירע הויפט־אָנפירער זיינען געווען סוואָרין מיט זיין צייטונג „נאָוואָיע ווּרעמיאַ" און קרושעוואַן, וועלכער האָט שפעטער אָרגאַניזירט דעם קישענעווער פאָ־גראָם.

די רוסישע אידן האָבן אָבער געהאַט איין טרייסט און איין האָפ־נונג: די ליבעראַלע, דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט האָבן זיי פאַרטיידיקט און זיי געהאָלפן אין זייער פאָדע־רונג, אַז די אויסנאַם־געזעצן קעגן אידן זאָלן אָפגעשאַפט ווערן און אידן זאָלן אויסגעגלייכט ווערן אין זייערע רעכט מיט אַלע בירגער פון לאַנד. דאָס אייגענע האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געפאָדערט די סאָ־ציאַליסטן פון רוסלאַנד, וועלכע האָבן דעמאָלט געאַרבעט אין געהיים.

אָן אויסנאַם זיינען נאָר געווען טיילן פון די „נאַראָדניקעס",

וועלכע האָבן געקוקט אויף די אידישע פּאָגראָמען ווי אויף אַן אָנהויב פון אַן אויפשטאַנד פון די פּויערים קעגן דער צאַרישער הערשאַפט.

אין יענער צייט — אין אַט אַזאַ צייט! — איז עס זשיטלאָווסקי אַרויס מיט זיין אַגיטאַציע קעגן אידישער גלייכבאַרעכטיקונג . . . פריער מינדלעך, צווישן דער אידישער סטודענטשאַפט אין דער שווייץ, און שפּעטער אין זיין רוסישן ביכל „יעווריי ק׳יעווריעיאַם״ (אַ איד צו אידן), וואָס איז דערשינען אין יאָר 1892 (און וואָס מען קען אגב היינט לייענען אין אידיש אין דעם 6־טן באַנד פון זיינע „געזאַמלטע שריפטן״).

ווי אַזוי, פרעגט זיך, טרעט עס אַרויס אַ איד קעגן גלייכע רעכט פאַר אידן? דאָס הייסט דאָך אַ פאָדערונג, אַז אידן זאָלן געהאַלטן ווערן אונטער נישט־גלייכע רעכט?

זשיטלאָווסקי איז געווען אַ פּאַראַדניק, נאָר ער האָט זיך שאַרף אָפּגעטיילט פון יענע פּאַראַדניקעס, נישט־אידישע און אידישע, וואָס האָבן זיך די פּאָגראָמען ניט גענומען צום האַרצן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ אידישער נאַציאָנאַליסט און האָט געהאַלטן, גאַנץ ריכטיק, אַז די אידישע פראַגע איז אַ פראַגע, וואָס פאָדערט אַ באַ־זונדערע לייזונג. נאָר גראָד פון דעם שטאַנדפּונקט פון יענער לייזונג איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן אידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

ווי אַזוי זאָל מען זיך אַזאַ זאַך גאָר פאָרשטעלן אין אַ אידישן מענטשן?

ווען זשיטלאָווסקי וואָלט געווען געקומען און געזאָגט, אַז גלייכע רעכט טויגן ניט פאַר אידן, ווייל דאָס איז ניט גענוג צו פאַרענטפערן די אידישע נויטן, וואָלט מען ניט געקענט קריגן אויף אים. קיינער, אויסער די געשוואָרענע אַסימילאַטאָרן, האָלט ניט, אַז די בלויזע ביר־גערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג איז, אָדער קען זיין, די פולע פאַר־ענטפערונג פון דער אידישער פראַגע. אַפילו אין די בעסטע אומ־שטענדן, אין אַ סביבה אינגאַנצן ריין פון אַנטיסעמיטיזם, קען די גלייכבאַרעכטיקונג אַליין ניט זיין די אמת׳ע אידישע ישועה.

ווידער, ווען זשיטלאָווסקי וואָלט געווען בלויז געקומען און געזאָגט, אַז ער האָט אַן אייגענעם פּראָיעקט פאַר אידן וואָס איז בעסער ווי גלייכבאַרעכטיקונג, וואָלט אויך דער פאָראיבל אויף אים ניט געקענט זיין אַזוי גרויס. מען וואָלט דעמאָלט געקענט באַ־טראַכטן זיין פּראָיעקט, אים פאַרגלייכן מיט די אויסזיכטן און מעלות פון בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג, און משפט׳ן צווישן די צוויי. און מיט אַזאַ פּראָיעקט איז ער טאַקע געקומען.

די צרה מיט זשיטלאָווסקי׳ן איז אָבער געווען, וואָס ער האָט געהאַלטן — ניט אַז גלייכע רעכט טויגן ניט פאַר אידן, נאָר אַז —

אידן טויגן ניט פאַר גלייכע רעכט!

אין דער באַגרינדונג פון זיין טעאָריע איז געלעגן די עולה. ניט אַן עולה, נאָר אַ פאַרברעכן. ס'איז געווען אַ באַגרינדונג וואָס איז געווען אַ שווערער אָנגריף אויף אידן, זייערע אינטערעסן און זייער כבוד.

ער האָט פאַר'משפט די גלייכבאַרעכטיקונג, זעענדיק אין איר אַ כח, אונטער וועלכן אידן ווערן, ניט געהאָלפן, נאָר פאַרדאָרבן, מיט אַ פאַרדאַרבונג פאַר זיך און אויך פאַר די פעלקער, און די שולד וואָרצלט אין די אידן...

און שוין דאָ, גלייך אין אָנהויב, זעען מיר זשיטלאָווסקי'ן אויפֿ־טרעטן אין אַ מאָדנער דאָפּלטער געשטאַלט, אין וועלכער מיר וועלן אים שפּעטער זען דורך דער גאַנצער צייט פון זיין וואַנדלען צווישן אידן, אַ מין יאַנוס־געשטאַלט מיט צוויי פּנימער.

איין פּנים איז געווען פון דעם פאָלקס־פאַרזאָרגער און פאָלקס־רעטער: האָט ער דאָך זיין גאַנץ לעבן רק געזאָרגט וועגן ראַטעווען און אויפריכטן דאָס אידישע פאָלק.

דאָס צווייטע פּנים איז געווען פינסטער, ביטער, רשעות'דיק, שנאה'דיק קעגן אידן.

און עס לאָזט זיך וועגן אים זאָגן דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ניט זאָגן וועגן קיין שום אַנדער אידישער עפנטלעכער פיגור פון אונזער דור:

ער איז געקומען ראַטעווען אידן ניט מתוך אהבה, נאָר מתוך שנאה.

ניט מיט קרובה'שאַפט, נאָר מיט פרעמדקייט. ניט מיט צוגע־טאָנענקייט, נאָר מיט אַ ווידערווילן. ניט מיט דרך ארץ, נאָר מיט פאַראַכטונג.

מיר וועלן עס נאָך זען דורכאויס שפּעטער. מיר וועלן איצט צוריקגיין און אָנהויבן מיט זיין טעאָריע וועגן אידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג.

דידאָזיקע טעאָריע זיינע און זיינע אַרגומענטן, וועלכע ער וויקלט פאַנאַנדער אין דעם ביכל „אַ איד צו אידן”, בויט ער, פאַרזיכערט ער אונז, אויף דער „טרויעריקער” פּראַקטיק, וואָס עס האָט געבראַכט מיט זיך די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין מערב־אייראָפּע, וואָס דאָס הייסט: אין פראַנקרייך, אין (דער דעמאָלטיקער) דייטשלאַנד, אין עסטרייך, האָלאַנד, שווייץ, ענגלאַנד. צום באַגריף „מערב־אייראָפּע” געהערט, לאָמיר געדענקען, אויך אַמעריקע.

„האָט זיך עמיצער גענומען די מי”, שרייבט דאָרט זשיטלאָווסקי, „אַ טראַכט צו טאָן וועגן דער שאלה: איז גלייכבאַרעכטיקונג ווירק־לעך געווען אַ גליק פאַר די אידישע מאַסן?” (באַנד 6, ז. 18).

און ער לאָזט זיך אָוועק צו באַווייזן מיט אותות ומופתים, אַז ניין און ניין. ס'איז ניט געווען קיין גליק.

און ער וואָרנט די „יודאָפילן" (אידן־פריינט) פון רוסלאַנד, די „אידישע יודאָפילן" און די ניש־אידישע, זיי זאָלן נישט לאָזן „פאַר־בלענדן זייערע אויגן" מיט דער „גלענצנדער דרויסן־זייט פון דעם אידישן לעבן אין מערב" — ס'איז נאָר די דרויסן־זייט, וואָס גלאַנצט, אינעווייניק איז צעפוילט.

דער צענטראַלער געדאַנק זשיטלאָווסקי'ס איז געווען, אַז דעם ברייטן אידישן עולם, די אָרימע מאַסן, קומט קיין שום גוטס נישט אַרויס פון גלייכע רעכט. אַ טובה קומט נאָר אַרויס אַ קליינעם טייל אידן. די „אויבערשטע צען טויזנט" רופט ער זיי אָן. און זיי, מיט די רעכט וואָס זיי קריגן, קומען און פאַרשוואַרצן נאָר אידן דאָס פנים. און ער באַווייזט עס מיט אַזאַ אַרגומענטאַציע:

יענע „אויבערשטע צען טויזנט — מיט וואָס באַשעפטיקן זיי זיך?" פרעגט ער, און ער ענטפערט:

„מיט מסחר אָן־גראָ (האָלסעיל), מיט די אַזוי אָנגערופענע ליבעראַלע פּראָפעסיעס (דאָקטוירים, דענטיסטן, אינזשיניערן, אַדוואָ־קאַטן, זשורנאַליסטן) און מיט געבן געלט אויף פּראָצענט!" (באַנד 6, ז. 30).

ווערן דאָ ביי אים אידישע סוחרים, אידישע דאָקטוירים, אַדוואָ־קאַטן און אינזשיניערן צונויפגעמישט אין איין „חרפה" מיט — פּראָצענטניקעס. און אונטער פּראָצענטניקעס, ווי עס ווערט ווייטער קלאָר, פאַרשטייט זשיטלאָווסקי באַנקירן. אידן ווערן באַנקירן!

אַז אידן ווערן באַנקירן האָבן געשריען, און שרייען, די אַנטי־סעמיטן; אַז אידן ווערן באַנקירן האָט געשריען זשיטלאָווסקי.

לעבנדיק אין דער לאַגע פון רעכטלאָזיקייט זיינען די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד פאַראָרימט געוואָרן. אונטער גלייכע רעכט, האָבן זיי געהאָפט, וועלן זיך עפענען פאַר זיי נייע קוואַלן פון פּראָדוק־טיווער אַרבעט און מלאכה, פון אָנשטענדיקער חיונה. אָבער זשיט־לאָווסקי האָט זיך אויפגעהויבן צו צעשלאָגן אַזעלכע פאַלשע אילוזיעס.

„אין דער לאַגע פון רעכט־באַרויבטע פאַריעס — שרייבט ער — האָבן די אידן אין מערב־אייראָפּע, צונויפגעדריקטע אין געוויסע ראַיאָנען... געפירט בדרך כלל אַ האַלב־קבצנישן לעבן. האָט זיך, אַ דאַנק דער גלייכבאַרעכטיקונג אויפגעהויבן דער וואוילשטאַנד פון די אידישע מאַסן? מיט גוואַלט אָפּגעריסן פון אַ סך ארטן פּראָ־דוקטיווע אַרבעט פלעגן די אידן צופאַלן, מיט דער ניט־אויסקליי־בערישקייט פונם הונגער, צו אַלערליי קוואַלן פון חיונה, ווי די־דאָזיקע קוואַלן זאָלן ניט זיין צעפוילט און פאַרשמוצט. האָט די

גלייכבאַרעכטיקונג געזינטער געמאַכט די קוואַלן גופא פון זייער מאַטעריעלער עקזיסטענץ?" (באַנד 6 ז. 26).

ליגט דאָ אין דעמדאָזיקן אַנאַליז איינגעוויקלט אַ שווערד מיט אַ דאָפּלטן שאַרף, אַ שווערד אָנגעשטעלט קעגן אונז. ערשטנס, צוליב דער רעכטלאָזיקייט זיינען אידן געקומען צו לעבן פון צעפּוילטע און שמוציקע קוואַלן. צווייטנס, אַז ווען זיי קריגן שוין גלייכבאַרעכ־טיקונג גייען זיי אַלץ צו די צעפּוילטע און שמוציקע קוואַלן.

אַזוי אַפּנים איז שוין די פאַרשאַלטענע טבע אי פון אידישער רעכטלאָזיקייט אי פון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. אונטערביידע האָט אונז זשיטלאָווסקי אַרויסגעגעבן אַ "שיינעם" אַטעסטאַט.

אויך אין גייסטיקן זין איז אידישע גלייכבאַרעכטיקונג, לויט זשיטלאָווסקי'ן, נאָר אַ באַנקראָט.

אפשר דערפאַר וואָס אידן כאַפּן זיך דעמאָלט צו צו פרעמדער קולטור און דערווייטערן זיך פון אידישקייט?

ניין, ניט אין דעם זעט ער דעם באַנקראָט.

„ביז צו דער גלייכבאַרעכטיקונג — שרייבט ער — זיינען די אידישע מאַסן פאַרגליווערט געוואָרן אין עם־הארצות, אונטער דעם גייסטיקן רעזשים פון די רבנים און צדיקים. האָט זיך די אידנשאַפט באַפרייט פון דעמדאָזיקן יאָך? איז אין דעם באַוואוסטזיין פון די מאַסן אַריינגעטראָגן געוואָרן דער ליכטיקער שיין פון דעם איירא־פּעאישן וויסן? האָט יענער וויסן אָנגעזעטיקט מיט זיך דעם פאָלק'ס געדאַנק און דעם פאָלק'ס אידעאַלן?" (באַנד 6, ז. 26).

זשיטלאָווסקי'ס פראַגע איז זיין ענטפער.

זשיטלאָווסקי באַרירט שפּעטער נאָכאַמאָל דעם „אידישן קולטור־מעמד" אונטער דער גלייכבאַרעכטיקונג, און ער געפינט, אַז „די ציוויליזאַציע פון די אידישע מאַסן אין גאַליציע, בוקאָווינע און פּרייסיש־פּוילן שטייט נאָך אויף אַ נידעריקערן ניוואָ איידער אין רוסלאַנד. די מאַכט פון די רבנים און צדיקים ווילדעוועט דאָרטן נאָך אַ סך ערגער. דער תהום צווישן די דאָרטיקע אויפגעקלערטע און די צוריקגעבליבענע עלעמענטן איז נאָך אַ סך טיפער איידער ביי אונז אין רוסלאַנד. און דער עיקר: געשען איז דאָס נישט למרות דער גלייכבאַרעכטיקונג, נאָר דווקא אַדאַנק דער גלייכבאַרעכטיקונג" (באַנד 6, ז. 33).

ווי אַזוי דערקלערט זיך ביי זשיטלאָווסקי'ן דידאָזיקע מאָדנע דערשיינונג, וואָס דוקא דעמאָלט, ווען פאַר אידן עפענען זיך די פאַרשלאָסענע טויערן פון אייראָפּעאישער בילדונג, פאַלן זיי גאָר אָפּ צוריק צו אַ גרעסערער עם־הארצות ווי פריער?

ווען ער וואָלט געזאָגט, אַז זיי ווערן אָפּגעריסן פון דער אייגענער גייסטיקער וועלט און עס וואַקסט אויס אַן עם־הארצות

אין אידישער בילדונג, וואָלט ער געדרעכט געווען. אָבער ניט דאָס איז געווען זיין מיין און ניט דאָס האָט אים געאַרט. פאַרקערט, די אייגענע גייסטיקע וועלט, די אידישע תורה־וועלט — דאָס איז אין זיינע אויגן געווען די עם־האַרצות, אין וועלכער אידן פאַלן אַריין, און קעגן דעם האָט ער געוואָרנט.

ער האָט געזען אַז אין גאַליציע איז די „מאַכט פון די רבנים און צדיקים צווישן די אידישע מאַסן נאָך גרעסער ווי אין רוסלאַנד", און ער האָט געפרעגט: פאַרוואָס איז עס אַזוי? און זיין ענטפער איז געווען:

דאָרט, אין גאַליציע, בוקאָווינע און פרייסיש־פוילן, וואו אידן, אונטער דער גלייכבאַרעכטיקונג, קענען גיין צו אייראָפּעאישער ביל־דונג, דאָרט „האָבן די בעסטע מענשן פון אידישן פאָלק פאַנאַנדער־געריסן זייערע פאַרבינדונגען מיט דער אייגענער אומה און האָבן גענומען לויפן אין איילעניש צו די דייטשן און מאַדיאַרן, צו די פוילן און די רוטענער", אַנשטאָט וואָס זיי זאָלן פירן זייער אייגענע אומה צו „אייראָפּעאישער קולטור" (באַנד 6, ז. 35).

זיינען די אידישע מאַסן געבליבן כצאן בלא רועה און זיינען אַריינגעפאַלן אינגאַנצן אין די נעגל פון די „וועלף", די רבנים און צדיקים.

אַנדערש אָבער איז עס אין רוסלאַנד, וואו קיין גלייכבאַרעכטיקונג איז, געלויבט דער אויבערשטער, נאָך ניט געווען.

„ביי אונז אין רוסלאַנד — שרייבט ער — וואו די אידישע אינטעליגענץ איז, אַדאַנק דעם דרוק פון דער רעכטלאָזיקייט, נאָך צונויפגעבונדן מיט דעם אידישן פאָלק, איז דאָס אַנטלויפן פון די בעסערע מענשן ניט פאָרגעקומען אין אַזאַ פולער מאָס און אויף אַזאַ ראַדיקאַלן אופן, ווי דאָס איז געשען אין מערב, און די ציוויליזירנדע מאַכט פון דער אידישער אינטעליגענץ האָט זיך געמוזט אָפּרופן צום גוטן אויף דעם קולטורעלן צושטאַנד פון די מאַסן" (באַנד 6, ז. 33). און ער פירט אויס:

„דלות און עם־הארצות; אומבאַשטימטע און ווייניק־סימפּאַ־טישע באַשעפטיקונגען; דאָס אַנטלויפן פון די בעסטע מענטשן, און דער תהום וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן צווישן דעם פאָלק און זיין אינטעליגענץ — אָט דאָס איז יענער שיקזאַל־שווערער שטערן־בונד, וואָס הערשט איבער דעם האָריזאָנט פון דעם אידישן נאַציאָ־נאַלן לעבן אין אייראָפּע" (דאָרט, ז. 34).

זיין הויפּט אַרגומענטאַציע וועגן דעם באַנקראָט פון דער אי־דישער גלייכבאַרעכטיקונג שטעלט זשיטלאָווסקי צונויף אויפן סמך פון אַ שטודיע פון דער דעמאָלסטדיקער לאַגע פון די אידן אין גאַליציע און בוקאָווינע.

„גאַליציע און בוקאָווינע — שרייבט ער — זיינען כמעט דורכ־אויס אַגראַרישע לענדער. זייער הויפּט פּראָדוקטיוו־קראַפט איז דער פּויער און דער הויפּט־עקספּלואַטאַטאָר איז דער פּאַן, דער גוט־באַזיצער. די מאַגנאַטן זיינען צעהוליעט און אויסגעלאַסן, דער פּויער איז אָרים און שכור׳ט און אין אַט דעם זומפּ האָבן די אידן געפונען אַ הויפּט־קוואַל פון זייער עקזיסטענץ — דעם וואָכער״ (באַנד 6, ז. 30־29).

„קיינער — שרייבט זשיטלאָווסקי ווייטער — וועט איצטער נישט אָפּלייקענען די טענדענץ אין מזרח־עסטרייך, אַז סיי די פּריצישע הויפן, סיי די פּויערישע נחלאות גייען איבער אין אידישע הענט״... און די מיטלען דערצו זיינען „כמעט אַלעמאָל די חובות פון די ערד־אייגנטימער ביי די אידישע וואָכערער און די אידישע באַנקען״. און ער שרייט אויס מיט רירנדיקן געפיל: „דער אידישער הויף־באַזיצער — אַט דאָס איז „דאָס נייע וואָרט״, וואָס די אידנשאַפט האָט נאָך דער גלייכבאַרעכטיקונג געזאָגט אין דעם פּרט פון מאַטעריעלן ערפאָלג״!

זשיטלאָווסקי איז מודה, אַז דער אידישער אייגנטימער פון אַזעלכע ערד־נחלאות איז אַ „מער אינטעליגענטער און מער אויסגערעכנטער באַלעבאָס״ און אייגנטלעך „וואָלט מען עס אפשר געקענט אָנרופן אַ גרויסע טובה פאַרן לאַנד. „די צרה איז נאָר — שרייבט ער — וואָס דאָס רוב אידישע ערד־באַזיצער טראָגן אַריין אויך אין דער ספערע פון דעם אַגראַר־לעבן די הענדלערישע פּרינציפּן פון מקח וממכר און . . . געלט־ספּעקולאַציעס״, און ער איז מוסיף:

„באַטראַכט מען דעמדאָזיקן פּראָצעס פון דעם סאָציאַלן שטאַנדפּונקט , איז דאָס שוין גאָרנישט אַזאַ חסד פאַרן לאַנד, וואָס עס האָט זיך באַוויזן דער קלוגער, געזעצטער און אפילו מוסטערהאַפטער אידישער הויף־באַזיצער. ווייל דער פרייער פּויער (?!) פון אַמאָל ווערט דערביי פּאַקטיש אַ פאַרקויפטער ביי זיין נייעם אידישן פּריץ״ (באַנד 6, ז. 31).

זשיטלאָווסקי, דער איד פון רוסלאַנד, זיצט אין דער שווייץ און וואָרנט עסטרייך קעגן דער סכנה פון דעם אידן אין גאַליציע . . .

פּילט זיך דאָ ניט דער שמעקעדיקער ריח פון דער באַוואוסטער טענה, אַז די אידן מיט זייערע העכערע פייאיקייטן און מער ניכטערער נאַטור זעצן אומעטום אַרויס דעם פרייען גוי און מאַכן אים פאַר זייער „שקלאַף״? אידן ווילן גלייכבאַרעכטיקונג — היט זיך, גוים! ישראל עליך, פּלשתים!

„וואו איז אָבער — פרעגט זשיטלאָווסקי — דער אידישער פעלד־אַקערער, וואָס וועגן זיין קומען האָבן נביאות־געזאָגט אַלע

פאַרטיידיקער פון דער אידישער עמאַנציפּאַציע? דער פעלד־אַקערער איז גראַד ניט געקומען!"

און נעמענדיק דעריבער די אַלע זאַכן אין חשבון, קען זשיטלאָווסקי ניט עצה'ן פאַר אידן אַזאַ געפערלעכע זאַך ווי די עמאַנציפּאַציע.

פונוואַנען האָט ד"ר זשיטלאָווסקי גענומען די אַלע פאַקטן, אין וועלכע עס ווערט אַזוי ביטער באַווײנט דער טרויעריקער מזל פון דעם עסטרייכישן פריץ און פויער, וואָס גייען אַזוי טראַגיש אונטער אין די הענט פון דעם אידישן וואָכערניק און פּראָצענטניק, ווען זיי קריגן גלייכע רעכט? האָט ער אַליין אויסגעשטודירט די לאַגע אויפן אָרט, ווי עס וואָלט על פּי יושר געדאַרפט טאָן אַ וויסנשאַפטלעכער מענש אין אַזאַ ערנסטן ענין?

ניין, ער נעמט די פאַקטן אַרויס פון אַ בוך פון איינעם אַ פּראָפעסאָר פליאַטער פון יענער צייט, וועלכן ער ציטירט. ווייס איך נישט, ווער יענער מומחה אין אידישן לעבן, דער פּראָפעסאָר פליאַטער, איז געווען. איך האָב אַ גרונט צו גלויבן, אַז ער איז אַליין געווען פון די פריצים. ווייל מיין שטעטעלע, דאָמבראָוויץ, אין וואָלין, אין פריערדיקן רוסלאַנד, האָט באַלאַנגט צו אַ „גראַף פליאַטער". איך ווייס אָבער פון די ציטאַטן אַליין, וואָס זשיטלאָווסקי ברענגט אין זיין „אַ איד צו אידן", אַז ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט פון רייַנסטער פּראָבע. ד"ר זשיטלאָווסקי שעמט זיך נישט צו ברענגען פון זיין מומחה פאָלגנדע שטעל:

„דער איד וועט אין אייראָפּע קיינמאָל נישט, אָדער נאָך אַ לאַנגע צייט נישט ווערן קיין עכטער פויער. צו ריין־פיזישער אַרבעט פילט ער אַן עקל, ווייל זיין רירעוודיקע גייסטיקע נאַטור פאָדערט שטענדיקע גייסטיקע באַשעפטיקונג, און אויך מחמת דעם, וואָס פון ריינער מוסקול־אַרבעט, וועלכע ברענגט אַריין אַזוי ווייניק ריוח, וועט ער קיינמאָל נישט רייך ווערן, און אויסצוקוקן אויף עשירות האַלט ער אָבער — מען ווייסט נישט פאַרוואָס — פאַר זיין טראַדיציאָנעלן רעכט. די פיזישע אַרבעט לאָזט ער איבער, אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך, פאַר די, וואָס שטייען לויט דער קראַפט פון זייער אינטעלעקט, נידעריקער פאַר אים. און דעריבער זעען מיר אין גאַליציע, אַז דער איד, וואָס האָט נאָר־וואָס אָפּגענומען ביי דעם פויער זיין נחלה, דינגט אים פאַר אַ באַטראַק, צו באַאַרבעטן זיין אייגענעם געוועזענעם אייגנטום" (באַנד 6, ז. 31).

אָט דאָס איז זשיטלאָווסקי'ס בר־סמכא אין דעם ענין פון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג. איבעריקנס, איז זשיטלאָווסקי קיינמאָל נישט געווען איבערקלייבעריש מיט זיינע „אויטאָריטעטן".

שפּעטער וועלן מיר נאָך זען, אַז זשיטלאָווסקי אַליין גיט אויך,

פון זיין אייגענעם נאָמען, דיזעלבע אומסימפּאַטישע כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידישן מענשן, ווי פּראָפעסאָר פליאַטער.

איר וועט באַמערקן, אַז ד״ר זשיטלאָווסקי דיסקוטירט די טרויעריקע רעזולטאַטן פון אידישער גלייכבאַרעכטיקונג נאָר אין גאַליציע און בוקאָווינע, אפשר דערפאַר, וואָס פּראָפעסאָר פליאַטער׳ס בוך אַנטהאַלט נאָר „סאָציאַלע שטודיען אין דער בוקאָווינע״. די אומשטענדן אין דעמאָלטדיקן דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, האָלאַנד, די שווייץ לאָזט זשיטלאָווסקי אויס. פונדעסטוועגן טראָגט ער אַרויס זיין אומגינסטיקן אורטייל אויף דער אידישער עמאַנציפּאַציע אין גאַנץ אייראָפּע, און ער זאָגט:

„יאָ, די מעדאַל פון דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָט זייער און זייער נישט קיין חנ׳עוודיקע זייט. און אויב מיר אין רוסלאַנד ווילן זיך נישט אָפּזאָגן פון דעמזעלבן ענגן מערב־אייראָפּעאישן שאַבלאָן אין דער באַהאַנדלונג פון דער פראַגע, איז נישטאָ קיין ברעקל גרונט צו האָפן, אַז אונז וועט זיך איינגעבן צו פאַרמיידן יענע טרויעריקע רעזולטאַטן, צו וועלכע עס איז דערגאַנגען די געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק אין מערב־אייראָפּע״ (באַנד 6, ז. 37).

דאָן גייט זשיטלאָווסקי איבער צו דער ספּעציפישער לאַגע אין רוסלאַנד.

און דאָ ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק, וואָס וואַקסט שוין ממילא אַרויס פון זיין גאַנצער טעזיס, אַז דאָס „אייראָפּעאישע״ אומגליק פאַר די אידן אין רוסלאַנד וועט זיך אָנהויבן גראָד דעמאָלט, ווען עס וועט איינגעפירט ווערן אַ ליבעראַלע אָרדנונג אין רוסלאַנד!

דאָס אויף וואָס גאַנץ רוסלאַנד, און קודם־כל די אידן, און צו זיי די גאַנצע וועלט, האָבן געהאָפט און געוואַרט, געשטרעבט און געאַרבעט, איז לויט זשיטלאָווסקי׳ן אויסגעקומען אַ סכנה פאַר אידן!

„אויב — שרייבט ער — עס זאָל זיך אונזערע ליבעראַלן איינגעבן איבערצובויען דעם שטאַטס־לעבן פון רוסלאַנד לויט זייערע פּרינציפּן, וועט פאַר דעם אידישן פאָלק אויסוואַקסן די סכנה — דערגיין צו דיזעלביקע טרויעריקע רעזולטאַטן, וועלכע די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין מערב־אייראָפּע האָט געבראַכט מיט זיך״ (באַנד 6, ז. 52).

מיר האָבן שוין געזען גענוג וואָס יענע רעזולטאַטן זיינען געווען. אָבער ער איז מסביר ווייטער:

„די אָרימע אידן וועלן זיך נישט באַפרייען פון דעם דלות. די אידישע האַנדלס־קלאַסן וועלן אָנהויבן קאָנקורירן מיטן רוסישן קאַפּיטאַל און וועלן ווערן עקספּלואַטאַטאָרס פון אידישער און נישט־אידישער אַרבעט. די אינטעליגענץ וועט זיך אַ לאָז טאָן נאָך אַלערליי

„וואַרעמע שטעלעלעך‟, זיי וועלן ווערן ביוראָקראַטן, לערער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן. זיי, און מיט זיי דאָס גאַנצע פאָלק, וועלן זיך „אָנהענגען‟ אויף די רוסן, אויף די פּאָליאַקן, אויף די טשוואַשן, און דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וועט אַרויסרופן קעגן זיך נאָך אַ שרעקלעכערן אַנטיסעמיטיזם איידער איצטער, ווייל די יודאָפּאָבן (אידן־פיינט) וועלן אַ דאַנק דער פּאָליטישער פרייהייט האָבן אַלע מיטלען אין די הענט פאַר אַ פרייער אומאויפהערלעכער אַגיטאַציע‟ (באַנד 6, ז. 53).

מיט איין וואָרט, אויב די ליבעראַלן זאָלן זיגן און אידן זאָלן אַרויסגעהויבן ווערן פון זייער רעכטלאָזן מצב, וועט זיך טאָן חשך . . .

מען קען זיך אפשר פאָרשטעלן ווי אַזוי אַזאַ אידייען־גאַנג איז מעגלעך געווען פאַר אַ מענשן וואָס האָט געהאַלטן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע שטייט שוין גאָר נאָענט, און ס׳איז ניט כדאי זיך אָבצושפּאָרן אויף אַ ליבעראַלן רעזשים וואָס קען זיין נאָר אַ קורצער און שנעלער איבערגאַנג, און ס׳איז דעריבער אויך ניט כדאי אָנצונעמען דערווייל בלויז אַ „ליבעראַלע‟ אידישע עמאַנציפּאַציע. צו וואָס אַריינגיין אין פּאָדערהויז, ווען מ׳וועט באַלד אַריינגיין אין זאַל אַריין, אפילו ווען עס וועט אויסקומען אַריינצוקריכן דורך די פענסטער, ברעכנדיק שויבן ?

אָבער ס׳איז ניט אַזוי געווען מיט זשיטלאָווסקי׳ן. ער האָט דעמאָלט ניט געוואָרט אויף אַ בעסערער, אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אינגיכן, באַלד. אין דעם פּרט איז ער גראָד נישט געווען קיין צו גרויסער אָפּטימיסט. ער האָט נאָך אין שפּעטערע יאָרן געשריבן, אַז ס׳איז נאַריש צו מיינען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע קומט שוין אָן „איבערמאָרגן האַלב פינף פאַרנאַכט‟ און וועט ברענגען אַ גן־עדן פאַר יעדן איינעם אויף דער ערד. אין בעסטן פאַל האָט ער פאָראויסגעזען אַ לאַנגן איבערגאַנג־פּעריאָד ביז׳ן סאָציאַליזם (ב. 6, ז. 46). אדרבא, כאָטש ער אַליין איז געווען אַ נאַראָדניק און האָט נישט געוואָלט זען קיין קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד, ווי עס האָבן געוואָלט און פאָראויסגעזאָגט די מאַרקסיסטן, דאָך האָט ער גערעכנט, אַז עס גייט וואָרשיינלעך דערצו. און אין דער קאָמבינאַציע פון אַ ליבעראַלער אָרדנונג מיט קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, האָט ער ערשט רעכט געזען סכנות פאַר אידן. ער האָט זיך געשראָקן אַז דער קאַפּיטאַליזם וועט זוכן אויסצונוצן דעם אידן פאַר זיינע בייזע צוועקן.

„אַ חוץ דעם — שרייבט ער — שטייט רוסלאַנד וואָרשיינלעך בעפאָר אַן עפּאָכע פון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע : דידאָזיקע 4 פּראָצענט (אידישע) באַפעלקערונג וואָלט דורך זייער זשעני אין מסחר און אינדוסטריע, געקענט, מהיכא תיתי, נישט ווייניק אונטערהעלפן,

כדי צו פאַרשנעלערן דעמדאָזיקן אומאנגענעמען פּראָצעס, כדי גיכער דורכצופירן די פּראָלעטאַריזאַציע פון די מאַסן" (באַנד 6, ז. 47).

און דאָ ווענדט ער זיך צו דער „רוסיש־אידישער רעוואָלוציאָ־נערער יוגנט" מיט אַ פּאַטעטישן רוף, זי זאָל נישט לאָזן פאַרשלעפּן דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאַנד אין אַזאַ שרעקלעכן זומפּ, און ער זאָגט צו איר:

„אַ ברודער וואָלט פאַרציטערט געוואָרן, ווען אויף זיין שוועס־טער וואָלט אויסגעפאַלן דער גורל צו ווערן אַ גאַסן־פרוי . . . אָבער דער אידישער רעוואָלוציאָנער קען צוקוקן, ווי פאַר זיין פאָלק ווערט צוגעגרייט די „גלענצנדע צוקונפט" פון אַ פּאַראַזיט, און ער וועט מיט אַ פינגער נישט אַ ריר טאָן"! (באַנד 6, ז. 48).

און אַזוי דערגרייכט זשיטלאָווסקי'ס געדאַנקענגאַנג זיין שפּיץ: אידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין די דעמאָקראַטיש־פרייע, אָדער צו דע־מאָקראַטיע־שטרעבנדיקע לענדער, ווערט דערפירט צו איין מדרגה מיט פּראָסטיטוציע.

און זשיטלאָווסקי, ווי אַ געטרייער ברודער, האָט געוואָלט פאַר־היטן אונזער „אומשולד" . . .

ווי אַזוי האָבן געקענט רעאַגירן דערויף די רוסישע אידן?

מיר קענען זיך עס גרינג פאָרשטעלן, ווען מיר, אַמעריקאַנער אידן, זאָלן דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט אָנווענדן אויף אונז אַליין. שטעלט אייך פאָר, ווען עמיצער קומט צו אונז און עצה'ט אונז, מיר זאָלן זיך אָפּזאָגן פון די גלייכע רעכט, וואָס מיר געניסן אין אַמעריקע, דערפאַר וואָס לעבנדיק אונטער אַזעלכע רעכט, לעבן מיר אין אַ מין פּראָסטי־טוציע און באַשאַפן אַנטיסעמיטיזם!

לאָמיר זיך פאָרשטעלן היינטיקן טאָג אַזאַ איינשטעל פון דעם פּראָבלעם פון אידישער גלייכהייט אומעטום און מיר וועלן גרינג באַגרייפן, ווי אַזוי די אידן אין רוסלאַנד פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן געקענט אויפנעמען זשיטלאָוו־סקי'ן מיט זיין טעאָריע.

די רוסישע אידן האָבן געשמאַכט נאָך דערלייכטערונג, אפילו דער מינימאַלסטער, ווי „שרעקלעך" דאָרט אין „אייראָפּע" זאָל נישט האָבן געווען מיט אידן. און זיי האָבן נישט געקענט פאַרפעלן צו זען, אַז די „פאַקטן", וואָס זשיטלאָווסקי האָט געבראַכט פון פּראָפעסאָר פליאטער און האָט זיי אָוועקגעלייגט אינם יסוד פון זיין אייגענער אַנשויאונג אויף אידן, שטימען אות אין אות מיט די „פאַקטן" און אַנשויאונגען וואָס דער צורר איגנאַטיעוו האָט אָוועקגעשטעלט פאַר רוסלאַנד אין זיין פּאָגראָמען־ראַפּאָרט צום צאַר.

און פונדאַנען נעמט זיך וואָס די אידישע פּרעסע פון יענער

צייט האָט אים אויפגענומען מיט אַזאַ אַנטאַגאָניזם און אים אָנגערופן „עוכר ישראל" און „אידישער אַנטיסעמיט".

ער איז געקומען ווי אַ „פרעמדער, אַ דרויסנדיקער" . . .

.2

און דאָס טראַגישע — מ'דאַרף אפשר זאָגן דאָס קאָמישע — ביי דעם אַלעמען איז, וואָס הינטער דעמדאָזיקן משונה'דיק־פאַר־פלאָנטערטן געדאַנקענגאַנג, איז דוקא געשטאַנען אַ גוטער ציל.

אין תוך פון יענעם ווערק „אַ איד צו אידן" איז גראד געלעגן אַ געזונטע יאָדער. דאָס ווערק איז געווען געווענדט צו דער אַסי־מילאַטאָרישער אידישער יוגנט, אויפצעוועקן אין איר נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. דאָ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ריכטיק דער געדאַנק, אַז די אידישע פראַגע קען ניט געלייזט ווערן ווי אַ טייל פון דער אַלגעמיינער (רוסישער) פראַגע, נאָר פאָדערט איר אייגענע לייזונג, און אויף אַ נאַציאָנאַלן באַזיס. דאָ איז אויסגעפירט געוואָרן אַז אידן זיינען אַ פאָלק — דעמאָלט נאָך אַ רעוואָלוציאָנערער געדאַנק פאַר אידישע רעוואָלוציאָנערן; און דאָ איז אויך געפאַלן זיין באַרימט גע־וואָרענע פאָרמולירונג: „מיר זיינען ניט קיין פיר פראָצענט פון עמיצן אַנדערש, נאָר הונדערט פראָצענט פון זיך אַליין."

נאָר צוליב וואָס איז דערביי נויטיק געווען אויסצומאָלן דאָס אידישע פאָלק אין אַ מין צעקריפּלטער שרעק־געשטאַלט און עס אַוועק־שטעלן ווי אַ טשוטשעלאָ צווישן די פעלקער?

ער האָט געדאַרפט אויסשלעפּן די אידן דורך אַלע בלאָטעס — כדי צו באַווייזן, אַז אידן זיינען אַ נאַציע . . .

און דערדאָזיקער מאָמענט פון נאַציאָנאַליזם איז געווען און געבליבן דאָס איינציקע פּאָזיטיווע אין זשיטלאָווסקי'ס גאַנצער לעבנס־אַרבעט. ווייטער איז אין איר אַלץ געווען פאַרדרייט און צעקרימט ביז פאַנטאַסטישקייט, ביז פאַנטאַסטישקייט פאַלש, אומגערעכט, אומ־גליקלעך, אומאידיש און צעשטערעריש.

זיין פּראָגנאָז פון דער אידישער פראַגע, פאָרשטעלנדיק אידן ווי אַ מין געזונקענעם און שעדלעכן עלעמענט, אַ פאַרפאַלענעם אין סאָ־ציאַלע זינד, אין עם־הארצות און פינסטערניש, האָט נישט געקענט ניט אַרויסרופן דעם שאַרפסטן ווידערווילן צווישן יענע אידן, וואָס האָבן געזען דאָס אידישע פאָלק אין זיין דערהויבענער, כאָטש גע־בראָכענער, גרויסקייט.

נאָר נישט אידן אַליין האָבן געוואוסט, אַז זשיטלאָווסקי'ס געשריי פון אידישן פּאַראַזיטיזם און אידישע „שמוציקע פרנסות", סיי אין רוסלאַנד, סיי אין מערב־אייראָפּע, איז פאַלש פון אָנהויב ביזן סוף.

דאָס האָבן געוואוסט ערלעכע גוים אויך. דאָס האָבן געוואוסט זשיט־לאָווסקי׳ס אייגענע גויאישע חברים.

דאָס ביכל „יעווריי ק׳יעווריאַם״ („אַ איד צו אידן״), וואו ער וויקלט פאַנאַנדער דידאַזיקע געדאַנקען זיינע, איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן דורך אַ רוסישער סאָציאַליסטישער גרופּע. די רעדאַקטאָרן פון דער גרופּע האָבן צוגעשריבן אַ פאָרוואָרט צום ביכל, וואו זיי זאָגן פאָלגנדע ווערטער :

„די פאָרליגנדע בראָשור שטעלט מיט זיך נישט פאַר די בליקן פון די אַרויסגעבער אויף דער אידישער פראַגע. מיר דענקען נישט, אַז זיין בליק אויף דער ראָלע פון די אידן אין מערב־אייראָפּע און רוסלאַנד שטימט צונויף מיט דעם היסטאָרישן אמת״ (באַנד 6, ז. 7).

זיינע אייגענע גויאישע חברים זיינען אַרויס זיך אָנצונעמען פאַר אידן קעגן זשיטלאָווסקי׳ן!

די אַרויסגעבער זיינען געווען עכטע רוסן, ווי ס׳איז צו זען פון זייערע נעמען. זשיטלאָווסקי אַליין גיט אָן די נעמען. זיי זיינען געווען: פּ. וואָלכאָווסקי, ר. קעלטשעווסקי, ס. סטעפּניאַק, נ. טשאַי־קאָווסקי און ל. שישקאָ (באַנד 6, ז. 7). און זיי, כאָטש זיי האָבן דאָס ביכל אַרויסגעגעבן, זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען זשיטלאָוו־סקי׳ס שטאַנדפּונקט אויף אידן. ס׳איז היסטאָריש ניט אמת, זאָגן זיי, אַז די ראָלע פון אידן אין רוסלאַנד און אין אייראָפּע איז אַזוי ווי זשיטלאָווסקי שילדערט זי. זיי ווילן זיך ניט סאָלידאַריזירן מיט אים אין אַזאַ בליק און אין אַזאַ שטעלונג פון דעם אידישן פּראָבלעם.

גוים, און זיי האָבן בעסער פאַרשטאַנען און גערעכטער אָפּגע־שאַצט אידן, זייערע נויטן און פּראָבלעמען, ווי דער איד זשיטלאָוו־סקי.

די אַרויסגעבער זאָגן ווייטער אין דעם פאָרוואָרט אַז זיי פּלאַ־נעווען אַרויסצולאָזן אַ באַזונדער בראָשור וועגן דער אידישער פראַגע, מסתמא מיט דער כוונה אָפּצושלאָגן זשיטלאָווסקי׳ס טענות. צי אַזאַ בראָשור איז טאַקי אַרויסגעגעבן געוואָרן, ווייס איך נישט, נאָר די רוסישע רעדאַקטאָרן האָבן שוין דעמאָלט אָנגעטאָפּט זשיטלאָווסקי׳ס גאַנצן מהות, ווען זיי זאָגן ווייטער אין דעם פאָרוואָרט, אַז דער „מחבר איז צו זייער פאַדערלעך צו זיינע פאָלקסברידער און איז צו זייער נוטה, צוליב דעם געוואונשענעם, אַרויסצולאָזן פון אויג דאָס מעג־לעכע ביי די געגעבענע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען״.

עס קען ניט זיין קיין שאַרפערע קריטיק, און קיין ריכטיקערע כאַראַקטעריזירונג פון דעם גאַנצן מענשן, ווי אָט די באַהויפּטונג, אַז צוליב עפּעס אַ פאַנטאַזיע וואָס ער האָט געהאַט און געוואונשן, האָט ער פאַרבויגן דעם אמת, האָט אויסגערעדט כל דבר אסור

אויף אידן, און אַוועקפּליענדיק אין די וואָלקנס, האָט ער דערוויילֿ ניט געזען וואָס עס טוט זיך אַרום אים אויף דער ערד.

„דאָס מעגלעכע ביי די געגעבענע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינ־גונגען" האָט געמיינט — גלייכע רעכט פאַר אידן, דערווייל, ביז די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציעס. ס'איז זשיטלאָווסקי'ס גויאישע חברים אָפּנים שווער געווען צו באַגרייפן ווי אַזוי אַ איד קען אָפּזאָגן זיינע ברידער אין גלייכע רעכט איצט, אַפילו ווען ס'איז נאָר אַ דערוויילֿיקע דערלייכטערונג און נאָר אַ האַלבע דערלייכטערונג פון זייערע באַלדיקע נויטן, צוליב אַ פּלאַן, אַפילו דעם גאָלדיקסטן, וואָס ער האָט אויס־גע'חלומ'ט פון זייערטוועגן אויף שפּעטער.

וואָס דערדאָזיקער פּלאַן איז געווען וועלן מיר זען ווייטער. נאָר ס'איז נויטיק דאָ אָנצואווייזן, אַז ניט געקוקט אויף דער אָפּאָזיציע פון זיינע „פּאָלקסברידער" און זיינע פּאַרטיי־ברידער, האָט זשיט־לאָווסקי זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פון זיין געדאַנק וועגן גלייכע בירגער־רעכט פאַר אידן. ער האָט אין שפּעטערע יאָרן נאָר געמאַכט די הנחה, אַז מיר דאַרפן האָבן גלייכבאַרעכטיקונג צוליב אונזער „נאַ־ציאָנאַלער עהרע", אָבער דעם פּרינציפּ גופא האָט ער ניט געביטן.

אַזוי שרייבט ער, למשל, אין 1914, זיצנדיק צווישן די גלייכ־באַרעכטיקטע אידן אין אַמעריקע:

„אין אמת'ן האָט די בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג ערגעץ אין אייראָפּע נישט פאַרענטפערט די (אידישע) פראַגע. זי האָט אַפילו נישט געבראַכט מיט זיך דאָס, וואָס מ'האָט פון איר קודם כל דער־וואַרט: די צעשטרייאונג פון דעם אידישן פאָלק איבערן גאַנצן לאַנד און די פאַרלייכטערונג פאַר אים צו געפינען אַ מקור פרנסה".

„אויב וועמ עס איז האָט געוואונען פון דער עמאַנציפּאַציע, איז דאָס נישט די מאַסע, נאָר די מיטעלע און גרעסערע סוחרים, די גרויסע, מיטעלע, קליינע און מיקראָסקאָפּיש־קליינינקע אינטעליגענטן. און פונדעסטוועגן קעמפן מיר (!) פאַר דער עמאַנציפּאַציע. מיר טוען דאָס אויס קיין אַנדערן גרונט ווי נאָר מחמת דעם, ווייל מיר זיינען מענשן . . . ווייל אין דער באַגרענעצונג פון אונזערע רעכט ליגט אַ באַליידיקונג פון אונזער כבוד, אַ דערנידעריקונג פאַר אונזער ווערדע" (באַנד 8, ז. 106־105 און אין אַ סך אַנדערע ערטער).

ס'איז, הייסט עס, פּשוט „ניט שיין פאַר לייטן" צו זיין אָן ביר־גער־רעכט, אָבער קיין פּראַקטישע טובה דערפון קומט אונז נישט אַרויס.

ס'איז, פאַרשטייט זיך, איבעריק צו זאָגן, אַז די באַהויפּטונג אַז די גלייכבאַרעכטיקונג האָט גאָרניט גרינגער געמאַכט פאַר די אידישע מאַסן צו געפינען אַ מקור חיונה איז אַ „היסטאָרישער אמת" וואָס איז ניט היסטאָריש און ניט אמת.

און ניט נאָר פון דעם פּרינציפּ אַליין האָט זיך זשיטלאָווסקי ניט אָפּגעזאָגט, נאָר אויך ניט פון זיין מאָטיווירונג, אַז אידן נוצן אויס די גלייכבאַרעכטיקונג אויף אַ בזיונ'דיקן אופן. וואָס טוען דען אידן מיט זייער געוואונענער פרייהייט, און צוליב וואָס שטרעבן זיי צו דערדאָ־זיקער פרייהייט ?

„אידן רייסן זיך מיט אַלע כחות פון דעם תחום המושב" — האָט ער נאָך געשריבן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער — כדי צו קענען האַנדלען מיט אַלטע הויזן אין מאָסקווע" (באַנד 6, ז. 210).

נאָר וואָס האָט זשיטלאָווסקי פון זיין זייט אָנגעבאָטן די רוסישע אידן ? גלייכבאַרעכטיקונג ניט, האָפענונג אויף אַ באַלדיקער רעוואָלו־ציע ניט, וואָס זשע דען ?

ער האָט געבראַכט אַ פּלאַן. אַ פּלאַן וואָס איז אין זיך אַליין געווען כמעט אַזאַ שווערע אויפגאַבע ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע. ס'איז, נאָך זיין מיינונג, געווען אַ פּלאַן, וואָס וועט, אָדער „זאָל, מסוגל זיין איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו די יסורים און רדיפות פון דעם צוויי טויזנט־יאָריקן אידישן גלות". דער פּלאַן אין קורצן איז געווען :

„די ווידעראויפלעבונג פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד גופא" (באַנד 6, ז. 53).

זשיטלאָווסקי האָט אין אַזאַ פּלאַן געזען די איינציקע און פולע גאולה פאַר די אידן אין רוסלאַנד. דערווייל נאָר פאַר די אידן אין רוסלאַנד, שפּעטער האָט ער דעם פּלאַן אָנגעווענדט אויף אידן אין דער גאַנצער וועלט.

אומעטום זאָלן אידן אָוועקוואַרפן די שטאָט און דאָס שטעטל, זייערע פּאָזיציעס, זייערע מסחרים און מלאכות, זייערע אַלטע קהילות און אינסטיטוציעס, זייערע הייזער אוןביידלעך, זייער האָק און פּאָק און אָוועקגיין צו דער ערד.

דאָס אידישע פאָלק זאָל ווערן אַ פּויערים פאָלק.

און ער האָט פאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי :

„די אידן, ווערנדיק צוגעבונדן צו דער רוסישער ערד דורך ערד־אַרבעט, וועלן אויפהערן קוקן אויף זיך אַליין ווי פרעמדע אין רוס־לאַנד און די רוסישע ערד־אַרבעטנדיקע פעלקער וועלן אויפהערן קוקן אויף זיי ווי אויף אַ וואַנדער־פאָלק, וואָס לאָזט ניט אַריין קיין וואָרצלען אין דעם היימישן באָדן, ווי אויף שלעפּער אָן אַ שטאַם און אָן אַ גזע, אָן אייגענעם לאַנד".

„אידן וועלן אויפהערן זיין פּאַראַזיטן."

„די געזונטע פיזישע אַרבעט פון דעם אַקערמאַן וועט זיך וואויל ווירקענד אָפּרופן אויף דעם פיזישן און עטישן טיפּ פון דעם אידן."

„די אידישע אינטעליגענץ וועט זיך אומקערן צו איר פאָלק".

„און ווען עס וועט איינטרעטן — שרייבט ער — די אויסאיי־נונג פון אינטעליגענץ און פאָלק... וועט יעמאָלט זיין אַ סוף אויך צו דעם גייסטיקן יאָך פון אונזערע רבנים, צדיקים און אַלע אַנדערע אידישע אָבסקוראַנטן. אונזער באַגאַבט פאָלק וועט קענען אָריינ־נעמען אין זיך די יסודות פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע" (באַנד 6, ז. 53־54).

קורץ, אַלע אידישע נויטן און פּראָבלעמען, די עקאָנאָמישע און גייסטיקע, וועלן פאַרענטפערט ווערן דורך דעם פּלאַן, וואָס איז אין תוך געווען טעריטאָריאַליזם, לויט וועלכן די טעריטאָריע האָט געדאַרפט אויסגעטיילט ווערן פון אונזערטוועגן אין רוסלאַנד גופא.

און דער ענין „ערד" און אַ „אידיש פּויערים־פאָלק" איז פון דע־מאָלט אָן געוואָרן דער צענטראַלער געדאַנק פון זשיטלאָווסקי'ס גאַנ־צער לעבנס־אַרבעט.

לאָמיר באַטראַכטן גענויער דעמדאָזיקן ענין.

איר וועט באַמערקן, אַז אין זיין פאָרמולירונג רעדט זשיטלאָווסקי וועגן דער „ווידערבאַלעבונג פון דעם אידישן פאָלקס־לעבן אויף די יסודות פון ערד־אַרבעט אין רוסלאַנד גופא". דאָס וואָרט „גופא" האָט דאָרט אַ באַשטימטע באַדייטונג. ס'איז געמיינט אין רוסלאַנד גופא און נישט אין ארץ ישראל, ווי עס האָבן שוין דעמאָלט געשטרעבט די חובבי־ציון. אין דעמזעלבן ביכל „אַ איד צו אידן" רופט ער אָן די חובבי־ציון: „מיזאַנטראָפּן צו דער גאַנצער מענשהייט", וואָס שטרעבן „צו פאַרכאַפּן איינע פון די טערקישע פּראָווינצן" . . .

פון זיין פּאָלעמיק אַליין מיט דער חיבת־ציון באַוועגונג איז צו זען, אַז דער געדאַנק פון אַ צוריקקער צו ערד איז שוין דעמאָלט אומ־געגאַנגען אויף דער אידישער גאַס. אין אַלע אידישע הייזער האָט דעמאָלט הילכיק געקלונגען דאָס ליד „אין דער סאָכע ליגט מזל און ברכה". אויך האָט זיך גערודערט מיט די קאָלאָניזאַציע־פּלענער פון באַראָן הירש.

נאָר יענע אַלע באַוועגונגען און שטרעבונגען צו אַ צוריקקער צו דער ערד זיינען צוגעטראָטן צו דעמדאָזיקן געדאַנק פון אַן אייגענעם, אַ אידישן שטאַנדפּונקט. די באַגרינדונג איז געווען אַ אידישע. ספּע־ציעל אין דער חיבת־ציון באַוועגונג, וואו דער געדאַנק איז געווען נישט אַ צוריקקער סתם צו ערד, נאָר צו ארץ ישראל און צו אַלץ, וואָס ארץ ישראל שטעלט מיט זיך פאָר אַלס אידישע אידייע.

זשיטלאָווסקי אָבער איז צוגעגאַנגען צום געדאַנק פון אַ דרויסנ־דיקן, פון אַ גויאישן שטאַנדפּונקט, ריכטיקער געזאָגט — פון אַ רוסישן שטאַנדפּונקט, נאָך ריכטיקער געזאָגט — פון אַ רוסיש־נאַראָדנישן שטאַנדפּונקט. ער האָט די גאַנצע תורה געלערנט ביי די נאַראָדניקעס.

און געפּאָרט האָט ער עס, ניט מיט אידישקייט, נאָר מיט „אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע".

וואָס איז געווען די אידייע פון די רוסישע נאַראָדניקעס?

רוסלאַנד, האָבן זיי געזען, איז אַן אַגראַריש לאַנד, אַ לאַנד פון פּויערים. און זיי האָבן געוואָלט, אַז אַזוי זאָל עס בלייבן אויף שטענדיק. דער קאַפּיטאַליזם אָדער אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד איז נאָך געווען זייער קליין נישטיק, און די נאַראָדניקעס האָבן געמיינט, אַז מ'קען עס אָפּהאַלטן פון ווייטערדיקן וואוקס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז רוסלאַנד קען אויסמיידן דעם גורל פון קאַפּיטאַליזם.

נישט נאָר קען זי, נאָר זי דאַרף. דעם קאַפּיטאַליזם, מיט דער ספּעציעלער ציוויליזאַציע, וואָס ער ברענגט, מיט זיינע גרויסע שטעט, מיט זיין האַנדל, מיט זיינע פאַבריקן, מיט זיין פּראָלעטאַריאַט און לומפּן-פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ שווערער קללה וואָס פאַרדאַרבט דעם מענשן. דער קאַפּיטאַליזם מיינט ספּעציאַליזאַציע פון דעם יחיד, אַ ספּעציאַליזאַציע וואָס באַטאָנט איין טייל פון אים, איין אייגנשאַפט, איין טאַלאַנט, און לאָזט אַלע איבעריקע אייגנשאַפטן פון דעם גרונט-מענשן אַטראָפירט ווערן.

אַנדערש איז עס געווען אין דער אַלט-דאָרפישער ווירטשאַפט, וואו דער מענש האָט אַליין געאַקערט און געזייט און אַליין געבאַקן זיין ברויט, אַליין געשאָרן זיינע שעפּסן און אַליין געוועבט און געניייט זיין מלבוש. דאָ האָט זיך דער מענש אויסגעלעבט מיט אַלע זיינע חושים.

כמעט אינגאַנצן אַזאַ ווירטשאַפט איז נאָך געווען די רוסישע דאָרף-ווירטשאַפט אין דער צייט פון די נאַראָדניקעס, און זיי האָבן זיך געשראָקן אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל ניט קומען און צעשטערן דעם־דאָזיקן אידעאַלן גלייכגעוויכט אין דעם מענשן גופא, און צווישן דעם מענשן און דער נאַטור.

ראיות פאַר זייער שרעק לגבי דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג האָבן די רוסישע נאַראָדניקעס געפונען געגנוג אין אייראָפּע. זיי האָבן געקוקט אויף ענגלאַנד און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. פון ענגלאַנד איז געגאַנגען אַ גרויסער ווי-געשריי. די ענגלישע ראָמאַנטיקער האָבן געיאָמערט אויפן חורבן פון מענש און לאַנד, וואָס די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט געבראַכט אויף זייער פאָלק. דער דאָזיקער יאָמער איז אויף שטענדיק געבליבן הילכן אין דער ענגלישער ליטעראַטור. אַ סך ענגלישע שרייבער האָבן אין שיינע ווערק באַוויינט דעם חורבן וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט אַנגעמאַכט אין דער שיינער ענגלישער לאַנדשאַפט און אין די אַלטע, פּאַטריאַרכאַליש-אידילישע ענגלישע לעבנס-פאָרמען.

וואָס שייך דער ברכה פון דער ערד האָבן די נאַראָדניקעס אויך געשעפּט געדאַנקען פון איראָפּע. זייער רבי איז געווען זשאַן זשאַק רוסאָ, מיט זיין פילאָזאָפיע פון נאַטור און ציוויליזאַציע. דאָס אומגליק פון ציוויליזאַציע האָט רוסא אויסגעדריקט אין דעם באַרימטן זאָג, אַז די ציוויליזאַציע פאַרן מענשן איז „ווי אַ האַק אַריינגעהאַקט אין אַ בוים”. זיין אידעאַל איז געגאַנגען נאָך טיפער ווי צו דער פשטות פון דעם דאָרפישן לעבן. ער האָט אידעאַליזירט דאָס אמת'ע פּרימי־טיווע נאַטור־לעבן. זיין אידעאַלער מענש איז דער „נאַטור־מענש”. דער נאַטור־מענש איז פאַר אים אויך געווען דער מאָראַלישער מענש.

און אַזוי האָבן די נאַראָדניקעס געקוקט אויפן רוסישן פּויער. דער רוסישער פּויער איז נאָך געשטאַנען אַזוי נאָענט צום נאַטור־מענשן ווי מ'האָט זיך נאָר געקענט פאָרשטעלן. ער איז געווען אַזוי איינגעוואָקסן אין דער ערד, אַז מען האָט אים כמעט ניט געקענט אונ־טערשיידן פון איר. ער איז געווען דער בוים אין וועלכן די האַק פון ציוויליזאַציע האָט זיך נאָך ניט איינגעשניטן. און זיי האָבן געוואונשן אַז אַזוי זאָל בלייבן. זיי האָבן אין אים געזען דעם אדם השלם. ער האָט פאַר זיי פאַרקערפּערט די אומשולד און אַלע טוגנטן. זיי האָבן אים פאַרגעטערט. זיי האָבן אין אים געזען אַ מלאך אין לאַפּטיעס.

געווען אויך אַן אַנדער קוק אין איראָפּע אויפן ווען פון דעם פּויער, ניט אַזאַ שמייכלדיקער קוק, וואָס איז גלענצנד פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַזאַ ווערק ווי באַלזאַק'ס „לע פּעיזאַן” (די פּויערים). אָבער די נאַראָדניקעס האָבן דעמדאָזיקן בליק ניט אָנגענומען, און במילא ניט זשיטלאָווסקי.

צוויי אידעאַלן, אַלזאָ, האָבן די רוסישע נאַראָדניקעס געהאַט: אויסצומיידן די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג און אויפצוהאַלטן די פּרי־מיטיווע פּויערשאַפט.

זשיטלאָווסקי איז געווען אַ נאַראָדניק. און ער האָט גענומען די נאַראָדנישע תורה און ער האָט מיט איר אַראָפּגעגנידערט צו די אידן.

די אידן זיינען שוין געזעסן אין סאַמע האַרצן פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אינדוסטריאַליזאַציע — אין איראָפּע און אַמעריקע, און אויף וויפיל אַזאַ איז געווען אין רוסלאַנד — דאַרף מען זיי מיט גוואַלט פון דאָרט אַרויסציען, אין אַ נייעם יציאת מצרים.

די אידן זיינען נאָך ניט קיין פּויערים אין דאָרף, דאַרף מען זיי, מיט גוואַלט אויב נויטיק, פירן אַהין, אין אַ נייעם כנען פון מילך און האָניק.

אויסרייסן פינף־זעקס מיליאָן אידן פון דער שטאָטישער ציוויליזאַציע און זיי אַרונטערבויען צו אַ דאָרפישער — שוין פון דער ריזיקער אויפגאַבע אַליין שפּאַלט זיך דער מוח. אָבער ביי זשיטלאָווס־קי'ן איז עס געווען אַ שפּילכל.

ס'איז נישט נויטיק, און ס'איז דאָ אויך נישט מעגלעך, דורכצו־לופטערן נאָכאַמאָל די גרויסע היסטאָרישע דעבאַטע וועגן דעם קאַמף צווישן „נאַטור און ציוויליזאַציע", צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן פּרימיטיווקייט און קולטור. די דעבאַטעס זיינען שוין הונדערטער, אפשר טויזנטער יאָרן אַלט. די לעצטע גרויסע דעבאַטע אַזאַ איז גע־פאָכטן געוואָרן צווישן די רוסישע נאַראָדניקעס און די סאָציאַליסטן־מאַרקסיסטן, און טאַקי וועגן דעם גורל פון רוסלאַנד. דער מאַרקסיס־טישער שטאַנדפּונקט איז אַלעמאָל געווען, אַז דער גאַנג פון דער גע־שיכטע איז פון פשטות צו קאָמפּליצירטקייט, פון נאַטור צו קולטור, פון דאָרף צו שטאָט, און אַז דער מענשלעכער ווילן שפּילט דערביי קיין שום ראָלע נישט. דאָס, האָבן זיי געלערנט, איז דאָס געזעץ פון דער מענשלעכער געזעלשאַפט — אויך אַ נאַטור־געזעץ. און דאָס, האָבן זיי גע'טענה'ט, וועט אויך זיין דער גורל פון רוסלאַנד. קיין זאַך וועט עס נישט אָפּהאַלטן.

און אַזוי איז טאַקי געווען. נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלו־ציע איז רוסלאַנד מיט גרויסן רעש אַוועק אויפן וועג פון אינדוסט־ריאַליזאַציע.

מ'קען מיט די מאַרקסיסטן זיין מחולק אין אַ סך זאַכן, ספּעציעל אין זייער בליק אויף די כחות, וואָס טרייבן דידאַזיקע אַנטוויקלונג, דעם מאַטעריאַליזם. נאָר אין זייער בליק אויף דער דערשיינונג גופא, אויף דעם גאַנג פון נאַטור צו קולטור, זיינען זיי געוויס גערעכט.

און דאָס שטימט אינגאַנצן מיטן אידישן דרך דורך דער געשיכטע. אידן זיינען מענשן פון „ציוויליזאַציע". זיי האָבן שטענדיק געשטרעבט אַרויסצוהויבן דעם מענשן פון דער נאַטור און אים שטעלן איבער איר. דער היסטאָרישער קאַמף פון דעם אידן קעגן געצנדינערײַ איז נישט קיין אַנדער זאַך ווי אַ קאַמף קעגן דער נאַטור און פאַר ציוויליזאַציע. ס'איז נישטאָ קיין סתירה צווישן אידישקייט און קולטור, אידישקייט און טעכנישער, אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. די סתירה איז נאָר צווישן אידישקייט און די איבלען פון אינדוסטריע. אָבער די איבלען קענען פאַרמיטן ווערן. די נביאים זיינען געווען קעגן די זינד פון דער גרויסער שטאָט, זיי זיינען אָבער נישט געווען קעגן דער גרויסער שטאָט.

זשיטלאָווסקי האָט אָבער געוואָלט פאַרקירעווען דעם היסטאָרישן אידישן דרך אינגאַנצן צוריק צו דער פּרימיטיווקייט פון דער ערד.

זשיטלאָווסקי איז אין דער אידישער פראַגע געבליבן דער נאָ־ראָדניק. ער האָט געהאַלטן, אַז דער היסטאָרישער אידישער דרך איז אַ פאַלשער. ער האָט געגלויבט, אַז דער רוסישער פּויער איז אַ העכע־רער טיפּ מענש ווי דער איד, אַז דאָרף איז מער ווי שטאָט, און אַז

די רוסישע קוטשמע דאַרף פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם של ראש, און דער רוסישער „קאַזשוך" (פויערשער פעלץ) דאַרף פאַרבייטן דעם טלית.

ער האָט זיך געמעגט אַזוי האַלטן. די צרה איז אָבער געווען, וואָס ווען זשיטלאָווסקי איז געקומען און האָט גענומען אָנטאָן דעם מוזשיצקן קאַזשוך אויפן אידישן פאָלק, האָט ער אים אונז אָנגעטאָן אויף דער לינקער זייט. . . .

מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די רוסישע נאַראָדניקעס האָבן געקוקט אויף זייער פויער: זיי האָבן אים באַטראַכט פאַר דעם שענסטן און בעסטן טיפּ מענש. און זיי האָבן אים געוואָלט אויסהיטן פון דער פאַרדאָרבענער און פאַרדאָרבנדיקער ציווילזאַציע.

ניט אַזוי האָט זשיטלאָווסקי באַטראַכט זיינע אידן. ביי זשיט־לאָווסקי'ן זיינען די אידן געווען די פאַרדאָרבענע און פאַרדאָרבער. ער האָט אונז באַטראַכט פאַר פּאַראַזיטן. ער האָט די גאַנצע אידישע געשיכטע פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר אויפגעפאַסט ווי איין שטיק זינד און פאַרברעכן און האָט זי אַרויפגעלייגט אויף אונזערע פּלייצעס ווי אַ גרויסן לאַסטער.

עס איז באמת שווער צו פאַרשטיין פאַר וואָס זשיטלאָווסקי האָט אויסגעקליבן דווקא אַזאַ דרך. אויב ער האָט געוואָלט צוזאַמענפירן אַ שידוך צווישן אידישן פאָלק און דער נאַטור, האָט ער געקענט פאַר־לויבן אי דעם חתן אי די כלה. האָט ער אָבער די שיינקייט פון דער כלה געלויבט אין די הימלען, נאָר דעם חתן האָט ער פאַרגעשטעלט ערגער ווי דעם טייוול.

מיר קומען דאָ צו דערזעלבער פראַגע, וואָס מיר האָבן אויבן געפרעגט אין שייכות מיט זיין נאַציאָנאַליזם: צי שוין זשע האָט ער געמוזט פריער אויסשמירן דאָס אידישע פּנים אין בלאָטע, כדי צו באַווייזן, אַז אידן זיינען אַ נאַציע? און דערנאָך, אַז ער איז גע־קומען צו דער אידייע פון אַ אידישן פויערים־פאָלק, ניט שוין זשע האָט עס ניט געקענט אַנדערש באַגרינדעט ווערן ווי נאָר מיט אידישן „פּאַראַזיטיזם"?

זיין באַגרינדונג, ווי מיר וועלן עס שפּעטער זען גענויער, איז געגאַנגען אַזוי:

אידן זיינען פּאַראַזיטן אויף די פעלקער. אין האַנדל פרעסן זיי אויף דעם גויאישן הענדלער. אין אַרבעט פרעסן זיי אויף דעם גויאישן אַרבעטער. אין די פּראָפעסיעס פרעסן זיי אויף דעם גויאישן פּראָ־פעסיאָנאַל. דערפאַר האָט מען זיי שטענדיק און אומעטום פיינט. ס'איז אַ קאַמף פון דעם אידן קעגן דעם נישט־אידן און פון דעם ניט־אידן קעגן דעם אידן, אין דעמדאָזיקן קאַמף מוז דער איד אַרויסרופן האַס קעגן זיך און סוף־כל־סוף פאַרלירן.

דעריבער, לערנט זשיטלאָווסקי, „מוז די מאַיאָריטעט פון דער אידישער באַפעלקערונג קאָנצענטרירט ווערן אין יענע עקאָנאָמישע ספערן, וואו עס קומט פאַר נישט אַ קאַמף פון מענש און מענש, נאָר אַ קאַמף פון מענש און נאַטור. מיר מוזן אַראָפּקלעטערן פון יענע בוימער, אַרום וועלכע מיר האָבן זיך פּאַראַזיטיש אַרויפגעפלאַנצט, ווידער לאָזן אייגענע וואָרצלען אין דעם באָדן, אין אַלע געביטן פון ערד־אַרבעט: תבואה־פּראָדוקציע, גערטנעריי, פּי־צוכט, בלומען־צוכט, מילך־ווירטשאַפט און אַזוי ווייטער — ווידער צופאַלן צו די פולע בריסט פון אונזער אַלעמענס מוטער, וועלכע פאַרטרייבט קיינעם ניט און טראָגט קיינעם קיין שנאה ניט, ווער עס זויגט זי אויס מיט ליבע און פאַרשטאַנד״ (באַנד 6, ז. 242).

איך ווייס נישט, צי עמיצער האָט זשיטלאָווסקי׳ן אַמאָל געפרעגט, איך ווייס נאָר, אַז זשיטלאָווסקי האָט קיינמאָל נישט געענטפערט אויף דער פאָלגנדיקער פראַגע:

איז דען אין די געביטן פון ערד־אַרבעט נישטאָ קיין קאָנקורענץ? קאָנקורירט נישט איין תבואה־לאַנד מיט אַ צווייטן, און איין תבואה־פּויער מיט אַ צווייטן? און איז דען נישטאָ די אייגענע קאָנקורענץ צווישן זיי מיט פלאַקס און בוימוואָל, מיט פּי, בהמות, אָקסן, קעלבער, שעפּסן, וואָל און פעל? און די פאַרמער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מילך־ווירטשאַפט — פירן זיי דען נישט זייער מילך אויפן מאַרק? טאָ ווי אַזוי וועלן שוין אפילו דידאָזיקע געביטן אַנטרינען פון דער אידישער קאָנקורענץ? און אויב דער איד קען אויסקאָנקורירן דעם גויאישן אַרבעטער און הענדלער און פּראָפעסיאָנאַל, צי וועט ער נישט נאָך בעסער אויסקאָנקורירן דעם גויאישן פּויערשן קאָפּ? אַנשטאָט צו קאָנקורירן מיט׳ן שטאָטישן גוי, וועט דער איד קאָנקורירן מיט׳ן דאָרפישן, וואָס זשע איז די פּעולה? ווי אַזוי וועט עס דעמאָלט אויסהיילן דעם אַנטיסעמיטיזם?

אַפּנים, אַז פון דעם אידישן „פּאַראַזיט״ קען מען זיך אין ערגעץ נישט באַהאַלטן. און אין ד״ר זשיטלאָווסקי׳ס רפואה ליגט אין אמת׳ן אַ סכנה, אַז דער איד, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרדאָרבן די שטאָט, זאָל נאָך פאַרדאַרבן דעם אידילישן דאָרף אויך, דעם איינציקן פּלאַץ אין דער וועלט, וואו דער גוי האָט נאָך געקענט זיך באַהאַלטן פון דעם אידן...

סיידן אַז ד״ר זשיטלאָווסקי׳ס טעאָריע האָט פאַרגעזען, אַז דער אידישער פּויער זאָל נישט גיין מיט זיינע פּראָדוקטן אין מאַרק אַריין, און זאָל זייען בלויז אַזוי פיל תבואה ווי ער דאַרף נאָר פאַר זיין אייגענער אויסקומעניש, האָדעווען נאָר אַזוי פיל בהמות און קעלבער ווי ער דאַרף פאַר זיין אייגן מילך און פלייש. און קליידער זאָל ער זיך שפּינען און וועבן און נייען אַליין פון זיינע אייגענע פּראָדוקטן.

און אַזוי ווי, אויב ער וועט נישט גיין אויפן מאַרק מיט זיין תבואה, וועט ער נישט האָבן קיין געלט, און אָן געלט וועט ער נישט קענען קויפן קיין טראַקטאָר, און אפילו קיין אַקעראייזן אויך נישט, וועט ער אַקערן מיט אַ הילצערנעם אַקער, טאַקי אַזוי ווי דער פויער אין מלך סאָביעסקי'ס צייטן . . .

דעמאָלט וועלן אידן טאַקע קומען צו יענער אידעאַלער פרימי־טיווקייט, וועגן וועלכער רוסאָ האָט געחלומ'ט. און אָן ערך אַזוי האָבן טאַקי געטרוימט די רוסישע נאַראָדניקעס וועגן דעם רוסישן פויער.

און צו אָט דער מדרגה פון טאָטאַלער פרימיטיווקייט האָט עס זשיטלאָווסקי געוואָלט דערפירן דאָס אידישע פאָלק, דאָס שטאָטישסטע, דאָס ציוויליזירטסטע פאָלק אין דער געשיכטע.

איבער דער וועלט האָט מאַרשירט דער גייסט פון דער אַמערי־קאַנישער רעוואָלוציע און דער פראַנצויזישער. עס איז אומעטום אָנ־געגאַנגען דער פראָצעס פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיזירונג פון דעם לעבן פון די פעלקער. עס האָט אומעטום געברויזט דער שטראָם פון טעכנישער מאָדערניזירונג.

אין אַזאַ צייט איז געקומען זשיטלאָווסקי און האָט געוואָלט די אידן, די אידן אַליין צווישן אַלע פעלקער, אָוועקשטעלן דרויסן פון דעמדאָזיקן וועלט־פראָצעס.

און אַז מ'האָט אים נישט געוואָלט און נישט געקענט פאָלגן, האָט ער — געזידלט אידן . . .

אַ לעבן לאַנג האָט ער געזידלט אידן . . .

ווער איז שולדיג אין דעם אַנטיסעמיטיזם?

מיר לייענען ביי זשיטלאָווסקי'ן:

„אויב דאָס אידישע פאָלק האָט נאָך כחות צו לעבן אין גלות, צו בויען אַן אייגענעם לעבן, איז די בעסטע באַדינגונג דערצו, אין גלות, נישט די שטאָט נאָר דאָס אידישע דאָרף (באַנד 10, ז. 185).

דאָס האָט ער געשריבן שוין נישט אין 1892 ווי אַ רעצעפּט פאַר די אידן פון רוסלאַנד, נאָר אין 1911, ווי אַ רעצעפּט פאַר די אידן פון אַמעריקע און פון דער גאַנצער וועלט.

נאָר שוין דעמאָלט, אין 1911, איז געווען קלאָר, אַז דאָס אַמע־ריקאַנישע דאָרף ווערט קלענער, אַ טייל פון דער פאַרמער־באַפעלקע־רונג שטראָמט פון דאָרף אין שטאָט אַריין. דאָס איז געוואָרן אומ־פאַרמיידלעך צוליב דער מאָדערניזירטער פאַרם־טעכניק, וואָס פּראָ־דוצירט אַלץ מער און מער שפּייז מיט אַלץ ווייניקער און ווייניקער הענט. דידאָזיקע טענדענץ האָט זיך באַוויזן אומעטום אין דער גאַנ־צער וועלט.

אין דער צייט, אַלזאָ, וואָס דאָס דאָרף טרייבט מענשן אין שטאָט אַריין, האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט טרייבן אידן אין דאָרף אַריין. וואָס פאַראַ אויסזיכטן אויף דערפאָלג האָט געקענט האָבן אַזאַ איינציקע און אויסשליסלעכע לייזונג פון דער אידישער פראַגע, וואָס איז געגאַנגען אינגאַנצן להיפּך דעם וועלט־שטראָם?

זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען די אידן אין אַ פּויערים־פאָלק, ניט נאָר דערפאַר וואָס די פּויערשאַפט דאָרף זיין דאָס אידעאַלע לעבן פאַר אידן, נאָר אויך ווי דאָס איינציקע מיטל אָפּצורייסן די אידן פון זייער זינדיקן לעבן דורך דעם פאַרפלוכטן, זינדיקן האַנדל.

מיר האָבן שוין געזען, אַז זשיטלאָווסקי האָט באַטראַכט די גאַנצע אידישע געשיכטע אין גלות ווי איין שטיק זינד, דערפאַר וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיך פאַרוואַנדלט, און מיט כוונה, אין אַ דורכאויס הענדלערישן פאָלק און דורכדעם באַשאַפן דעם אַנטיסעמיטיזם. די הענדלערישע טעטיגקייט, דער „שטאָלץ" פון אידישן פאָלק, שרייבט ער, איז די הויפּט־אורזאַך — אויב נישט די איין־איינציקע אורזאַך — פון דעם אַנטיסעמיטיזם (באַנד 6, ז. 245).

עס זיינען דאָ אָן אַ שיעור זאַכן אָפּצופרעגן אויף אַזאַ שטאַנד־פּונקט. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט צוויי.

קודם־כל, צי איז טאַקע האַנדל אין זיך אַליין אַזאַ פאַרברעכן ?

איך האָב דאָ נישט בדעה זיך אַריינצולאָזן אין די טעאָריעס פון האַנדל. דאָס איז גאַרנישט נויטיק פאַר אונזער צוועק. פאַר אונזער צוועק וועט געננוג זיין אָנצואווייזן, אַז זשיטלאָווסקי אַליין איז אייגנטלעך נישט גאַנץ זיכער צי האַנדל איז טריף אָדער כשר. איר געפינט ביי אים ביידע שטאַנדפּונקטן. אַמאָל איז עס ביי אים טריף, אַמאָל איז עס ביי אים כשר.

ווי אַ סאָציאַליסט האָט זשיטלאָווסקי, פאַרשטייט זיך, זיך אָנגעשפּאַרט אויפן סאָציאַליזם און זיין לערע וועגן האַנדל. שרייבט ער אין איין אָרט קאַטעגאָריש, אַז „ס'איז נישטאָ קיין איין ריכטונג אין סאָציאַליזם, וואָס האָט אַ גוט וואָרט פאַר'ן האַנדל".

אָבער אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער, אַז האַנדל איז אין די אויגן פון סאָציאַליסטן אַ פּראָגרעסיווע זאַך, ווייל ער העלפט באַשאַפן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם.

און נאָך אין אַן אַנדער אָרט, ריידנדיק וועגן פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און איינריכטונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, שרייבט ער:

„פאַר מיר, ווי פאַר יעדן סאָציאַליסט, איז קיין ברעקל ספק ניט, אַז נאָר אַ קליינער טייל פון זיי זיינען באמת סאָציאַליסטיש נויטיק. דאָס רוב פון זיי, דער עיקר, דער קאַפּיטאַליסטישער מסחר און חילוף, זיינען נאָר היסטאָריש נויטווענדיק" (באַנד 8, ז. 109).

ווי אַ סאָציאַליסט, אַלזאָ, האַלט ער גלייך מיט אַלע סאָציאַליסטן, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער האַנדל איז היסטאָריש נויטיק. טאָ פאַרוואָס האָט ער געזאָגט, אַז קיין איין ריכטונג אין סאָציאַליזם האָט ניט קיין גוט וואָרט פאַרן האַנדל ? און מיט וואָס זשע זיינען אידן אַזוי הוטא בעגל, אויב זיי דערפילן אַ היסטאָרישע פונקציע ?

אפילו אין פרימיטיווע געזעלשאַפטן איז דער חילוף געווען אַ נוצלעכע פונקציע, און אין אַזאַ קאָמפּליצירטער געזעלשאַפט ווי די מאָדערנע, איז האַנדל אודאי אַ נוצלעכע, אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך. אפילו סאָוועט־רוסלאַנד פירט אויך האַנדל, און ניט בלויז מיט דער דרויסנדיקער וועלט. די רעגירונג האַנדלט קודם־כל מיט דער אייגענער באַפעלקערונג. און איין סאָוועטישער טראַסט האַנדלט מיט אַ צווייטן סאָוועטישן טראַסט, און מאַכט אפילו ריוח. אמת, דער ריוח האָט דאָרט אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע, ניט קיין פּריוואַטע, אָבער די אינסטיטוציע פון האַנדל איז דאָ.

די צווייטע שאלה, וואָס מיר האָבן, די שאלה פון אַלע שאלות,

איז נאָך וויכטיקער, און נעמלעך: צי איז אמת זשיטלאָווסקי'ס גאַנצע הנחה, אַז אידן זיינען נאָר אַ הענדלער־פאָלק?

אין די אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך פון דעם אידישן תחום אין רוסלאַנד — ווער זיינען געווען די שניידער? — אידן. די שוס־טער? — אידן. די סטאָליאַרעס? — אידן. די שמידן, די בלעכערס, די מוליאַרעס, זייגערמאַכער, קירזשנער, פאַרבער — אַלץ אידן. דער רוסישער פויער האָט דאָך קיין שער און נאָדל נישט געקענט האַלטן אין האַנט. די אידן האָבן אים באַשוכט און באַקליידט.

דאָס האָט געוואוסט און געזען יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט אָפענע אויגן. מ'האָט דערויף נישט געדאַרפט קיין שטודיעס און קיין סטאַטיסטיקעס.

נאָר נאָך אין די אַכציקער יאָרן האָט אַ רוסישער עקאָנאָמיסט מיטן נאָמען סובאָטין אויסגעפאָרשט די „טשערטאַ”, דעם אידישן תחום, און נאָך אים איינער מיטן נאָמען פעסקאָווסקי, און אָט וואָס מיר לייענען ביי זיי: שרייבט פעסקאָווסקי:

„אין דעם תחום־המושב געפינען מיר אַזאַ גרעלן בילד פון דער ריזיקער פיזישער אַרבעט פון די אידן, אַז עס קומט אויס צו חידוש'ן זיך ווי אַזוי אָט די דערשיינונג האָט געקענט עד היום בלייבן כמעט אינגאַנצן אומבאַקאַנט דעם (רוסישן) לעזנדיקן פובליקום. אויב עס איז יאָ דאָ עקספּלואַטאַציע אין דעם תחום המושב, איז עס די עקספּלואַ־טאַציע פון דער אין לשער וואָלוועלער אידישער אַרבעט. אין פאַרגלייך מיט די מאַסן פון אָט דער עקספּלואַטאַציע ווערט אינגאַנצן פאַרבלאַסט און פאַרשוואונדן די אַזוי אַנגערופענע „אידישע עקספּלואַטאַציע” — די עקספּלואַטאַציע, הייסט עס, דורך אידן.

אַלזאָ, „ריזיקע פיזישע אַרבעט פון אידן,” און אידישע „עקספּלואַ־טירטע” נאָך דערצו — דער כשר'סטער פאַספּאָרט אין דעם פּראָלע־טאַריאַט אַריין.

איך אַליין האָב סובאָטינ'ען נישט געלייענט. אויך נישט פעס־קאָווסקי'ן. די צוויי נעמען, און די געבראַכטע ציטאַטע, האָב איך גענומען ביי זשיטלאָווסקי'ן, אין זיין ביכל „אַ איד צו אידן” (באַנד 6, ז. 6‏-15). ער אַליין ברענגט זיי ווי אַ באַוויז, אַז ס'איז דאָ אַ גרויסער אידישער פּראָלעטאַריאַט.

ווי אַזוי־זשע איז עס שפּעטער רעכט געוואָרן ביי זשיטלאָווסקי'ן צו קומען און אַ לעבן לאַנג אָפּשרייען אַ געשריי, אַז אידן זיינען נאָר אַ הענדלער־פאָלק? מיט וואָס פאַראַ מאָראַלישן רעכט האָט ער עס געטאָן?

אין זיין ביכל „אַ איד צו אידן” פרעגט ער אַליין: ווי אַזוי איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט פון דער אידישער פראַגע? „דאָס אידישע פאָלק — שרייבט ער

— דער פּשוט'ער האַנט־אַרבעטער, דער ערד־גרעבער, דער טרעגער, דער שטיין־האַקער און אַזוי ווייטער, און וואו ס'איז נאָר מעגלעך, דער ערד־אַרבעטער — אָט דער גאַנצער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז ערגעץ־וואו אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון דעם האָריזאָנט פון דער אידישער פראַגע און האָט געמוזט ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט 'אַנטדעקט' ווערן פון אַ רוסישן פאָרשער, דעם באַקאַנטן עקאָנאָמיסט סובאָטין" (באַנד 6, ז. 15). אָבער דיזעלביקע פראַגע איז דאָך חל געוואָרן אויף זשיטלאָווסקי'ן אויך: ווי אַזוי איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט פּלוצלינג פאַרשוואונדן פון זיין אייגענעם האָריזאָנט אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע דיסקוסיעס פון דער אידישער פראַגע?

מיט זיינע אויגן האָט ער אויך געזען אַ גרויסן אידישן פּראָלעטאַריאַט אין שפּעטערדיקן פּוילן, אין אַמעריקע, אין ענגלאַנד. אין זיינע שריפטן, ווען עס פלעגט אים פּאַסן, פלעגט ער באַנוצן, און דווקא אָפּט, אַזעלכע אויסדריקן, ווי „אידישע אַרבעטער־באַוועגונג", „אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען". און דאָך, ווען עס פלעגט קומען צו תכלית, פלעגט ער אַלץ שרייען זיין געשריי: אידן זיינען נישט קיין פּראָדוקטיוו פאָלק, אידן זיינען אַ הענדלער־פאָלק.

טאָ ווי אַזוי האָט געקענט זיין אַ אידישע אַרבעטער־באַוועגונג"? ווי אַזוי קען זיך באַוועגן אַ זאַך, וואָס איז נישטאָ? . . .

טראַכט מען זיך אָבער אַריין אַביסל טיפער אין דעם ענין, ווערט קלאָר פאַרוואָס דער אידישער פּראָלעטאַריאַט איז ווי אַ פויגעלע אַרויס־געפלויגן פון זשיטלאָווסקי'ס פענסטער און איז פאַרשוואונדן. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אים פּשוט געשטערט אין זיין גאַנצן אידעאַל און אידעאָלאָגיע.

דאָס לאָזט זיך מסביר זיין אַזוי:

אויפן גרונט פון זשיטלאָווסקי'ס אינערלעכן וועזן איז געלעגן אַ געוואַלטיקע פאַרהערלעכונג פון דעם מהות גוי און אַן אומגעהויערע פאַראַכטונג פון דעם מהות איד. און אין דעם גרויסן חשבון צווישן איד און גוי האָט ער געצויגן, באַוואוסטזיניק און אומבאַוואוסטזיניק, אויף דער זייט פון דעם גוי. מיר וועלן עס נאָך זען ביי אים אין דעם ענין גויאישע קולטור קעגן אידישער, און מיר זעען עס אויך אין דעם ענין אַנטיסעמיטיזם.

עס איז אַלעמאָל געשטאַנען די פראַגע: ווער איז שולדיק אין דעם אַנטיסעמיטיזם, דער איד אָדער דער גוי? אידן האָבן שטענדיק גע'טענה'ט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ גויאישע קרענק און זיי דאַרפן פון איר געהיילט ווערן. אין די לעצטע דורות, און גאַנץ באַזונדערס אין אונזער אייגענעם דור, האָבן אַ סך פריינטלעכע קריסטן אויך אָנגענומען דעמדאָזיקן שטאַנדפּונקט.

נישט אַזוי זשיטלאָווסקי. ער האָט געהאַלטן, אַז דער אַנטיסעמי־

טיזם איז דורכאויס נאָר אַ אידישע קרענק. אידן אַליין פּראָדוצירן די באַצילן וואָס ברענגען די מגפה. אַזוי ווי אין דער „שוואַרצער פּעסט" האָבן די אידן, כידוע, פאַר'סמ'ט די גויאישע ברונימער, אַזוי פאַר'סמ'ען זיי היינט די ריינע ברונימער פון די גויאישע הערצער מיט די באַצילן פון אַנטיסעמיטיזם. די הויפּט־סיבה איז ווייל זיי זיינען אַ הענדלער־פאָלק און זייער ראָלע אין דער געשיכטע איז די ראָלע פון אַ פּאַראַזיט אויפן קערפּער פון די פעלקער.

אָבער אַרבעטער זיינען נישט קיין פּאַראַזיטן אפילו לויט דער טעאָריע פון די נאַראָדניקעס, וואָס שטעלן דעם פויער העכער פון דעם אַרבעטער. וואָס־זשע האָט זשיטלאָווסקי געקענט טאָן מיטן אידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט אים געשטערט אין זיין גאַנצער טעאָריע פון אַנטיסעמיטיזם? די פּסיכאָלאָגיע לערנט אונז, אַז פאַרגעסן פאַרגעסט אַ מענש דאָס, וואָס איז אים נישט באַקוועם אָדער נישט אנגענעם צו געדענקען. דער אידישער אַרבעטער האָט זיך נישט באַקוועם אַריינגעפּאַסט אין זשיטלאָווסקי'ס פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע, האָט ער אים ביסלעכווייז פאַרגעסן און אַרויסגעוואָרפן פון זיינע באַגרינדונגען און קאַלקולאַציעס.

צוליב דעמזעלבן טעם האָט אים געפּאַסט אַרויסצושטעלן דעם האַנדל ווי אַ געזעלשאַפטלעכע קללה. ער האָט אויסגעקליבן צו איגנאָרירן דאָס פּאָזיטיווע וואָס אפילו די סאָציאַליסטישע טעאָריע האָט אַנערקענט אין דעם האַנדל. ער האָט דעם האַנדל פאָרגעשטעלט שיעור ניט ווי גניבה, גזילה און רציחה.

איצט האָט זיך שוין זשיטלאָווסקי'ס טעאָריע אויסגעלייגט זייער נעט: האַנדל איז פּאַראַזיטיזם; אידן זיינען נאָר אַ האַנדלס־פאָלק, דעריבער זיינען אידן פּאַראַזיטן. אַ פּשוט'ער סילאָגיזם.

און ווייטער: דער אידישער פּאַראַזיטיזם רופט אַרויס דעם אַנטי־סעמיטיזם; בכן זיינען די אידן שולדיק אין דעם אַנטיסעמיטיזם.

און די גוים און די „ציוויליזאַציע" ווערן אויף אַזאַ אופן ריינ־געוואַשן פון זינד לגבי דעם אידישן פאָלק.

דאָס איז דער אלף און תו פון זשיטלאָווסקי'ס אידישער געשיכטס־פילאָזאָפיע. דאָס איבעריקע איז שוין נאָר דרש.

ער האָט אפילו ניט געפּרואווט פאַרשטיין די היסטאָרישע סיבות וואָס האָבן אָפּגעריסן אידן פון לאַנד, ערד, און מלאכה און אַזוי פיל פון זיי אַריינגעטריבן אין דעם געביט פון האַנדל אומעטום אין דער וועלט. פאַרקערט, ער האָט פאָרגעשטעלט ווי די אידן האָבן אַליין געהאַט דעם פרייען ווילן און די ברירה, די ברירה אויסצו־קלייבן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן ערלעכער אַרבעט און אומ־זיסט־פרעסעריי, און זיי האָבן אויסגעקליבן דאָס שלעכטס און דעם פּאַראַזיטיזם.

ער האָט רייִנגעוואַשן די וועלט און אויסגעפּלעקט די אידן.

ער איז געווען אַ גוטער סניגור פאַר די גוים, אַ ביטערער קטיגור אויף די אידן.

און פון דערדאָזיקער שטעלונג האָט ער געצויגן די לאָגישסטע קאָנסעקווענץ.

„אויב — האָט ער געשריבן — דער אידישער האַנדל מיט דעם נישט־אידן איז אַ קוואַל, פון וועלכן עס מוז שלאָגן אַנטיסעמיטיזם, איז דעמאָלט — קאַמף אַנטקעגן דעם אידישן האַנדל מיט דעם נישט־אידן!" (באַנד 6, ז. 208).

און דערדאָזיקער פאָרמולע איז זשיטלאָווסקי געבליבן געטריי זיין גאַנץ לעבן.

עס איז אָבער געווען איין קליינע פראַגע, וואָס גראַבט אונטער גלייך אין אָנהויב זשיטלאָווסקי'ס גאַנצן יסוד, נאָר ער האָט זי קיינמאָל ניט געפרעגט. די פראַגע איז: פאַרוואָס?

אייגנטלעך פאַרוואָס מוז עס פון דעם אידישן האַנדל מיט דעם ניט־אידן אַרויסקומען אַנטיסעמיטיזם? פאַרוואָס דאַרף מען דאָס דווקא קעמפן קעגן דעם אידן? אפשר איז שולדיק דער ניט־איד? מיר זעען, למשל, אַז דער דייטש האַנדלט מיט אַ דייטש און דאָס רופט ביי אים ניט אַרויס קיין אַנטי־דייטשיזם. דער פראַנצויז האַנדלט מיטן ענגלענדער, און דאָס רופט ניט אַרויס קיין אַנטי־פראַנצויזיזם ביים ענגלענדער, און אויך נישט קיין אַנטי־אַנגליציזם ביים פראַנצויז. זעען מיר דערפון, אַז נישט אין דעם האַנדל גופא ליגט די שנאה. פאַרוואָס־זשע איז דווקא דער אידישער האַנדל אַזוי פאַרשאָלטן, אַז ער רופט אַרויס אַנטיסעמיטיזם?

אויף דערדאָזיקער פראַגע וועט איר אומזיסט זוכן ביי זשיטלאָווסקי'ן אַן ענטפער. אפשר דערפאַר וואָס אַזאַ ענטפער פירט גאָר צו אַן אַנדער באַגריף פון דעם מהות פון אַנטיסעמיטיזם, און דעם מהות פון איד און גוי, ווי זשיטלאָווסקי האָט געהאַט און געוואָלט האָבן. פון אַזאַ ענטפער האָט נאָך געקענט, חלילה, אויסקומען אַז די וועלט, ניט דער איד, איז שולדיק.

און די וועלט איז פאַר זשיטלאָווסקי'ן געווען מער ווי איד.

דער איד, נישט די וועלט שטייט אין זשיטלאָווסקי'ס ווערק אָנגעקלאָגט פאַר דער געשיכטע אין דעם גרויסן פראָבלעם פון אַנטי־סעמיטיזם, אין דעם פראָבלעם פון שנאת עולם לעם עולם.

אין דעמדאָזיקן אַלטן, אייביקן „פראָצעס" צווישן דעם אידן און דער מענשהייט האָט זשיטלאָווסקי אָוועקגעשטעלט דעם אידן אַלס דעם אָנגעקלאָגטן, און פאַר זיך האָט ער גענומען די ראָלע פון פּראָקוראָר.

און אַ שטרענגער פּראָקוראָר איז זשיטלאָווסקי געווען.

צווי הויפּטזאַכן האָט יעדער גוטער און ערלעכער פּראָקוראָר צו טאָן.

עס איז, ערשטנס, זיין עובדא פאַרצושטעלן דעם פאַרברעכן פאַרן געריכט אין די ערגסטע פאַרבן און אויסצומאָלן דעם פאַר־ברעכער שוואַרץ ווי אַ שד; און דאָס טוט זשיטלאָווסקי על צד היותר טוב.

דער פּראָקוראָר דאַרף אויך באַווייזן, אַז דער פאַרברעכער האָט געוואוסט, אַז זיין האַנדלונג איז פאַרברעכעריש, נאָר ער איז זיין פאַר־ברעכן באַגאַנגען באַוואוסטזיניק און מיט קלאָרער כוונה. און אויך דאָס טוט זשיטלאָווסקי מיט גרויס שלימות.

דריי פערטל פון זיינע ווערק און פיר פערטל פון זיין טאַלאַנט האָט זשיטלאָווסקי אַוועקגעגעבן אויף צו באַווייזן, באַגרינדן און באַ־פעסטיקן זיין אָנקלאַגע קעגן אונז.

שוין אין זיין סאַמע ערשטער שריפט איז ער אויפגעטראָטן ווי דער שטרענגער פּראָקוראָר קעגן אידן. דאָס איז געווען זיין ביכל אין רוסיש: „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סודבאַך יעווריסטוואַ" — געדאַנקען וועגן היסטאָרישן גורל פון אידישן פאָלק, פון יאָר 1887. דאָסדאָזיקע ביכל איז אַרויס נאָך מיט פינף יאָר פאַר דעם „אַ איד צו אידן". אין די „מיסלי" גיט ער אַן איבערבליק איבער דער גאַנצער אידישער געשיכטע און זאָגט, אַז זינט נאָך דער עפּאָכע פון דעם תנ"ך, און פון די איסיים נאָכן תנ"ך, זיינען אידן באַוואוסטזיניק אַריבער אין דער ראָלע פון אַ הענדלער־פאָלק. אָט ווי אַזוי זשיטלאָווסקי אַליין באַשרייבט יענעם ערשטן ביכל זיינעם: „די הענדלערישע טעטיקייט, דער שטאָלץ פון אידישן פאָלק, דער גרונט, אויף וועלכן די אַסימי־לאַטאָרן האָבן געפאָדערט די גלייכבאַרעכטיקונג מיט דער וואָרצל־האַפטער באַפעלקערונג, ווערט דאָרט אָנגערירט נישט גאָר מיט זיי־דענע הענטשקעס. די קריטיק פון דערדאָזיקער טעטיקייט, וואָס האָט פאַראורטיילט דאָס אידישע פאָלק צו דער ראָלע פון אַ פּאַראַזיט אויף דעם קערפּער פון אַנדערע פעלקער . . . " א. א. וו. (באַנד 6, ז. 245).

דאָס איז דער יסוד פון דער קלאַגע. און דידאָזיקע טענה איז ער ניט מיד געוואָרן צו טענה'ן דאָס גאַנצע לעבן. ס'איז כמעט ניט געווען קיין אַרבעט וואָס איז אַרויס פון זיינע הענט, וואו ער זאָל ניט וואַריאירן אויף דערדאָזיקער אייביקער טעמע זיינער. דאָ האָט ער באמת מקיים געווען דעם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך בשכבך ובקומך . . .

דער האַנדל אַליין איז שוין גענוג פאַרברעכן, שטייט זשיטלאָווסקי און טענה'ט פאַרן געריכט פון דער געשיכטע, אָבער גיט נאָר אַ קוק ווי אַזוי דער איד האַנדלט!

„די אידישע סוחרים — שרייבט ער — וואָס רייסן צווישן זיך

אליין איינער ביי דעם אנדערן דעם ביסן פון מויל ארויס, האבן נישט קיין אפשיי פאר דעם ביסן, וואס שטעקט אין די ציין ביי דעם נישט־אידן; און דער גוי, וועלכן עס האט זיך געדאכט, אז ער האלט שטארק אין די ציין זיין „חלק", ווערט מלא חמה, ווי נאר ער באמערקט, אז פון זיין חלק איז שוין אים קיין זכר נישטא און א גאנצע מחנה אידן שלאגן זיך צווישן זיך פאר די פיצלעך פון זיין ביסן" (באנד 5, ז. 52).

נעבאך אויף די גוים, א גרויסער נעבאך . . .

„לאמיר נעמען צ. ב. דאס קליידער־געשעפט אין אויסלאנד, טענה'ט זשיטלאווסקי ווייטער. די פאבריקאציע פון פארטיקע קליידער און שיך קוילעט אוועק טאג־טעגלעך דעם אויסלענדישן בעל־מלאכה. ביי וועמען אין די הענט ליגט אבער כמעט דאס גאנצע קליידער־געשעפט? — ביי דעם אידן! און דער גויאישער בעל־מלאכה גייט פארביי די אידישע קליידער־מאגאזינען, וואס מערן זיך פון טאג צו טאג און ווערן פון טאג צו טאג אלץ גרעסער, און אין זיין מח עגבערט נאר איין געדאנק: ווי ווערט מען פטור פון דעם פרעמדן קאנקורענט? ווי דערשלאגט מען דעם פיינט, וואס זיין איינציקע כלי־זיין איז ווארלוולקייט? די סחורה טויג טאקי אויף כפרות, אבער דער מקח איז וואלוול!

„דאסזעלבע וואס אין דעם קליידער־געשעפט הערשט כמעט אין אלע געשעפטן . . . — אויף כפרות, אבער וואלוול! דאס איז דער כלל גדול, וואס הערשט איצט אומעטום, און קיינער האט אזוי גוט נישט פארשטאנען אויסצונוצן דעם כלל, ווי דער אידישער סוחר. און דער גויאישער בעל־מלאכה מיט דעם מיטעלן באלעבאס ענט־פערן אויף דעם אידישן האנדל מיט אנטיסעמיטיזם. צו זיי שטייען־צו די מיטעלערע געלערטע קאפ־ארבעטער: די אדוואקאטן, דאקטוירים, אינזשינירן, זשורנאליסטן, וועלכע קענען אויך נישט אויסהאלטן די קאנקורענץ פון דעם אידישן געבילדעטן שטאנד, ווייל דער אידישער אויסגעלערנטער קאפ־ארבעטער איז אין דורכשניט פיל פלינקער און רירעוודיקער פון דעם נישט־אידישן, און אפטמאל שעמט ער זיך אויך נישט צוצושטיין צו דעם גרויסן כלל פון דעם אידישן מסחר: אויף כפרות, אבער וואלוול . . . " (באנד 5, ז. 53־52).

איר פארשטייט: נישט נאר זינדיקט דער איד מיט האנדל, נאר ער זינדיקט נאך מיט טאנדעטנער ארבעט, וואס טויג אויף כפרות. און נישט נאר דער אידישער סוחר, נאר אויך דער אידישער אדוואקאט, אינזשיניער און דאקטאר זיינען אזוי.

וואס מיינט דאס לעצטע? עס מיינט: דער אידישער אדוואקאט וועט טאקי נעמען ביליגער, דערפאר אבער וועט ער פארן גוי פאר־לירן די „דיעלא". דער אידישער אינזשיניער וועט בויען בריקן

פאַר װעלװעלער װי דער נישט־אידישער, דערפאַר אָבער װעלן זײ מסתמא אײנפאַלן. דער אידישער דאָקטאר װעט אױך נעמען װעלװעלער װי דער ניט־אידישער, דערפאַר אָבער װעט זײן קוראַציע טױגן אױף כפרות און ער װעט זײן גױאישן פאַציענט מסתמא אָװעקשיקן אױף יענער װעלט . . .

דאָס איז כמעט אַ גלגול פון דעם בלבול פון מיטלאַלטער, אַז אידישע דאָקטוירים פאַר׳סמ׳ען קריסטלעכע פאַציענטן . . .

איר װעט באַמערקן, אַז זשיטלאָװסקי באַצײכנט דאָ דעם אידן װי אַ „פרעמדן". דאָס איז אַ הױפּט פונקט אין זײן גאַנצן געדאַנקענ־גאַנג . . . אומעטום רעדט זשיטלאָװסקי אַזױ װעגן אידן אין די לענדער, װאו זײ װאױנען. ער צעטײלט די באַפעלקערונג פון אַ לאַנד אין צװײ טײל: אין דער „װאָרצלהאַפטער באַפעלקערונג" און אידן, אין די „באַלעבאַטים פון לאַנד" און אידן, אין אײגענע און „פרעמדע", און ער באַנוצט אַפילו די באַצײכענונג „אַרײנדרינגער".

אַזױ האַלטן די גוים אױך . . .

נאָר עס איז אײן זאַך װען די גוים באַטראַכטן אַזױ די אידן, עס איז אַן אַנדער זאַך װען אַ איד, און אַ ראַדיקאַלער איד דערצו, באַ־טראַכט אַזױ אידן.

אַ מענש װי זשיטלאָװסקי האָט געמעגט װיסן, אַז אין אַ סך לענ־דער זײנען די אידן געװען פריער װי די איצטיקע „באַלעבאַטים", און זײנען דאָרט מיט מער מאָראַלישן רעכט אױך. װי אַ „מאָראַל־פילאָזאָף" האָט ער על־כל־פנים געמעגט אנערקענען, אַז אפילו װען די אידן זײנען „אַרײנגעדרונגען" אין די לענדער דורך אַזאַ טריפה׳נער זאַך װי האַנדל, איז עס נאָך אַלץ מאָראַלישער װי די אַרײנדרינגונג פון די „באַלעבאַטים", װאָס איז געשען דורך דער שװערד . . .

„שױן לאַנג — שרײבט ער — האָבן די פעלקער, צװישן װעלכע מיר װאױנען גענומען שפּירן, אַז בײ יעדן פון זײ אױף די אַקסלען הױבט אָן אױסצװאַקסן אַ צװײטער קאָפּ, אַ פרעמדער, לעבן דעם אײגענעם. דער פרעמדער קאָפּ איז דער אידישער. בײ אײניקע איז ער שױן אױסגעװאַקסן, בײ אײניקע האָט ער שױן אַריבערגעװאַקסן דעם אײגענעם. און עס דערװעקט זיך אַ גרימצאָרן בײ די פעלקער אַנטקעגן דעם פרעמדן קאָפּ, סײ דערפאַר װאָס ער כאַפּט איבער דעם ביסן פון מױל, סײ דערפאַר װײל ער מיטבאַשטימט די באַװעגונג פון דעם גאַנצן אָרגאַניזם" (באַנד 8, ז. 115-6).

און „פרעמדער" איז נאָך דאָס מילדסטע װאָרט װאָס זשיטלאָװסקי באַנוצט פון אונזערטװעגן. זײן באַליבטסטער נאָמען פאַר אונז איז „פאַראַזיטן". אָדער „ספּרוטן" (אקטאָפּוסן), אָדער „גלאָז־שפּליטער" — „גלאָז־שפּליטער צוזײט אין אַלע פאָרן פון דעם פרעמדן אָרגאַניזם".

ס'איז עפּעס אַ גוטער טעם צו האָבן שטיקלעך גלאָז אַריינגעשטעקט אין אייער קערפּער?

און אַזאַ טעם גיט דער איד דעם גוי.

זשיטלאָווסקי האָט זיך גאָר ניט געפּילט שאָקירט אונז אפילו אָנצורופן מיט די איידעלע נעמען „וואַנץ״ (באַנד 10, ז. 170) און „ווערים״: „מיר זיינען אַ פאָלק אָן אַ פּיצל אייגן לאַנד, וועמעס מאַסן עס ווידמענען זיך ווי ווערים אין דעם זומפּ פון שטעט און שטעטלעך״ (באַנד 8, ז. 84).

ווען לאָך די אידן פון עסטרייך צעטראָטן ווערן ווי ווערים — האָט ער געשריבן (אין „טאָג״) ווען היטלער איז אַריין אין עסטרייך — טאָ זאָלן זיי אַרויסגיין פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע״.

דער פּראָקוראָר, ווי באַוואוסט, איז ניט מחויב אַרויסצוואַווייזן דעם אָנגעקלאָגטן קיין דרך ארץ.

און טאָמער וועט איר פרעגן אונזער הער פּראָקוראָר: און וואָס איז מכח דעם גויאישן האַנדל? איז דען יענער ניט טריף? איז דער האַנדל, ווען ער ווערט געפירט פון אַ גוי, ניט קיין גניבה, און גזילה און רציחה? און אויב יע, האָבן מיר דאָך אַ בפירוש'ן דין — הגונב מן הגנב פּטור?

האָט זשיטלאָווסקי אַ דערקלערונג דערפאַר. זייער אַ טשיקאַווע דערקלערונג. דער גויאישער סוחר האַנדלט מיט די פּראָדוקטן פון זיינע אייגענע ברידער־אַרבעטער, בשעת דער אידישער הענדלער עקספּלואַטירט די פּראָדוקטן פון אַ פרעמדן אַרבעטער־קלאַס (באַנד 8, ז. 111).

נון, גיבן מיר כאָטש עפּעס דער וועלט צוריק פאַר אַלץ, וואָס מיר נעמען ביי איר?

ניין — טענה'ט אונזער פּראָקוראָר — מיר גיבן גאָרנישט. גאָר גאָרנישט. מיר טוען רק און נאָר און בלויז נעמען.

„מיר מוזן אויפהערן צו קוקן אויף זיך — מוסר'ט ער אונז — ווי אויף אַ פאָלק פון מיוחסים, פון בעלי־מצוות און בעלי־מעשים־טובים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אַ וועלט־באַגליקנדער מיסיע פאַר דער מענשהייט. מיר מוזן געדענקען, אַז מיר האָבן נאָך ניט באַצאָלט דער מענשהייט דעם עלעמענטאַרסטן חוב, וואָס זי האָט תמיד אַ רעכט צו פאָדערן פון אונז — דעם חוב צו לעבן פון די פּראָדוקטן פון אונזערע אייגענע הענט, דירעקט, אָדער אומדירעקט דורך דעם אויסבייט אויף דעם אַנדערנס פּראָדוקט״ (באַנד 8, ז. 113).

אַ בעל־חוב ביז איבער'ן קאָפּ זיינען אידן צו דער מענשהייט. ווען וועלן מיר זיך גאָר קענען אויסצאָלן?

„מאָלט אייך אויס — שרייבט ער — אַז ערגעץ־וואו אויף אַ

גרויסן, ליידיקן פּלאַץ אויף דער ערד, זאָל זיין אין דער מדבר סאַהאַראַ, פירן אַלע יאָר צונויף אַלע פּעלקער פון דער וועלט אַלע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן באַשאַפן, די לאָקאָמאָטיוון און די אויטאָמאָבילן, די הייפּטלעך קרויט און די קעפּלעך סאַלאַט, די ביכער און די וויסנ־שאַפטלעכע אינסטרומענטן און די אייזערנע שינעס, וואָס ווערן גע־לייגט אויף דער ערד, און אפילו די לאַטעס, וואָס ווערן געלייגט אויף די שיך . . . ווי גרויס וואָלט דערביי געווען דער פּאַרנעם פון דער אידישער אַרבעט ? . . . מיר דאַכט — איך מאַך ניט קיין גרויסן טעות, ווען איך זאָג — אַז דער פּאַרנעם פון דער אידישער אַרבעט — מיט אַלע אירע העמדלעך און מלבושים, מיט אַלע אירע ביכער און בילדער, אפילו מיט אַלע לאַטעס, וואָס אידישע הענט ווען דאַרפן לייגן — וואָלט רעלאַטיוו אויסגעזען נאָך אָרעמער, איידער די אַרבעט פון דעם אַרימסטן, ווילדסטן פאָלק.

„אפילו די וועדדהאַס פון ציילאָן, דאָס נידעריקסטע פאָלק אויף דער וועלט, וועלכע וואָלטן געקומען אויף אונזער וועלט־מאַרק מיט דעם געווילד, גע'הרג'עט אין געיעג, און מיט זייערע פרימיטיווע בויגנס און פיילן, וואָלטן זיי פּראָפּאָרציאָנעל אויפגעוויזן אַ גרעסערן רעקאָרד אין מענשלעכער פיזישער אַרבעט איידער מיר. און אויב פון זייערע פּראָדוקטן וואָלטן זיי קיינעם גאָרנישט געקענט געבן, וואָלטן זיי דערפאַר אָוועק צוריק, ביי קיינעם גאָרנישט גענומען. מיר אָבער . . . ” (באַנד 8, ז. 8־107).

יע, מיר, וואָס, מישטיינס געזאָגט, ברענגען מיר דער וועלט ? מיר ברענגען איר : דעם לענדלאָרד, דעם אונטערנעמער, דעם קאַפּי־טאַליסט, דעם סוחר, דעם האַסיילער” (דאָרט, ז. 109).

נידעריקער פון די וועדדהאַס זיינען מיר אידן, אַ פּשיטא שוין פון די איראָפּייער . . .

די דייטשן, למשל, וואָס זינט דורות און דורות טוען זיי רק און שמידן כלי־זין אויף צו פאַרניכטן און אויסצורויבן פעלקער — זיי זיינען אַ פּראָדוקטיוו פאָלק נאָר די אידן זיינען אַ פּאַראַזיטיש און רויבעריש פאָלק...

נאָר גענוג מיטן „פאַרברעכן”, כאָטש דאָס איז קיין מעשר מן המעשר ניט פון אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי האָט אָנגעקלאָגט אויף אונז. מיר גייען איבער צום פאַרברעכער און צו זיין כוונה. אין אַ ציוויליַ־זירטן געריכט, איז גוט באַוואוסט, איז נישט גענוג וואָס דער פּראָקוראָר שטעלט פעסט דעם פאַקט פון דעם פאַרברעכן. ער מוז אויך דער־וויזן, אַז דער פאַרברעכער האָט מיט קלאָרן באַוואוסטזיין און מיט קלאָרער כוונה געטאָן וואָס ער האָט געטאָן.

און זשיטלאָווסקי איז געווען אַ גרוויסנהאַפטער פּראָקוראָר קעגן אידן.

„אין וואָס — פרעגט ער — באַשטייען די אינטערעסן פון אונזער פאָלק און צו וועלכן צד ציען זיי? אונזערע אינטערעסן זיינען קודם־כל די אינטערעסן פון דעם אידישן האַנדל. האָבן אַ רעכט צו האַנדלען אומעטום מיט וואָס מיר ווילן און מיט וועמען מיר ווילן — דאָס איז דער העכסטער פּאָליטישער אידעאַל פון דער אַלטער אידישער וועלט" (באַנד 8, ז. 88).

שטעלט אייך פאָר, שרייבט ער, ווען מ'קומט צו די ציוניסטן, צו די אידישע באַלעבאַטים און צו דער אידישער אינטעליגענץ און מען שלאָגט זיי פאָר צו געבן דעם אידישן פאָלק איינס פון די ביידע: רעכט אויף האַנדל אָדער רעכט אויף אַרבעט; רעכט אויף בילדונג אָדער נאַציאָנאַלע רעכט — „וועלכן פון די צוויי קאָמפּראָמיסן וואָלטן זיי אָנגענומען?" — פרעגט זשיטלאָווסקי און ער ענטפערט: איר קענט גאַנץ זיכער וועטן, אַז דער גאָר גרעסטער טייל פון זיי וואָלט אָנגענומען האַנדל אַנשטאָט אַרבעט, בילדונג אַנשטאָט נאַציאָנאַלע רעכט" (באַנד 6, ז. 15-214).

אַזוי זיכער איז ער געווען אין דעם, אַז ער האָט אייך „סמיעלאָ" געהייסן זיך וועטן.

וועט זיך, אידן, און איר וועט אַריינכאַפּן אַ גרינגן גראָשן... וועט זיך, אַז איר ווילט ניט אַרבעטן!

די אַלטע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אידישע וועלט, שרייבט ער אין זעלבן אָרט, „האָט אָנגעווענדט אַלע אירע כחות", אַז „אין רוחניות זאָל דער איד זיין דערוויטערט פון דעם גוי, אָבער אין גשמיות זאָל ער ביי אים זיצן אויפן נאַקן" (באַנד 6, ז. 204).

אָבער אין דעם פּרט איז ניטאָ קיין חילוק צווישן איד און איד.

„די אַלטע פרום־נאַציאָנאַלע וועלט — מסר'ט ער אויף אונז — האָט זיך געגויטיקט אין האַנדלס־רעכט און האָט געבענקט נאָר וועגן זיי. דער פּראָגרעסיוו־אַסימילאַטאָרישער דור האָט זיך גע־נויטיקט אַחוץ דעם אין בילדונגס־רעכט און אין דער יורידישער מעגלעכקייט צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דעריבער פאַרלאַנגט ער די פולע בירגערלעכע „עמאַנציפּאַציע" (באַנד 8, ז. 95).

„די אַלטע וועלט זיצט ווי גלאָז־שפּליטער אין די פאַרן פון דעם ניט־אידישן האַנדל; די אפיקורסישע סאָציאַליסטישע און נישט־סאָ־ציאַליסטישע אינטעליגענץ זיצן אָדער ווילן זיצן ווי גלאָז־שפּליטער אין די פאָרן פון דער פרעמדער אינטעליגענץ" (באַנד 6, ז. 206).

איר זעט, טענה'ט דאָ פאַקטיש אונזער וועלט־אַנקלאָגער פאַרן וועלט־געריכט: ביי אידן איז קיין חילוק נישט: פרומער צי אפיקורס, סאָציאַליסט צי נישט־סאָציאַליסט — אַלע זוכן זיי נאָר האַנדל אָדער

גרינגע מלאכות. אַלעמען ציט זיי צום פּאַראַזיטיזם. קיינער פון זיי וויל נישט טאָן קיין טאָג אמת׳ע, ערלעכע, פּראָלעטאַרישע אַרבעט!

אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג דרוקט זשיטלאָווסקי אַ גאַנצע סעריע אַרטיקלען צו ווייזן, אַז אידן האָבן זיך ניט געקענט אַנטשליסן מיט וועמען צו האַלטן בעסער, מיט דייטשלאַנד צי מיט רוסלאַנד, ווייל זיי האָבן זיך ניט געקענט אַנטשליסן וועלכע פון זיי באַט־אָן בעסערע האַנדלס־מעגלעכקייטן. „דייטשלאַנד — שרייבט ער — קען געבן זיכערקייט, פרידן און מסחר, און מיין ליבכען, וואָס ווילסטו נאָך מער?" אָבער רוסלאַנד איז אויך נישט צום אויסשפּייען „רוסלאַנד איז גאָר אַ גרויסער שמאַלץ־גרוב — שרייבט ער — וואָס ביי איר ברעג שטייט שוין דאָס אידישע פאָלק, קוקט שוין אַריין אין איר מיט דורשטיקע אויגן, און באַלעקט זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן" (באַנד 8, ז. 91־86).

נון, געדענקען מיר נאָך אָבער ווי זשיטלאָווסקי האָט געשריבן, אַז דאָס אידישע פאָלק אין רוסלאַנד איז אין זיין ריזיקער מערהייט אַן אַרבעטאַריש פאָלק. ווי־זשע שטימט עס מיט דער אָנקלאַגע, אַז אידן ווילן נישט אַרבעטן?

נאָר שרעקט אייך ניט: זשיטלאָווסקי קען עס דערקלערן. אויף אַלץ, אויף אַלדאָס בייז אויף אידן, האָט ער אַ דערקלערונג.

„אין רוסלאַנד — שרייבט ער אין 1912 — האָט זיך דער איד געמוזט נעמען צו דער אַרבעט, ווייל מען לאָזט אים ניט האַנדלען, און ווייל רוסלאַנד׳ס קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג איז נאָך צו יונג. אַז פון איר זאָלן קענען לעבן נאָך אַ פינף־זעקס מיליאָן מענשן (די צאָל רוסישע אידן — ל.) אָבער זאָל די קאַפּיטאַליסטישע אַנטוויקלונג אָנהויבן גיין ווי דער מאַרקסיסטישער סדר איז; זאָלן אַלע רעכטלעכע באַריערן פאַרשווינדן, וואָס שטערן די אַנטוויקלונג פון דעם אידישן האַנדל אין אַלע זיינע פאָרמען און גרויסן — וואָס וועט דעמאָלט דעם אידן צובינדן צו דעם וואַרשטאַט און דער מאַשין?" (באַנד 6, ז. 230).

אונזער פּראָקוראָר האָט עס געזען — ווי די יאָר! — אַליין באַשיינפּערלעך געזען, ביים אידישן אַרבעטער אין אַמעריקע. „זיין גאַנץ טראַכטן און זאָרגן — שרייבט ער — איז, ווי אַזוי אַליין אַרויס־צורייסן זיך פון די שקלאַפישע קייטן פון דער לוין־אַרבעט אָדער לכל הפּחות באַפרייען פון זיי די קינדער" (דאָרט, ז. 3־232).

נישט נאָר פון דער פאַבריק און מאַשין אַנטלויפן אידן אויף אַזאַ געמיינעם אופן, נאָר אויך פון ערד־אַרבעט. און ניט נאָר אין דער היינטיקער צייט אַנטלויפן זיי, נאָר פון די גאַנץ אַמאָליקע צייטן אָן.

אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט, שרייבט ער, ווען אידן האָבן גענומען אויסוואַנדערן פון דייטשלאַנד קיין פּוילן, האָבן די דעמאָלט־דיקע הערשער זיי פאָרגעשלאָגן גרויסע שטרעקעס פרייען לאַנד צו

באַזעצן זיך ווי קאָלאָניסטן, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט. זיי האָבן בעסער אויסגעקליבן צו זיין קרעטשמער און שענקער כדי „צו פאַר־שיכור'ן די פויערשאַפט מיט אונזער בראַנפן" („טאָג", נאָוו. 14, 1937).

„אין די דערפער און שענקלעך — שרייבט ער — האָבן אונזערע שענקער און קרעטשמער פאַר'שיכור'ט דעם פויער... מיר זיינען געווען די זויג־רערן, דורך וועלכע דער פוילישער פריצים־שטאַנד האָט געזויגן דאָס בלוט פון דער פויערימשאַפט, און מיר זיינען אויך געווען יענע רערן, דורך וועלכע דער אָדל האָט געגאָסן באַטויבנדיקן סם אין דער פויערימשאַפט, פאַראַליזירנדיק איר ווידערשטאַנד, דער עיקר אין אוקראַינע.

„די אידן זיינען געוואָרן „ווי אַן איבר פון דעם פריצים־שטאַנד... ווי די פאַנג־ און זויג־אָרימס פון אַ ספרוט (אָקטאָפּוס — ל.), וואָס האָט אַרומגענומען שיעור ניט די גאַנצע אַרבעטאָרישע באַפעלקערונג און געזויגן פון איר דאָס בלוט, וואָס האָט געדאַרפט שפייזן און פעט מאַכן דעם קערפער פון דעם הויפּט־עקספּלואַטירנדן קלאַס, דעם פוילישן אָדל" (דאָרט).

די גוטע פּאָליאַקן, ווי איר זעט, האָבן געגעבן די אידן די מעג־לעכקייט צו זיין ערלעכע לייט, אָבער...

אין אַמאָליקן פּוילן, דערציילט אונז זשיטלאָווסקי ווייטער, איז אויפגעשטאַנען אַ פּראָגרעסיווע באַוועגונג פון דעם מיטלשטאַנד קעגן די פּריצים, דעם קעניג און דער קאַטוילישער קירכע. נאָר די אידן „האָבן געמאַכט יד־אחת מיט די פריצים" און אַ דאַנק אונז איז „יענער פּראָצעס דערשטיקט געוואָרן אין זיינע אָנהויבן".

„האָט אַזאַ מאוים'דיקער פאַרברעכן געקענט בלייבן אָן אַ שטראָף?", פרעגט ער און ער זאָגט: „האָט די געשיכטע דורכ־געפירט אירע שטראָפן אין פּוילן, פריער אין כמעלניצקי'ס און גאָנטאַ'ס צייטן, און איצט (1937 — ל.) אין דעם פּוילישן אַנטיסע־מיטיזם מיט זיינע בלוטיקע פּאָגראָמען".

לויט דערזעלבער היסטאָרישער לאָגיק איז אויף אידן געקומען די שטראָף אויך אין היטלער־דייטשלאַנד, זאָגט ער (דאָרט). „זי איז שוין דורכגעפירט כמעט ווי אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט".

די „גערעכטיקייט" האָט באַשטראָפט, די גערעכטיקייט האָט גע־זיגט! לעבן זאָל די גערעכטיקייט!

קומט, ליידער, אויס צו זאָגן, אַז ס'איז נאָכאַלעמען גוט וואָס ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי שקר אויף דער וועלט. וואָרים ווען אַלץ וואָס זשיטלאָווסקי זאָגט אויף אונז וואָלט, חלילה, אמת געווען!...

ס'איז נאָך אַ ביישפּיל פון זיין „באַרימטן" „היסטאָרישן אמת"...

די מעשה, אַז מען האָט אידן אין אַמאָליקן פּוילן אָנגעבאָטן ערד, איז פון פינגער אויסגעזויגן. די גוים וואָס האָבן איינער דעם

אַנדערן, אין שטענדיקע מלחמות, די העלזער איבערגעשניטן פאַר אַ שפּאַן ערד — זיי האָבן אָנגעבאָטן אידן ערד? נאָר אויב דאָס וואָלט אמת געווען, וואָלטן די אידן געווען גוט געטאָן נישט אָנצונעמען עס. וואָרים גיין אויף ערד אין „אַמאַליקן״ פּוילן האָט געמיינט ווערן לייב־אייגענע, קנעכט. און אידן טאָרן נישט זיין קיין קנעכט.

און לאָמיר זיך שוין דערלויבן נאָך אַן אָפּווייכונג. עס האָט מיך אַלע מאָל גע׳חידוש׳ט: וויבאַלד פיזישע אַרבעט איז אַזוי פאַרהייליקט געווען אין זשיטלאָווסקי׳ס אויגן — און אַרבעט איז הייליק! — פאַר־וואָס האָט זשיטלאָווסקי שטענדיק אַזוי גע׳מוסר׳ט דעם עולם און האָט זיך אַליין נישט גענומען צו אַזאַ אַרבעט? צו זיין אַ לעבעדיקער ביי־שפּיל פאַר אַלע אידן? דאָס וואָלט אים נישט געדאַרפט געווען שטערן צו זיין אַ פילאָזאָף. געווען ביי אידן פילאָזאָפן בעלי־מלאכות אַ סך: שפּינאָזאַ איז געווען אַ גלאָז־שלייפער, דער תנא ר׳ יוחנן איז געווען אַ שוסטער. און ווי שיין וואָלט עס געקלונגען אַרויסצורידן: „און זשיטלאָווסקי דער שוסטער זאָגט״ . . .

נון, הייסט עס, האָט אונזער פּראָקוראָר שוין אויך פעסטגעשטעלט דעם בייזן ווילן פון אידן צו זיין הענדלער, ווייסע־קראַגן־לײדיקגייער און פּאַראַזיטן.

נאָר אַ געשיקטער פּראָקוראָר גייט געווײנלעך נאָך ווייטער און מיט זיך צו באַווייזן, אַז זיין אָנגעקלאָגטער איז אין סאַמע כאַראַק־טער אַ פאַרדאַרבענער און איז אין זיין טבע גענייגט צו דעם סאָרט פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער ווערט גע׳משפּט.

און אויך דאָס האָט זשיטלאָווסקי זיך אונטערגענומען צו באַ־ווייזן, און ער דערקלערט קאַטעגאָריש פאַר דער זשורי פון דעם וועלט־געריכט:

„אויף וויפיל דאָס הענגט אָפּ פון זיין אייגענעם גוטן ווילן, קען דער איד נישט אַריבערטראָגן קיין פיזישע לוין־אַרבעט״ (באַנד 6, ז. 230).

„מ׳דאַרף זיין אַ בלינדער — שרייבט ער דאָרט — אָדער מיט אַ כיוון צומאַכן די אויגן, כדי ניט צו זען דעם פאַקט, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אין דעם פּונקט אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע פעלקער.

„דאָ שפּילט אַ ראָלע ניט אַזוי די פיזישע שוואַכקייט זיינע — ער קלייבט סיי ווי אויס די לייכטערע אַרבעטן, — אויך ווירקט דאָ נישט קיין פוילקייט. די הויפּט־צרה איז די גאַנצע פּסיכאָ־פיזיק פון דעם אידן, זיין איינגעבוירענער אַנאַרכיזם, זיין אומרוהיקער, נער־ווענזער טעמפּעראַמענט, וואָס פאַרליידט ניט די איינטאָניקייט פון דעם אַרבעטער־לעבן, זיין לוסט צו איניציאַטיווע, זיין קאָנקורענץ־לוסט . . .״

און „דאָס זיינען אַלץ שטריכן פון דעם אידישן כאַראַקטער, וואָס

װעלן אים איביק אָװעקציען פון דער פיזישער לױן־אַרבעט" (דאָרט, ז. 231).

פונקט װי פּראָפעסאָר פליאַטער האָט געשריבן . . . און אַנדערע „אידישע פּרײַנט" פאַר אים און נאָך אים.

אַזױ שטעלט אַװעק זשיטלאָװסקי דאָס ערשטע געזעץ פון אידישן כאַראַקטער.

דאָסדאָזיקע צענטראַלע געזעץ פון אידישן כאַראַקטער זעצט זשיטלאָװסקי אַרײַן אין אַ ראָם פון אַ גאַנצער רײ אַנדערע אידישע כאַראַקטער־שטריכן, װאָס אױך פאַר זײ קומט דעם אידישן פאָלק צװאַנציק יאָר שיסן און פּערציק יאָר הענגען.

„עס קען גרײַלעך געמאָלט זײַן — שרײַבט ער — װען אפילו מיר זײַנען אין דעם נישט זיכער, אַז די אידן האָבן אײַנגעבױרענע אַנטיפּאַטישע שטריכן אין כאַראַקטער (מערקט אײַך אײַנגעבױרענע— ל.), װעלכע מיר באַמערקן נישט, אָבער װאָס װאַרפן זיך דעם אַנדערן אין די אױגן און װאָס מוזן אַרױסרופן אַ געררײצטע שטימונג קעגן אונז. . . . "

אודאי, אודאי! אין מיטלאַלטער האָבן די קריסטן טאַקע געזאָגט, אַז דער איד האָט אַ שלעכטן ריח — דער באַרימטער „פאָעטאָר יודאַיקוס" — װאָס די אידן אַלײן שפּירן ניט, אָבער די קריסטן שפּירן עס זײער שאַרף, און װאָס גײט אַװעק גלײַך װי אַ איד שמד'ט זיך אױף אַ קריסט...

נאָר װאָס זײַנען יענע אַנטיפּאַטישע שטריכן אונזערע? זשיטלאָװסקי טענה'ט:

„אַנגענומען, אַז דער איד האָט אין דורכשניט זײער אַ שאַרפן, רײַכן, העכסט אַנטװיקלטן פאַרשטאַנד, װאָס איז אָבער אין דערזעל־ביקער צײַט פאַרבונדן מיט אַ געװיסער רױקײט פון געפיל, װי ליבע צו בלומען און חיות, צו דער נאַטור בכלל, צו געיעג און שפּיל, צו ברױזנדיקער מוסקול־קראַפט..." (באַנד 6, ז. 1־200).

„אַנגענומען, אַז דער איד האָט אין דורכשניט אַ שטאַרקן װילן, אַ ברענענדיקע אַמביציע צו דערגרײכן אַלץ העכערע און העכערע מדרגות — אָבער דידאָזיקע אַמביציע און ענערגיע איז בײַ אים אפשר פאַרבונדן מיט אַן אַבסאָלוטער גלײַכגילטיקײט צו דעם גורל פון יענע, װעמעס אָרט ער װיל פאַרנעמען . . ." (נעבעך אױף יענע . . .)

„אַנגענומען, אַז דער איד האָט אין דורכשניט אַ שטאַרקן װילן און אינסטינקט צו גערעכטיקײט. אָבער דער אינסטינקט קען בײַ אים זײַן פאַרבונדן מיט אַ קלײנלעכער רעכט־האָבערײ, װאָס װיל, װי שײלאָק, האָבן זײַן פונט פלײש . . . " (אַרײַנצופאַלן אין אידישע הענט!)

„אַנגענומען, אַז דער איד שטרעבט צו גרױס און הױך, אָבער

דאָס איז ביי אים פאַרבונדן מיט וויסטן גרויסהאַלטן זיך און בלאָזן פון זיך, מיט דער „איך־תאווה“, אַז אומעטום זאָל די וועלט זיין פול מיט זיין נאָמען, אומעטום זאָל מיט אים קלינגען“ (די באַוואוסטע „אי־דישע אַגרעסיוו קייט“ אויף וועלכער די גוים באַקלאָגן זיך אַזוי).

און אָט דאָס איז דער כאַראַקטער־אַטעסט פון דעם אידישן פאָלק ווי זשיטלאָווסקי שטעלט אים אַוועק פאַר דער וועלט. ווי גמיין דער אידישער כאַראַקטער קוקט אויס לגבי דעם כאַראַקטער פון די גוים, וואָס האָבן אַזוי ליב די נאַטור, וואָס ווילן, ווי באַוואוסט, שטענדיק נאָר אַרבעטן מיט די אייגענע הענט און וויכן פון עקס־פּלואַטאַציע, ווי אַ שד פון ווייראיך; וואָס שטרעבן קיינמאָל ניט צו הויך און גרויס, נאָר זיינען שטענדיק שמחים בחלקם; וואָס רירן ניט אָן וואָס עס געהערט ניט צו זיי, כאָטש טרייב זיי מיט שטעקנס; און זיי טרעטן אָפּ יעדערן זיין פּלאַץ, האָבן שטענדיק איינזעעניש מיט זייערע קעגנער און טשעפּען, חלילה, ניט אַ פליג אויף דער וואַנט . . .

נאָך אַזאַ אַלזייטיקן אַוועקשטעלן פון דער קלאַגע, קומט אַ פּראָ־קוראָר צו דער סומירונג.

און פאַר זשיטלאָווסקי'ס סומירונג פון דעם אידישן פּראָצעס קען דינען אָן אַרטיקל זיינער, וואו ער שטעלט פאַר אַ ויכוח צווישן דער „מענשהייט“ און דעם אידישן פאָלק.

וועלכע „מעשים טובים“ האָט דאָס אידישע פאָלק? — פרעגט די מענשהייט, און זי ענטפערט, אויסלייגנדיק דערביי אַ לאַנגן צעטל חטאים — דעם צעטל וואָס מיר האָבן שוין געהערט. און דאַן מאַכט די „מענשהייט“ אַזוי:

באַגרייפט נאָר דאָס איינע און „עס וועט אייך לייכט זיין איינ־צוזען, אַז אייער נאַציאָנאַלע לאַגע, אַלע פאַרפאָלגונגען, וואָס איר האָט אויסצושטיין אַלס אידן, איז פונקט אַנגעמאָסטן אָן אייער עקאָנאָ־מישער ראָלע אין דעם פעלקער־לעבן. וויפיל מאָס פרעמדע פּראָדוקטן איר פירט אַוועק פון דעם וועלט־מאַרק, אַזוי פיל מאָס פרעמדע שנאה זאַמלט איר אויף אייערע קעפּ.“

„יעדער גוי וועט אייך זאָגן — טענה'ט די מענשהייט ווייטער — אַז די איינצל־אידן, וועלכע ער קען, זיינען גאַנץ וואוילע מענשן, אָבער דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז אַ מיאוסע אומה“.

ס'איז אַ גאַנץ לאַנגער ויכוח. און לײדער נאָר אַן איינזייטיקער ויכוח. בלויז די מענשהייט אַליין רעדט דאָרט, און רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און שיט הייסע קוילן אויף אידישע קעפּ. קיין איד איז דאָרט ניטאָ צו זאָגן כאָטש איין גוט וואָרט אויף אידן. און זשיט־לאָווסקי אַליין? ער איז דער „בורר“ אין דעם ויכוח און ער באַ־נוגנט זיך דערמיט וואָס צום סוף גיט ער אַרויס זיין מיינונג וועגן דער דעבאַטע און ער זאָגט:

„איך רעכן, אַז די מענשהייט רעדט דאָ צו דער זאַך" (באַנד 8, ז. 108־112).

ער איז מצדיק את הדין! ער איז מצדיק די פאַרפאָלגונגען, די שנאה אויף אונזערע קעפּ! . . .

און ער זאָגט ווייטער:

„דער אַנטיסעמיטיזם איז אין תוך אַ ריין נאַציאָנאַלע באַוועגונג, אַ נאַציאָנאַלער פּראָטעסט פון אַ פאָלק, אין וועמען די קינדער פון אַן אַנדער פאָלק, פון דעם אידישן, זיינען אַריינגעדרונגען און האָבן פאַרנומען די פּאַרטיילהאָפּטסטע פּלעצער (באַנד 8, ז. 15־103).

„אַריינגעדרונגען", „פאַרנומען", פאַרכאַפּט, אויפגעגעסן, איינגעשלונגען, דאָס „פּאַרטיילהאַפטסטע", דאָס בעסטע, דעם געשמאַקסטן ביסן ביי די גוים פון מויל אַרויסגעריסן!

אָט אַזוי שליסט דער פּראָקוראָר פון דער מענשהייט די „קעיס" קעגן אידן.

און מיר קענען זען, ממש זען מיט די אויגן, ווי די זשורי, אונטער דער ווירקונג פון זיין אָראַטאָרישער קראַפט, זיצט און וויינט ווי די ביבערס איבער דעם טרויעריקן גורל פון די פעלקער, וועלכע זיינען נעבאַך אַריינגעפאַלן אין אידישע הענט, צאַפּלען זיך אין זייערע נעגל און קענען זיך, אין זייער הילפלאָזיקייט, נישט אַרויסראַטעווען.

אַזאַ פאַרברעכער, „פיינט נומער איינס" פון דער מענשהייט, קומט געוויס אַ האַרבע שטראָף.

טויט די אידן! — שרייט אויס היטלער, איינער פון דער זשורי.

אָבער אונזער פּראָקוראָר איז ניט אַזאַ אכזר. ער פאָדערט אַ מילדערע שטראָף. פאָרט אַ אידיש האַרץ.

ער פאָדערט נאָר — פאַרשיקן. פאַרשיקן די אידן.

פאַרשיקן וואוהין?

אויפן דאָרף . . .

און אַזוי אַרום קומען מיר צו זשיטלאָווסקי'ס פּלאַן פון באַזעצן אידן אויף דער ערד און מאַכן דאָס אידישע פאָלק פאַר אַ פּויערים־פאָלק.

„נישט צולאָזן צו דער באַרירונג (פון דעם אידן צו דעם ניט־אידן) — פאָדערט אונזער פּראָקוראָר — אַנשטאָט דערנענטערן דעם אידן צו דעם ניט־אידן, דאַרף מען גאָר זען צו דערווייטערן אים" (באַנד 6, ז. 203).

„דער אַסימילאַטאָר וויל — זאָגט ער — אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל וואָס גיכער פאַרשווינדן". אָבער „כדי עמיצער זאָל אונז וועלן 'איינשלינגען', דאַרף ער דאָך האָבן 'אַפּעטיט' צו אונז. ווי איז אָבער, אַז מיר זיינען אין אונזער איצטיקער געשטאַלט — נאָך דורות פון אַזאַ גלות וואָס משוגע צו ווערן — ווי איז, אַז מיר זיינען איצט

גאַרניט אַזאַ 'אַפּעטיטלעכער' ביסן, די פּעלקער זאָלן פון אונז וועלן לעקן די פינגער? ווי איז אַז מיר האָבן באמת אויף אונזער לייב אַן אויסשלאַג פון קאָפּ ביז די פיס, וואָס קען ניט דערוועקן ביי איינעם דעם חשק מיר זאָלן זיך אינגאַנצן צונויפגיסן מיט אים?" (באַנד 8, ז. 128).

אַ מצורע, רחמנא ליצלן איז דאָס אידישע פאָלק...

דעריבער — דערוויטערן דעם אידן, איידער ער זאַראַזשעט נאָך מער די פעלקער! אָפּזונדערן אים ערגעץ אין דער נאַטור, אַליין אין אַ פעלד.

אויף דער ערד, אין דאָרף, דאָ, אַליין אויפן שויס פון דער נאַטור, וועט ער קיינעם ניט קענען שאַדן און שטערן. דאָ וועט ער זיך אויסהיילן פון אַלע זיינע קראַנקהייטן, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און עטישע . . .

פון דעם דאָרף אַלס רפואה האָט זשיטלאָווסקי געלערנט נאָך פון די נאַראָדניקעס. לכתחילה איז זיין פּלאַן געווען צו באַזעצן די אידן אויף ערד אין „רוסלאַנד גופא" . . . שפּעטער איז ער געווען אַ טער־ריטאָריאַליסט און זיין רפואה איז געווען אַ טעריטאָריע ערגעץ פונ־דרויסן פון רוסלאַנד און פון אַלע לענדער. נאָך שפּעטער האָט ער זיך אפילו געשדכנ'ט צום ציוניזם, וועלכן ער האָט אַמאָל געהאַט כאַ־ראַקטעריזירט ווי אַ „נישט־ווערטיקן וויסטן חלום", וואָס די אידישע בורזשואַזיע האָט אויסגעטראַכט כדי צו פאַרנאַרן דעם אידישן אַרבע־טער און אים עקספּלואַטירן (באַנד 5, ז.66). ער איז אויך געווען מיטן „בונד", מיטן „סערפּ". ער האָט „געשאָטלט" הין און צוריק צווישן דאָרף, טעריטאָריע, ציון, בירא־בידזשאַן, צווישן אַלע אידישע פּאַרטייען. אומעטום האָט ער אָפּגעזאָגט זיין פּסוק און איז אַוועק.

נאָר דאָס איז שוין ניט וויכטיק און אפילו ניט אינטערעסאַנט. וויכטיק און אינטערעסאַנט איז פאַר אונז דער וועג, אויף וועלכן ער איז דערגאַנגען צו אונזער „גאולה".

און דער וועג איז געווען פון כולו חייב . . .

קיין איין גוט וואָרט, קיין איין וואָרט פון פאַרטיידיקונג האָט ער ניט געהאַט פאַרן אידישן פאָלק.

און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די געבראַכטע שטעלן פון זשיטלאָווסקי'ס ווערק זיינען בשום אופן ניט קינסטלעך און מיט בייזער כוונה צוגעקליבן געוואָרן. זיי זיינען טיפּיש. זיי זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין באַציאונג צו אידן. וואו אין זיינע ווערק איר וועט ניט אַריינשטעקן די האַנט, וועט איר זי איינריכטן.

מיר האָבן אין דערדאָזיקער באַטראַכטונג פאַרגעשטעלט זשיט־לאָווסקי'ן ווי דעם פּראָקוראָר קעגן אידן.

די ריכטיקערע באַצייכענונג וואָלט געווען — אינקוויזיטאָר.

נאָך אַזאַ ביטערן און פינסטערן אָנקלאָגע־אַקט, ווי זשיט־לאָווסקי האָט אויסגעשטעלט קעגן אונז — וואָס קענען מיר זאָגן? מה נאמר ומה נדבר?

מיר קענען זאָגן נאָר איינס: געווען אַנדערע אידן, וואָס זיינען געקומען צו אונז פון דער „פרעמד" מיט פלענער פון גאולה, גרעסערע „איראָפּייער" ווי זשיטלאָווסקי. געווען, להבדיל צווישן קליין און גרויס, ד"ר הערצל, ד"ר נאָרדאו, ד"ר פינסקער און די אַלע שפּעטער־דיקע דענקער און טוער, וואָס זיינען געגאַנגען אין זייערע טריט. זיי אַלע האָבן אויך געפּאָרשט דאָס פּראָבלעם פון איד און וועלט. ס'איז אָבער אַרויסגעקומען אַ גאַנץ אַנדער בילאַנץ.

געווען משה העסס, אויך אַ סאָציאַליסט — ערשט אַ סאָציאַ־ליסט! — וואָס האָט אַרויפגעלייגט אויף איין וואָגשאָל דעם גוי, אויף דער אַנדערער וואָגשאָל דעם אידן, אויף איין וואָגשאָל רוים און אויף דער אַנדער וואָגשאָל ירושלים, און האָט געשאַצט, געוואויגן און געמאָסטן, און האָט געזען, און געוויזן, אַז ירושלים וועגט ווייט אַריבער. ער האָט געזען דאָס אידישע פאָלק אין דימענסיעס פון מיסטישער גרויסקייט.

געווען זשיטלאָווסקי'ס בן־דור — שמעון דובנאָוו. ער איז אויך צוגעגאַנגען צום אידישן פאָלק מיט אַ מאָדערנעם צוגאַנג. און זיין סך הכל איז געווען: דאָס אידישע פאָלק שטעלט מיט זיך פאָר „דעם העכסטן טיפּ פון אַ היסטאָרישער גייסטיקער נאַציע."

אײן ד"ר זשיטלאָווסקי האָט אויסגעמעקט דעם „אתה בחרתנו" און האָט אויף זיין אָרט אַריינגעשריבן: אתה מאסתנו . . .

די אַלע מענשן זיינען געקומען צו אונז ווי אייגענע, מיט אַן אָפענער ליבשאַפט. זשיטלאָווסקי איז געקומען צו אונז ווי אַ פרעמדער, מיט אַ שלעכט־באַהאַלטענער פיינטשאַפט. ווער עס הערט ניט אַרויס יענע פיינטשאַפט פון זיינע ווערק, יענער איז טויב פאַר ווערטער. זיין פיינטשאַפט האָט פאַרקרימט זיינע געדאַנקען און זיין משפט.

פונוואַנען האָט זיך גענומען זיין פיינטשאַפט צו אידן?

דאָס ווייס איך נישט.

און בין דאָס גאָרניט מחויב צו וויסן . . .

דער קאַמף געגן אידישקייט.

ווען זשיטלאָווסקי איז „געקומען צום פאָלק" האָט ער שנעל דערזען, אַז ער האָט דאָ אויף זיינע פּלייצעס אַן אומה, וואָס מען דאַרף איבערבויען פון דעם פונדאַמענט ביזן דאַך נישט נאָר עקאָנאָמיש, נאָר אויך קולטורעל. וואָרים קולטורעל זיינען די אידן אין זיינע אויגן געווען נאָך אין אַן ערגערן מצב ווי עקאָנאָמיש. עקאָנאָמיש זיי־נען זיי געווען פּאַראַזיטן, און פּאַראַזיטן זיינען כאָטש לעבעדיקע באַ־שעפעניש ן. אָבער קולטורעל זיינען זיי געווען אינגאַנצן טויט.

דער גאַנצער דור אידישע „אויפגעקלערטע" פון יענער צייט האָט אַזוי געקוקט אויף אידן. אין „אַ בריוו פון אַ אידישן סאָציאַליסט", פון יאָר 1906, גיט זשיטלאָווסקי אַן אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון די געפילן און שטימונגען פון יענעם דור. דאָס איז געווען אַ צייט, שרייבט ער, „ווען דער אידישער סאָציאַליסט האָט מיט אַלע זיינע כוחות געזען וואָס גיכער אַרויסצושפּרינגען פון זיין אידישקייט, וואָס גיכער אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם פאַרפוילטן שימל, אין וועלכן, נאָך זיין מיינונג נאָך, זיין פאָלק ליגט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. אַ הויפן מיסט! — קיין אַנדער וואָרט האָב איך ניט אויסצודריקן דעם קוק פון דעם אַלטן אידישן סאָציאַליזם אויף דאָס אידישע פאָלק. פון אַלץ אין דעם אידישן לעבן האָט אים געשלאָגן אַנטקעגן דער פוילער מתים־גערוך פון דער געשטאָרבענער, נאָר ניט באַגראָבענער אומה. די רעליגיע — אַן אומוויסנדער, פאַנאַטישער אבערגלויבן אין שדים, רוחות, משיח און צדיקים. דער מקור־חיונה — פון ווערים, וואָס ווידמען זיך אין אַ פאַר'עיפּוש'טן זומפּ. די פּאָליטיק און דער קוק אויף דער וועלט — אָנגעמאָסטן און צוגעפּאַסט צו דעם לעבן פון ווערים, וואָס ווידמען זיך אין אַ פאַר'עיפּוש'טן זומפּ" . . . (באַנד 5, ז. 13-14).

אַ „קלוגער" דור געווען, מ'קען ניט לייקענען . . .

די גרינגקייט און פּשטות מיט וועלכע מ'האָט עס מבטל געווען די קולטור פון אידישן פאָלק! מיט וואָס פאַראַ גדלות מ'האָט עס אַרונטערגעקוקט פון דעם נייעם באַרג סיני — דעם זעקסטן קלאַס גימנאַזיע!

און אָפּטמאָל נאָר דעם פּערטן . . .

און זשיטלאָווסקי אַליין איז אויך געווען אַ געטרייַ קינד פון זיין דור.

אָט ווי אַזוי ער גיט איבער זיינע אייגענע געדאַנקען פון אַרום 1884: זאָלן די מתים באַגראָבן די מתים — דאָס איז געווען די שטימונג בנוגע דעם גאַנצן אַלטן אידנטום . . . וואָלט מען ביי מיר דעמאָלט געפרעגט: נישיים געפינסטו אין דעם גאַנצן גייסטיקן אוצר פון דעם אידישן פאָלק קיין איין ווערק נישט, וואָס זאָל ווערט זיין מען זאָל עס אַריבערטראָגן אין דאָס נייע לעבן? וואָלט איך אפשר (אפשר!) אַ טראַכט געטאָן און וואָלט געמאַכט אַן אויסנאָם פאַר צוויי שריפטן: דעם תנ״ך און ליליענבלום׳ס „חטאת נעורים״. אַלץ אָבער וואָס צווישן זיי וואָלט איך אַן אַ ברעקל עגמת־נפש געלאָזט ליגן אַן אַ זייט . . . אָבער קיינער האָט ביי מיר דעמאָלט גאָרנישט געפרעגט און דעריבער האָב איך אפילו אויך וועגן דעם תנ״ך און דעם „חטאת נעורים״ נישט געטראַכט ווי וועגן עלעמענטן, וואָס גייען אַריין אין דער אידישער קולטור. דער גאַנצער עבר — אַ בלאַנק, און ער האָט קיין ברעקל שייכות נישט צו דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט״ (באַנד 2, ז. 9־147).

„די פּיצלעך און ברעקלעך פון דער אַלטער קולטור — שרייבט ער דאָרט ווייטער — וואָס האָבן זיך נאָך געבאַמבלט אין מיין מוח, זיינען געווען פאַר מיר, ווי פאַר דאָס רוב פון מיין דור און מיין ריכ־טונג, ניט מער ווי אַ מאַטעריאַל פאַר שאַרפזיניקע אפּיקורסישע און אַטעאיסטישע וויצן . . . אפילו שפּעטער, ווען איך האָב אינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן דעם קאָסמאָפּאָליטיניזם און בין געוואָרן אַ באַוואוסט־זיניקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער איד . . . אפילו דעמאָלט, זאָג איך, האָט דער אַלטער קולטור אוצר ניט געשפּילט קיין ברעקל ראָלע אין מיינע געדאַנקען: איך האָב געוואוסט אַז מיר דאַרפן האָבן אַן אייגענע קולטור, אָבער זי איז געלעגן פאַר מיר גאַנץ אין דער צוקונפט מיט קיין איין איינציקן טייל ניט אין דער פאַרגאַנגענהייט . . . זאָלן די מתים באַגראָבן די מתים — דאָס איז געווען די גרונט־שטימונג בנוגע דעם גאַנצן אַלטן אידנטום״.

דאָס איז אַן אָפּנהאַרציקער סך־הכל. פון בראשית ביז זשיט־לאָווסקי׳ן איז גאָרניט געווען און גאָר ניט געשען ביי אידן . . .

פון יענעם דור האָט זיך זשיטלאָווסקי אינגיכן אָפּגעטיילט. ער האָט אָנגעצייכנט פאַר זיך, און האָט גענומען פריידיקן צווישן דער יוגנט אַ נייעם צוגאַנג צום אידישן פאָלק. דאָס אידישע פאָלק איז אַ פאָלק, האָט ער געלערנט. עס קען ניט אונטערגיין און ס׳איז נוצלאָז צו אַרבעטן פאַר זיין אויפלייזונג און אונטערגאַנג. אַנשטאָט אַסימי־לאַציע האָט ער גענומען פריידיקן נאַציאָנאַליזם. און דאָ האָט ער

געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף ברייטע עלעמענטן פון דער אידישער יוגנט, יענע עלעמענטן וואָס האָבן זיך גערופן די „אינטעליגענץ" און האָבן געמיינט, אַז פון דער גימנאַזיע שפּרינגען זיי גלייך אַריין אין דער „גרויסער פּראָגרעסיווער מענשהייט" אַריין, וואו מ'שטייט נאָר און מ'וואַרט צו פאַלן זיי אויפן האַלז און זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. אפילו אַזאַ מענש ווי בעל־מחשבות זאָגט עדות אויף זשיט־לאָווסקי'ן און זיין גרויסער השפעה אויף די אידישע סטודענטן דע־מאָלט אין דער שווייץ און ער שרייבט:

„אפשר האָב איך אַ סך צו פאַרדאַנקען אָט יענעם טשיקאָוון דאָקטאָר, וואָס איך בין געוואָרן אַ שטיקל ליטעראַט ביי אידן".

נאָר וואָס פאַראַ סאָרט נאַציאָנאַליזם איז עס געווען וואָס זשיטלאָוו־סקי האָט גענומען פּריידיקן?

ס'איז געווען נאַציאָנאַליזם, נאָר די הנחות זיינען געבליבן די אייגענע וואָס זיינע אַסימילאַטאָרישע צייט־ברידער האָבן געהאַט וועגן אידן און אידישקייט. אין גאָר גרויסע פּרטים איז ער זיך שאַרף פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט זיי, נאָר אין די גרונט־זאַכן איז זיין בליק געבליבן גלייך צו זייערן. יענע האָבן געזאָגט, אַז מ'דאַרף אידן אינ־גאַנצן אָפּשאַפן, ער האָט געזאָגט, אָפּשאַפן קען מען ניט, נאָר מ'דאַרף אַנדערע אידן.ביידע גלייך האָבן איינגעשטימט, אַז וואָס מיר זיינען — טויג נאָר צום אַרויסוואַרפן. אַזוי איז סוף כל סוף זשיטלאָווסקי'ס נאַ־ציאָנאַליזם אויך געווען אַסימילאַציע, כאָטש פון אַן אַנדער מין, און פון אַן אַנדער זייט אָנגעקומען.

אַז אויך זשיטלאָווסקי האָט, פון עקאָנאָמישן און פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, באַטראַכט אידן ווי „ווערים", האָבן מיר שוין געזען. צי האָט ער אָבער, אַפילו אין זיין נאַציאָנאַליסטישער סטאַדיע, גע־קוקט אַנדערש ווי זיי אויף אידישקייט און אידישן לעבן?

לאָמיר נאָכגיין זשיטלאָווסקי'ס טריט און זען ווי אַזוי ער איז געקומען צו זיין אייגענעם קוק אויפן פּראָבלעם פון אידישער קולטור און צו וואָס ער איז דערגאַנגען.

געשען, דערציילט ער אונז, איז עס דורך אַ צופאַל, אין אָנהויב זומער 1885. ס'איז אים דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין די הענט „אַ בלעטל פון יוסיפין — דעם פאַרפעלשטן — וואו עס ווערט באַשריבן די אידישע קאָמוניסטישע סעקציע פון די איסיים". דאָס, דערציילט ער, האָט אין אים „אויפן שטעל" געבוירן די זיכערקייט, אַז ער וועט „געפינען נאָך אַ סך שפּורן פון ריינער מענשלעכקייט אין דעם שטויב פון אונזערע פאַרגאַנגענע דורות" (באַנד 2, ז. 150).

וואָס אַביסעלע קאָמוניזם האָט אויפגעטאָן פאַרן אידישן פאָלק!

אינגיכן איז אים צוגעפאַלן נאָך אַן אַנדער מערקווירדיקער צו־פאַל, וואָס האָט אים געגעבן אַ ווייטערן שטויס אין דערזעלבער

ריכטונג. ער האָט איינמאָל געלייענט לעבאָק'ס ווערק, "אָנהויב פון ציוויליזאַציאָן", און דאָרטן האָט ער געפונען אָפּגעדרוקט אין העברייִיש אַ גאַנצע משנה, וועלכע ווערט געבראַכט ווי אַ באַווייז אויף דעם מחבר'ס טעאָריע. דאָס האָט אויף זשיטלאָווסקי'ן, דערציילט ער (באַנד 2, ז. 156) געמאַכט אַ "משונה'דיקן איינדרוק". ער האָט געפילט אַ געפיל פון פאַרשעמטקייט. לכתחילה האָט ער ניט פאַרשטאַנען "פאַר וואָס און פאַר וועמען ער שעמט זיך: צי פאַר זיך און זיין דור, וואָס האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן אויפן תלמוד, אָדער אפשר גאָר פאַרן גרויסן געלערנטן לעבאָק, וועלכער שעמט זיך ניט צו שעפּן זיינע מאַטעריאַלן פון אַזאַ דיסקרעדיטירטן קוואַל ווי דער תלמוד".

נאָך סוף־כל־סוף, דערציילט ער, האָט "גובר געווען דער ערשטער שאַם־געפיל, די ביזוי־בזיונות פאַר זיך אַליין".

דאַנקען גאָט דערפאַר.

פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך גענומען שטודירן אידישע געשיכטע. "איך האָב אָפּגעפרישט אין זכרון מיין חדר־לומדות — דערציילט ער — האָב זיך אריינגעוואָרפן אין דעם גרויסן ים פון אונזער גייסטיקן עבר און . . . עס האָט מיך באַצויבערט" (באַנד 2, ז. 150).

אין זיין פאַרלעזונג "איד און מענש", געגעבן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער אין אַמעריקע, פירט זשיטלאָווסקי אונטער אַ סך־הכל פון דעם, וואָס ער האָט דעמאָלט געפונען אין דעם אידישן ים. ער גיט דאָרט אַ לויפיקן איבערבליק איבערן תנ"ך, תלמוד, דער עפּאָכע פון די גאונים, די אידישע רעליגיאָנס־פילאָזאָפן, קבלה און חסידות. מ'קען זיך גרינג פאָרשטעלן די "לומדות" וואָס ער ווייזט דאָ אַרויס אין די אַלע געביטן, אַ לומדות געשעפּט פון די לעבאָקס און ענלעכע דרויסנדיקע קוואַלן. ס'איז פון יענע לומדות'ן וואָס ווערן אַרויסגענומען פון אַ "בריוונשטעלער". נאָר ער רעדט, גאָט צו דאַנקען, וועגן די אַלע זאַכן גנעדיק, אפילו מיט "שטאָלץ", און ער געפינט אַז "מיר האָבן דאָ אַ סך מער אייביק לעבנדע מענשלעכקייט איידער פאַרשימלטן שטויב."

פון דעם תנ"ך רעדט ער וועגן די נביאים מיט פייערלעכער באַגייסטערונג. זייער גרויסקייט זעט ער אין "זייער סאָציאַל־עטישן מאָנאָטעאיזם".

דער תלמוד רופט אַרויס זיין באַוואונדערונג מיט די "קאָלאָסאַלע כוחות פון דעם מענשלעכן גייסט, וועלכע זיינען אָנגעווענדט געוואָרן אויף זיין אויפבוי."

די גאונים אָנטציקן זשיטלאָווסקי'ן מיט זייער שאַרפער לאָגיק, וואָס דערמאָנט אים אָזש אָן דער שאַרפקייט פון דער לאָגיק פון קאַרל מאַרקס'עס "קאַפּיטאַל".

אונזערע רעליגיאָנס־פילאָזאָפן, ר׳ סעדיה גאון, איבן גבירול, דער רמב״ם א. א. וו. באַגייסטערן אים מיט דער צענטראַל־אויפגאַבע וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט צו „דערפאָרשן דעם נאַציאָנאַלן ציל, דעם קיום הלאם.״

מיט גאָר געהויבענע ווערטער רעדט ער וועגן דער קבלה, און דער חסידיזם דערפרייט זיין האַרץ מיט זיינע „נייע וועלטן פון מענש־לעכער שיינקייט, מיט זיין עטישן און פּאָעטישן פּאַטאָס.״

וואָלט דאָס אַלץ געווען גוט און שיין און פיין, ווען ער גיט אָבער ניט באַלד אַ בריקע און קערט ניט אויס דאָס גאַנצע מילך.

מען וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס אידישע לעבן, געשטעלט אויף אַזעלכע ריזיקע קולטורעלע מאָנומענטן, אויסגעשטריקט פון אַזעלכע אידעלע שטאָפן פון גייסט, און אַריינגעוועבט אין דער אידי־שער טאָג־טעגלעכקייט, זאָל זשיטלאָווסקי׳ן זיין זייער ליב און טייער. ס׳איז אָבער געווען ניט אַזוי. נאָך אַלע שירים ותשבחות צו דער אַל־טער אידישער קולטור מאַכט ער פאָלגנדיקן טרויעריקן אויספיר:

אין דער אידישער קולטור, שרייבט ער דאָרט, אַזוי ווי אין אַנ־דערע קולטורן, זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס זיינען אין דער בחינה פון „פאַרשפּיצטע פלעקער״ און פון „צוויי מאָל צוויי איז אַ שטרויענער דאַך.״ און דאַן זאָגט ער:

„און ווען מיר זעען, אַז אַ הויפן פאַנאַטיקער קלייבט זיך אַרום אַרום די אַלטע הילצערנע שטרויענע „געטער״ און טאַנצט אַ ווילדן טאַנץ און שרייט אין התלהבות: „מה טובו אהליך יעקב, פלעקענערעכאַ ישראל! — טאָרן מיר אַוודאי קיין פאַראיבל ניט האָבן ווען ביי איי־נעם פּלאַצט די געדולד און ער נעמט זיינע פלעקער און זיין שטרויענעם דאַך, וואָס ער האָט באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן, און ער מאַכט אויף זיי אַ שיינעם, לוסטיקן „להדליק״ בפני כל עם ועדה, ווי דאָס האָבן געטאָן אונזערע אַפּיקורסישע טאַטעס״ (באַנד 2, ז. 4־123).

וואָס זשע זיינען עס יענע „פאַרשפּיצטע פלעקער״, „שטרויענע דעכער״ און „הילצערנע געטער״ ביי אידן? עס קומט באַלד אַרויס, אַז אַלץ איז דאָרט פלאַקן און שטרוי! ער שרייבט:

„איך וועל דאָ ניט אויסרעכענען בפּרטיות אַלע יענע שטרויענע דעכער און פאַרשפּיצטע פלעקער, וואָס געפינען זיך אין דער אידישער קולטור. דער גאַנצער איבערנאַטירלעכער גלויבן אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים; די נאַרישע איינגעשמועסטקייט, אַז מען קען דורך וועלכע עס איז מצוות און עבירות בין אדם למקום — צווישן מענש און גאָט — געפינען חן אין דעם אויבערשטנס אויגן אָדער חלילה אַרויסרופן זיין צאָרן אַנטקעגן זיך; כמעט דער גאַנצער שולחן ערוך מיט זיינע תרפ״ט אלפים דינים און מנהגים — זיי אַלע, אָדער כמעט אַלע, זיינען ניט קיין אַנדער זאַך ווי „פאַרשפּיצטע פלעקער״

און „שטרויענע דעכער", וואָס קענען ניט אויסהאַלטן קיין ברעקל קרי־טיק פון דעם פּראָגרעסיוון מענשלעכן געדאַנק" . . .

אַט דאָס האָט זשיטלאָווסקי אַרויסגעפּישט פון דעם גרויסן ים פון אונזער גייסטיקן עבר — אַלץ טויטע פיש אַזעלכע . . .

מיט וואָס זשע האָט ער לכתחילה זיך אַזוי באַצויבערט? דער שלחן ערוך ניט; אידישע דינים ניט; אידישע מנהגים ניט; דער גלויבן אין אַ גאָט וואָס גנעדיקט און צאָרנט — ניט; צדיקים קומען ביי אים אין איין רובריק מיט שדים און רוחות — וועלכע זשע אידיש־קייט האָט אים אַזוי באַגייסטערט? גוט צי שלעכט, נאָר ס'איז ניט געווען קיין אַנדער אידישקייט ביי אידן!

די גרויסע סתירה, וואָס מאַכט תוך כדי דיבור צונישט זשיט־לאָווסקי'ס גאַנצן געפינס, ליגט קלאָר אויף דער האַנט.

ס'איז „נאַרישע איינגעשמועסטקייט", זאָגט ער, אַז מ'קען דורך מצוות און עבירות צווישן מענש און גאָט געפינען חן אין דעם אויי־בערשטנס אויגן. אָבער דאָס איז געווען דער סאָציאַל־עטישער מאָנאָ־טעאיזם פון די נביאים. זיי האָבן געגלויבט אין גאָט, וואָס מישט זיך אין דער מענשלעכער געשיכטע. זיי האָבן געגלויבט אין מצוות און עבירות צווישן מענש און גאָט. זיי האָבן געגלויבט אַז די מצוות און עבירות צווישן מענש און מענש זיינען אויך מצוות און עבירות צווישן מענש און גאָט, פאַר וועלכע ער גנעדיקט אָדער צאָרנט. אָן דעם קענען די נביאים טאָקע זיין סאָציאַל־עטישע לערער, אָבער זיי זיינען ניט קיין נביאים. ס'איז נאַריש די וואָזשנע „חכמה", אַז די נביאים זיינען ניט געווען קיין נביאים, נאָר „סאָציאַליסטן". מ'מוז נע־מען די נביאים ווי זיי זיינען. ווען מ'טיילט אָפּ די נביאים פון זייער לערע, וואָס פאַרוועבט דאָס אידישע פאָלק און די וועלט און גאָט אין איין באַגריף, באַגייט מען אַ באַרבאַרישן אַקט. מ'צעשמעטערט דערמיט דעם יסוד היסודות פון אידישן פאָלק און דעם סוד הסודות פון דער אידישער געשיכטע.

און נאָכדעם פאַלט שוין אַלץ פאַנאַנדער אין אַ תהו ובהו.

און אַזוי איז עס טאָקע פאַנאַנדערגעפאַלן אין זשיטלאָווסקי'ס הענט.

די נביאים אַנטציקן זשיטלאָווסקי'ן, אָבער וואָס קען מען מאַכן? די נביאים שפּאַרן זיך אָן אויף גאָט, וואָס גנעדיקט אָדער צאָרנט פאַר מצוות און עבירות.

אַ סך אין דעם תלמוד באַגייסטערט זשיטלאָווסקי'ן. אָבער דער תלמוד שפּאַרט זיך אָן אויפן תנ"ך מיט די נביאים, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף גאָט, וואָס גנעדיקט אָדער צאָרנט פאַר מצוות און עבירות.

די גאונים אַנטציקן זשיטלאָווסקי'ן. אָבער די גאונים שפּאַרן זיך אָן אויפן תלמוד, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די נביאים, וואָס

שפּאַרן זיך אָן אויף גאָט, וואָס גנעדיקט אָדער צאַרנט פאַר מצוות און עבירות.

די רעליגיאָנס־פילאָזאָפן באַגייסטערן זשיטלאָווסקי'ן מיט זייער „דערפאַרשן דעם קיום הלאם", אָבער די רעליגיאָנס־פילאָזאָפן שפּאַרן זיך אָן אינם „קיום האלם" אויפן שלחן ערוך, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די גאונים, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויפן תלמוד, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די נביאים, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף גאָט, וואָס גנעדיקט אָדער צאַרנט פאַר מצוות און עבירות.

די קבלה פאַרכאַפּט זשיטלאָווסקי'ס פאַנטאַזיע, און דאָס חסידות. אָבער דאָס חסידות שפּאַרט זיך אָן אויף דער קבלה, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויפן שלחן ערוך *), וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די רעליגיאָנס פי־לאָזאָפן, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף די גאונים, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויפן תלמוד, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף די נביאים, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף גאָט, וואָס גנעדיקט אָדער צאַרנט פאַר מצוות און עבירות.

ס'איז אָן אמת'ער חד־גדיא. ס'איז דער חד־גדיא פון אידישקייט. קיין אַנדער היסטאָרישע אידישקייט איז ניטאָ.

חסידיזם איז ביי אים דער לעצטער געהויבענער עטאַפּ פון דער אַלטער אידישקייט, וואָס האָט אויך באַלעבט די נייע אידישע לי־טעראַטור, און ער ווייזט אָן מיט פרייד אויף די חסידישע מעשות פון פרצ'ן און אַנסקי'ן. אָבער דאָס האַרץ פון חסידיזם זיינען די צדיקים, און זשיטלאָווסקי שטעלט אויס „שדים, רוחות און צדיקים" אין איין שורה „פלעקער".

מיט גאַר געהויבענע ווערטער רעדט ער וועגן דער קבלה. אָבער ערשט די קבלה וואַרצלט אין דעם געדאַנק פון „הקב"ה ישראל ואוריתא חד נינהו" — גאָט, דאָס אידישע פאָלק און די תורה זיינען איין זאַך.

וואָס זשע איז דאָ שייך צו ריידן וועגן „פלעקער" און אַ „שטרויע־נעם דאַך"? נעמט אַוועק די פלעקער און עס פאַלט איין דער דאַך; נעמט אַוועק דעם דאַך און עס בלייבט אָן אָפענע לאָך...

און קומענדיק אין זשיטלאָווסקי'ס גייסטיקער ביאָגראַפיע ביז אַהער, קענען מיר זיך אָפּשטעלן און פרעגן: מיט וואָס, אויב אַזוי, האָט ער זיך אונטערגעשיידט פון יענע ערשטע ראַדיקאַלן וואָס ער האָט קריטיקירט? יענע האָבן געקוקט אויף אידן ווי אויף נאַרישע, פינסטערע, עם־הארצות'דיקע פאַנאַטיקער, און אַזוי אויך ער. פאַר יענע איז די אידישע רעליגיע געווען אָן אומוויסנדיקער גלויבן אין „שדים, רוחות, משיח און צדיקים", און אַזוי אויך פאַר אים. און ער האָט זיך בפירוש סאָלידאַריזירט מיט זיי, אַז מען דאַרף נעמען דאָס רוב דערפון און אַריינוואַרפן אין פייער אַריין.

---

*) אין בילדלעכן זין גערעדט.

אַז די נביאים זיינען געווען סאָציאַל־עטישע לערער, און אַז אין דעם תלמוד א. א. וו. געפינען זיך גאַנץ לייטישע זאַכן אויך — דאָס האָט מען געקענט פועל'ן אויך ביי די אַסימילאַטאָרישע ראַדיקאַלן.

אין תוך האָבן ביידע צדדים מסכים געווען. פאַר ביידן זיינען אידן און אידישקייט געווען ניט מער ווי אַן אַלטער אָפּגעטראָגענער מלבוש. נאָר בשעת יענע האָבן געהאַלטן אַז מ'דאַרף עס אינגאַנצן אַרויסוואַרפן אויפן „מיסט", האָט זשיטלאָווסקי געהאַלטן אַז מ'קען עס נאָך איבערניצעווען און נאָך מאַכן דערפון אַ שטיקל לייטישן בגד...

זשיטלאָווסקי האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען דעם גייסט פון אידישקייט, אפילו נאָכדעם ווי ער האָט זי אויף דאָס ניי אַנטדעקט. שוין נאָך דעם לאַנגן „שווים" וואָס ער האָט געכאַפּט אין דעם ים פון דער אידישער קולטור האָט ער געשריבן:

„אונטער דער אַלטער שנאה פון די אידן צו אַלץ וואָס איז פרעמד און ניט אידיש — אַ שנאה וואָס רוט דער עיקר אויף דעם איצטער צונויפפאַלנדן פונדאַמענט פון דער אָפּגעזונדערטער רעליגיע... אַט די מיזאַנטראָפּישע שטעלונג צו דער גאַנצער מענשהייט" — (באַנד 6, ז. 49)

דער וואָס קען זאָגן אַזוי; דער וואָס קען באַהויפּטן אַז אידישקייט איז מיזאַנטראָפּיע, שנאה צו דער גאַנצער מענשהייט, יענער איז ניט געשוואומען אין דעם ים פון אידישקייט, נאָר אין דעם זאַמד אויפן ברעג, און דעם ברעג האָט ער אויך נאָר געזען אין דער פאַנטאַזיע פון אַ חלום, און דערצו פון אַ גויאישן חלום...

נאָך זיינע גרויסע „אַנטדעקונגען" אין דעם אידישן עבר איז אַרויס זיין רוסיש ביכל „מיסלי", און דאָרט, שרייבט ער, האָט ער „אויף דעם גרונט פון אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער גאַנצער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק אין גלות געוואָלט באַווייזן, אַז סיי די תלמודיש־רבנישע עפּאָכע, סיי די מענדעלסאָנישע אַסימילאַציע־עפּאָכע, סיי די פּאַלעסטינע־פילישע (חובב־ציון'ישע) רעאַקציע אַנטקעגן איר, האָבן אָפּגעלעבט זייער צייט" (באַנד 6, ז. 244).

ביי וואָס זשע פאַרט איז געבליבן דאָס אידישע פאָלק? ביי גאָרניט.

פון דעמאָלט אָן האָט זשיטלאָווסקי נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן, אַז „די שפּייכלערס פון דער אידישער קולטור זיינען ליידיק און וויסט", „אונזערע קולטור־קוואַלן זיינען זייער אָרים", „די אידישע מאַסן זיינען פאַרגליווערט אין עם־הארצות, אונטער דעם גייסטיקן רעזשים פון די רבנים און צדיקים"... „די אינטעליגענץ, די בעסטע קינדער פון פאָלק, אַנטלויפן".

די וואָס זיינען „אַנטלאָפן" ווערן ביי אים שטענדיק אָנגערופן די „בעסטע קינדער". און „אינטעליגענץ" זיינען געווען די וואָס

האָבן געליִיענט ביכלעך. דער גרעסטער למדן אין אידישקייט איז ניט געווען קיין „אינטעליגענץ״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס בילד פון „אידישער עם־הארצות״, וואָס זשיטלאָווסקי ווערט ניט מיד צו מאָלן מיט די שוואַרצסטע פאַרבן, איז געווען נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. אין יענער צייט, פון וועלכער זשיטלאָווסקי רעדט, זיינען די גרויסע אידישע ישובים אומעטום געווען אָנגעפיקעוועט מיט חדרים און ישיבות. אידן האָבן געלערנט מיט גרויס התמדה. דאָס קול פון תורה האָט געקלונגען אין די בתי־מדרשים טאָג און נאַכט. אַ ליאַדע איד האָט געקענט לייענען און שרייבן, ווער מער, ווער ווייניקער. לומדים אויף טריט און שריט, תלמידי־חכמים, גדולי־תורה און גאונים — ווי קערנער אין אַ מילגרוים.

פון צווישן דידאָזיקע אידן איז שפּעטער אויך אויסגעבויט געוואָרן די העברייאישע און אידישע ליטעראַטורן, און די אידישע פּרעסע אין רוסלאַנד, אין אַמעריקע און אומעטום וואוהין דער גורל האָט די אידן פאַרטראָגן. לגבי די רוסישע מאַסן, די אוקראַינישע, די פּוילישע, צווישן וועלכע אידן האָבן געלעבט, זיינען די אידישע מאַסן געווען ממש גייסטיקע אַריסטאָקראַטן.

פאַרוואָס זשע האָט ער גערעדט פון אידישער עם־הארצות?

דערפאַר ווייל די עצם זאַך וואָס די אידן האָבן געלערנט און געקענט: תורה־אידישקייט, אַלט־אידישקייט, אייביקע אידישקייט, איז ביי אים געווען עם־הארצות. און וואָס נאָך ערגער איז — רעאַקציע.

און אַזוי, נאָך אַלע זשיטלאָווסקי'ס זוכענישן און געפינענישן אין דער אידישער קולטור, זיינען אידן ביי אים אין די אויגן אַלץ געבליבן קולטורלאָזע עם־הארצים. „אַנטלויפן!״ איז געווען די רעטונג, וואָס די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ האָט געפונען פאַר זיך. אַנטלופן פון אַזאַ מדבר, באַזעצט מיט ווילדע.

ניט אַזוי זשיטלאָווסקי. ניט אַנטלויפן, נאָר בלייבן אויפ'ן אָרט, בלייבן אויפן אָרט און ראַטעווען, ראַטעווען אידן פון דעם חשך־מצרים.

וואָס זשע האָט זשיטלאָווסקי געהאַט אָנצובאָטן אידן אויפן אָרט פון זייער אַלטער אידישקייט?

ער האָט זיי, מיט גרויס פּאַראַד, אויף אַ גילדערנער טאַץ, מיט גילדערנע מעסער, לעפל און גאָפּל, אונטערגעטראָגן די „אייראָפּעאישע קולטור״.

די אייראָפּעאישע קולטור, אָדער ווי ער פלעגט עס אויך רופן: „דער אַלגעמיין־מענשלעכער פּראָגרעס״, און נאָך אַזעלכע קלינגענדיקע נעמען.

און דאָסדאָזיקע שלאָגוואָרט: אייראָפּעאישע קולטור, איז גע־

ווערן דער גרויסער רוף פון זיין לעבן. ניטאַ ביי אים כמעט אַן אַר־בעט, אַ גרויסע אָדער קליינע, וואו דאָסדאָזיקע וואָרט זאָל ניט דערשיינען. ער האָט עס קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון מויל. אויף דער וואָך און אין שלאָף, מיט פען און מיט צונג, איז געווען נאָר און בלויז „איראָפּעאישע קולטור", אָך ורק „מענשלעכער פּראָגרעס".

נאָר ווי אַזוי זאָל די איראָפּעאישע קולטור געבראַכט ווערן צום אידישן פאָלק?

זשיטלאָווסקי האָט געהאַט אַ פּלאַן וואָס איז געווען אי גראַנדיעז, אי פּשוט.

עס זאָל אַוועקגעזעצט ווערן, שרייבט ער (באַנד 2, ז. 148) „אַ גאַנצע מחנה איבערזעצער, וואָס זאָלן אַוועקלייגן דעם פונדאַמענט פון דער נייער אידישער קולטור אין דער פאָרם פון איבערזעצונגען אין אידיש פון אַלע וויכטיקע מאָדערנע איראָפּעאישע ווערק. און דערנאָך ערשט זאָלן קומען די נייע בויערס און שאַפערס, וואָס וועלן פריי אַרויסברענגען דעם לעבעדיקן אידישן גייסט, אָן אַ ברעקל שייכות צו זיין, שוין לאַנג געשטאָרבענער און אויף אייביק באַגראָבענער קולטור" *).

דערדאָזיקער פּלאַן זשיטלאָווסקי'ס האָט געהאַט צוויי סטאַדיעס. די ערשטע איז געווען יענע, ווען ער האָט זיך געקווענקעלט, צי מ'דאַרף אַריינגעמען אַפילו דעם תנ"ך און ליליענבלומ'ס „חטאת נעורים" אין דער נייער אידישער קולטור. די צווייטע איז געווען, ווען ער האָט שוין מסכים געווען אויף יענע צוויי ווערק, און — נאָך עט־לעכע . . .

דעמדאָזיקן פּלאַן האָט ער נישט מאָדיפיצירט זיין גאַנץ לעבן, און אין 1917 האָט ער אים געזען נאָר נאָענט פון פאַרווירקלעכונג.

באַלד נאָך דער דעמאָלדיקער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט ער פאַרלאַנגט די קערענסקי־רעגירונג זאָל געבן דאָס געלט דערויף. ער האָט דעמאָלט געשריבן:

„מיט אַ פאָנד פון אַ מיליאָן רובל און מיט דער אַרבעט פון יענעם דור אידישע שריפטשטעלער, וואָס לעבט מיט אונז היינט, קען אויפגעבויט ווערן דער בנין פון דער מענשלעכער פּראָגרעסיווער קול־טור פאַרן אידישן פאָלק, קענען איבערגעאַרבעט ווערן די נויטיקע ענציקלאָפּעדיעס און גרונט־ווערק פון אַלע וויסנשאַפטן, קענען איבער־געזעצט ווערן די קלאַסיקער פון דעם טעאָרעטישן און קינסטלערישן שאַפן. און מיט אַ צוגאַב פון נאָך אַ ריש אלף קערבלעך קענען באַ־אַרבעט ווערן אין אידיש אויך אַלע וויכטיקסטע, אמת מענשלעכע

*) אין דעם טעקסט שטייט „פריוהייט", ניט „קולטור", נאָר פון דעם גאַנצן תוכן איז קלאָר, אַז עס דאַרף זיין קולטור.

שאַפונגען, וואָס געפינען זיך אין דעם אוצר פון דער העברייאישער קולטור" (באַנד 10, ז. 2־31).

אָט אַזוי פשוט איז עס געווען.

באַמערקן מיר: זשיטלאָווסקי איז דאָך געווען אַ שונא פון אי־דישן האַנדל. פונדעסטוועגן, דאָס גרעסטע שטיקל אידישן מסחר האָט ער געוואָלט מאַכן: איינהאַנדלען די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור פאַר איין מיליאָן רובל! אַ ווילדע מציאה . . .

באַמערקט אויך: פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור האָט ער אַסיגנירט אַ מיליאָן, פאַר דער העברייאישער נאָר צוויי הונדערט טויזנט קערבלאָך . . .

באַמערקט ווייטער: די איבערזעצונגען זאָלן געמאַכט ווערן נאָר אין אידיש. העברייאיש ווערט אויסגעשלאָסן. ווייל העברייאיש איז אַריסטאָקראַטיש און דערפאַר רעאַקציאָנער. זשיטלאָווסקי האָט גע־פאָדערט אַ באַפרייאונג פון דעם גאַנצן אידישן עבר: „נישט נאָר אַ באַפרייאונג פון דעם רעליגיעזן אינהאַלט, נאָר אויך אַ באַפרייאונג פון דער העברייאישער פאָרם" (באַנד 8, ז. 117).

איצט קענען מיר אונטערציען אַ שטיקל סך־הכל און זען ווי ווייניק זשיטלאָווסקי, טראָץ זיין נאַציאָנאַליזם, האָט זיך אָפּגעטיילט פון די אַמאָליקע, ערשטע ראַדיקאַלע אידישע אַסימילאַטאָרן. אין אַ געוויסן זין האָבן זיי בעסער פאַרשטאַנען דעם תוך פון אידישער קול־טור ווי ער.

יענע האָבן געהאַלטן, צוזאַמען מיטן תנ"ך, און די נביאים, און דעם תלמוד, און דער קבלה, און די גאונים און דעם שולחן ערוך, אַז גאָט און די תורה און אידן זיינען איינס. און אַזוי ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון גאָט און תורה, האָבן זיי געפילט אַז זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אידן אויך. און אויף ווי ווייט זיי האָבן געמיינט, אַז רעליגיע גייט שוין בכלל אונטער אין דער וועלט, האָבן זיי געמיינט אַז דאָס אידישע פאָלק הָ״י אָפּגעלעבט זיין צייט און דערנעענטערט זיך צו זיין אונטערגאַנג.

דאָס איז געווען דער זין פון יענער אַסימילאַציע, אין איר באַ־וואוסטזיניקן טייל. זשיטלאָווסקי, אָבער, פילנדיק ריכטיק, אַז אידן גייען ניט אונטער, וועלן ניט אונטערגיין און קענען ניט אונטער־גיין, האָט ער אָבער ניט געפילט פאַרוואָס ניט. צוזאַמען מיט יענע האָט ער אָפּגעוואָרפן גאָט און תורה אַלס יסוד פון אידנטום, נאָר ער האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן אַן אייגענעם יסוד פון אידישער עק־זיסטענץ, און אַ נייע תורה פאַר אַ ניי אידיש פאָלק. און דאָ האָט ער זיך פאַרקירעוועט אויף דעם וועג פון זיין נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אָבער נאָר געווען אַ וועג צו אַן אַנדער מין אַסימילאַציע.

לאָמיר גיין מיט זשיטלאָווסקי'ן אויף דעמדאָזיקן וועג און באַטראַכטן די נייע לאַנדשאַפט.

די נייע עבודה־זרה.

1

נון, גייען מיר מיט זשיטלאָווסקי׳ן אויפן וועג צו דער איי־ראָפּעאישער קולטור.

נאָר וואָס איז „אייראָפּעאישע קולטור"? און ווי אַזוי קען אַ קולטור איבערגענומען ווערן, אַזוי מיר־ניט דיר־ניט, האַק און פּאַק?

כאָטש זשיטלאָווסקי האָט זיך אַרויסגעשטעלט פאַרן טרעגער פון דער אייראָפּעאישער קולטור צווישן אידן, פונדעסטוועגן האָט אים געפעלט דער היסטאָרישער חוש, וואָס איז דער הויפּט־יסוד פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער קולטור.

אויב עס איז דאָ עפּעס, וואָס גייט אַדורך דורכן גאַנצן מאָדערנעם אייראָפּעאישן דענקען, איז עס דער געדאַנק פון — עוואָלוציע, פון אַנטוויקלונג.

פאַר אַן אמת אייראָפּעאישן דענקער וואָלט אויסגעקומען משונה־דיק זשיטלאָווסקי׳ס געדאַנק, אַז מ׳קען נעמען אַ היסטאָריש פאָלק ווי דאָס אידישע און עס אָפּשניידן פון זיין גאַנצער קולטור אַזוי ווי מען שניידט אָפּ אַ קינד פון דעם נאָפּעל, און אים געבן זויגן אַ פרעמדע קולטור. דאָס וואָלט געהייסן — מיט גוואַלד אויסרייסן פון דעם פאָלק זיין כאַראַקטער און מיט גוואַלד אַריינזעצן אין אים אַן אַנדער כאַראַקטער, אַ פרעמדן. איז עס מעגלעך? איז עס געוואונשן?

און איז דען בכלל פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַן אַלגעמיין אייראָפּעאישע קולטור? אין אייראָפּע איז דאָ אַ פראַנצויזיש פאָלק, אַ דייטשיש פאָלק, אַן ענגליש פאָלק, אַ רוסיש פאָלק, אין רוסלאַנד גופא איז דאָ פאָלק אויף פאָלק, יעדערער מיט זיין אייגענער קולטור. וואָס זאָלן, אַלזאָ, אידן ווערן? ווי פראַנצויזן? ווי דייטשן, ווי ענגלענדער, ווי טשוואַשן?

און צי איז טאַקע אַלץ ביי די אַלע פעלקער אַזוי „צאַצקעדיק" אין זייערע קולטורן? אָדער אין דער אייראָפּעאישער קולטור בכלל? וואָס איז אַזוי די גדולה מיט דער אייראָפּעאישער קולטור?

אין דער אייראָפּעאישער קולטור איז דאָ מלחמה, עקספּלואַטאַציע,

ספעקולאַציע, שווינדל־פּאָליטיק, רעאַקציע, אימפּעריאַליזם, אונטער־דריקונג פון פאָלק דורך פאָלק, תאווה צו לוקסוס, פּראָסטיטוציע, סי־פיליס, גייסטיקע קאָרופּציע, אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם און נאַציזם, פּאָ־גראָמען, אַ פינצטערע אַבערגלויבעניש, און טאַקע אויך — האַנדל און וואוכער, זשיטלאָווסקי׳ס צווײ „טויטלעכע זינד״ פון אידישן פאָלק.

זיינען די אַלע זאַכן נאָר צופאַלן, זייטיקע „קלייניקייטן״, אָדער אפשר איז עס די נאַטירלעכע פּרוכט פון דעם אייראָפּעאישן קולטור־בוים?

נאָר לאָזן מיר די אַלע זאַכן אין אַ זייט. ניט זיי האָט דאָך זשיטלאָווסקי געמיינט. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געמיינט דאָס בעסטע פון אייראָפּע: די אייראָפּעאישע וויסנשאַפט, די אייראָפּעאישע ליטע־ראַטורן און קונסטן, די אייראָפּעאישע פילאָזאָפיע און די בעסטע און שענסטע אייראָפּעאישע אידעאַלן.

נאָר פאַרוואָס, פרעגט זיך, זיינען די אייראָפּעאישע פעלקער קודם אַליין ניט דערהויבן געוואָרן דורך זיי צו יענער הויכער מדרגה, צו וועלכער זשיטלאָווסקי האָט געהאָפט אויפצוהויבן דורך זיי די אידן? זיינען די אידן אונטער אידישקייט געווען ערגערע מענשן, אַלס מענשן, ווי די אייראָפּייער אונטער דער אייראָפּעאישקייט?

לאָמיר גיין בהדרגה. לאָמיר נעמען די וויסנשאַפט. קודם, איז די וויסנשאַפט דען נאָר אַן אייראָפּעאישער ענין, און קיין אידישער גאָרניט? זיינען דען אין דער געשיכטע פון אייראָפּע אידן ניט אָפט געווען די איינציקע טרעגער פון דער וויסנשאַפט, ווי למשל אין מיטל־אַלטער? און ווי אַזוי מאַכט עס די וויסנשאַפט אַ מענשן פאַר אַ בעסערן מענשן? וויסנשאַפט נוצט מען, וויסנשאַפט ווערט מען נישט. קיינער קען נישט ווערן ניוטאָנ׳ס גראַוויטאַציע און יוקליד׳ס דרייעק. און אויסגענוצט ווערט די אייראָפּעאישע וויסנשאַפט ליידער צו אָפט פאַר טויט אַנשטאָט לעבן.

און פון אייראָפּעאישער פילאָזאָפיע איז נאָך אויך קיינער ניט בעסער געוואָרן. און מיט וואָס האָט עס די אייראָפּעאישע פילאָזאָפיע געגעבן אַ קליגערן ענטפער אויף די רעטענישן פון וועלט און לעבן איידער די אידישע?

קלאַסישע ווערק אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור זיינען מע־טערלינק׳ס „דער בלויער פויגל״ און ניטשע׳ס „אַזוי האָט גערעדט זאַראַטהוסטראַ״. איך כאַפּ אַן דידאַקטיקע צוויי ווייל זשיטלאָווסקי אַליין האָט זיי מיט גרויס פייערלעכקייט געבראַכט צו אידן. ער האָט גע׳־דרש׳נט און געשריבן וועגן זיי, און זאַראַטהוסטראַ האָט ער אפילו אַליין איבערזעצט אין אידיש.

ליידיקט אויס אידן פון זייער אייגענעם אינהאַלט, איז זשיטלאָוו־סקי׳ס רעצעפּט, און פירט זיי צונויף מיט די ווערק פון אייראָפּע

און עפּעס וועט שוין פון זיי ווערן. נון, האָט אַ איד געלייענט מעטער־לינק'ס „בלויען פויגל" — וואָס וועט ער ווערן — אַ בלויער פויגל? און וואָס זאָל ער ווערן פון ניטשע'ס ווערק — די „בלאָנדע בעסטיע"? איז טאָקע מעטערלינק'ס „בלויער פויגל" וויכטיקער ווי אַ פּרשה חומש מיט רש"י? אָדער „זאַראַטהוסטראַ" איז אינטערעסאַנטער ווי אַ בלאַט גמרא?

ניטשע האָט געלערנט:

„וואָס פּאַראַ שאָדן די שלעכטע זאָלן ניט טאָן, דער שאָדן פון די גוטע איז דער שלעכטסטער שאָדן" („זאַראַטהוסטראַ").

„מיר גלויבן אַז גוואַלט, שקלאַפעריי, סכנה אין גאַס און אין האַרצן, טייוולשקייט פון יעדן סאָרט, און יעדער זאַך וואָס איז שלעכט, שרעקלעך, טיראַניש, רויבעריש און האָט די נאַטור פון אַ שלאַנג, דערהויבן דעם מענשן ניט ווייניגער ווי די קעגנזאַצן פון די אַלע זאַכן" („אַריבער גוטס און שלעכטס").

איז דאָס אַ תורה פאַר אידן?

וועגן ניטשע'ן זאָל רעדן דער פאָלגנדער פאַקט: פאַר מוסאָ־ליני'ס טרויעריקן געבורטסטאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן שוין נאָך זיין מפּלה און דעם קראַך פון זיין פאַשיסטישן רעזשים, האָט אים היטלער געשיקט אַ ספּעציעלע אויפלאַגע פון ניטשע'ס ווערק. ביידע, היטלער און מוסאָליני, האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון ניטשע'ן פאַר זיך און זייערע באַוועגונגען און רעזשימען. ער איז געווען דער גייסטיקער פאָטער פון דעם פאַשיזם און נאַציזם. דורך יענער גע־בורטסטאָג־מתנה איז געמאַכט געוואָרן דער בעסטער פּירוש אויף ניטשע'ן. עס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף שטענדיק די דריי־אייניקייט: מוסאָליני, ניטשע, היטלער.

זשיטלאָווסקי האָט אויך, אין אַ ברייטערער אָפּהאַנדלונג, אַריינגע־שטעלט ניטשע'ן אין אַ דריי־אייניקייט:

„טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מאַרקס"!

אַזוי הייסט די אָפּהאַנדלונג.

„יעדערער אויף זיין אָרט — שרייבט ער — האָבן זיי (טאָלסטאָי, ניטשע און קאַרל מאַרקס) אויסגעדריקט דעם גאַנצן יושר פון דער נייער צייט, יענעם יושר, וואָס דער ניינצנטער יאָרהונדערט האָט אי־בערגעלאָזט דורך זיי בירושה צו דעם צוואַנציקסטן" (באַנד 1, ז. 12).

אַ שיינעם יושר האָט ניטשע איבערגעלאָזט בירושה: מוסאָליני'ן און היטלער'ן . . .

און אָט פאַר דעם יושר פון ניטשע'ן האָבן עס אידן געדאַרפט אויפגעבן זייער אייגענעם יושר?

מיר זעען דאָ קלאָר ווי דער טאָג ווי אַזוי זשיטלאָווסקי אַליין האָט געבלאָנדזעט אויף די וועגן פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

ווען זשיטלאָווסקי וואָלט זיך ניט געוועזן אַזוי פאַרכלינען מיט דער „אייראָפּעאישער קולטור"; ווען ער וואָלט ניט געוועזן אַזוי פאַרביינען און פאַראַכטן די אידישע קולטור; ווען ער וואָלט געפילט אידיש, וואָלט ער אַזאַ טעות ניט געוועזן געמאַכט. ער וואָלט דעמאָלט געהאַט אַ מאָס אין האַנט צו מעסטן דעם קולטור־ווערט פון מענשן און זאַכן.

עס איז, פאַרשטייט זיך, זייער ווייט פון מיין געדאַנק צו זאָגן, אַז אידן דאַרפן זיך אָפּשליסן פון די גייסטיקע גיטער פון דער וועלט, סיי די גוטע סיי די שלעכטע. מיר מוזן אַלץ וויסן, אַלץ קענען. מיר מוזן וויסן אין וואָס פאַראַ וועלט מיר לעבן. אָבער ביי זשיט־לאָווסקי'ן האָט זיך ניט געהאַנדלט אין זיין באַקאַנט מיט דער אייראָ־פּעאישער קולטור, נאָר אין פאַרבייטן מיט איר די אידישע.

קומען מיר צו צו די „אידעאַלן" פון דער אייראָפּעאישער קולטור און פון „אייראָפּעאישן פּראָגרעס".

געוויס האָט זשיטלאָווסקי אין דער ערשטער ריי געמיינט דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

האָט געזאָגט הרב ר' אברהם יצחק קוק ז"ל:

„ניט דעפינירנדיק וואָס עס איז די געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג פון דער תורה, קען מען באַשטימט אָוועקלייגן די הנחה, אַז ווען אַלע געזעצן פון דער תורה אין געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן געביט זאָלן דורכגעפירט ווערן קאָנסעקווענט, אָן פּשרות און קאָמפּראָמיסן, וואָלט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם ניט געקענט עקזיסטירן" (אָנו לגאולת הארץ, ספרית תורה ועבודה, 16).

דאַרף מען אונז ליפערן סאָציאַלן יושר פון „אויסלאַנד"?

זשיטלאָווסקי האָט אַן אָפּהאַנדלונג, וואו ער זוכט צו דערגיין וואָס איז אַזוינס „פּראָגרעס" (באַנד 8, ז. 58־141). און ער פירט אויס, אַז פּראָגרעס איז: 1) פּערזענלעכע פרייהייט; 2) קולטורעלע רייכקייט; 3) סאָציאַלע גערעכטיקייט און 4) אינטערנאַציאָנאַלע ברי־דערשאַפט.

איז אַט דאָס דאַרפן עס אידן ערשט גיין לערנען פון אייראָפּע? אין איבערזעצונג? דאָס איז דאָך אידישער אָריגינאַל! אייראָפּע האָט עס דאָך געלערנט פון אונז! יעדער אינטעליגענטער גוי וועט עס מודה זיין. זיי זיינען עס מודה. זיי קריגן גאָרנישט וועגן דעם. דאָס זיינען דאָך געוועזן אונזערע פּרינציפּן און אידעאַלן און לעבנספּיר דעמאָלט ווען די אייראָפּעאישע פעלקער זיינען נאָך אומגעגאַנגען באָרוועס און געלעבט אין גריבער.

דאָס זיינען געוועזן די אידן, וואָס האָבן געלערנט די אייראָפּייער די פּרינציפּן פון אמת'ער דעמאָקראַטיע, ניט פאַרקערט; די אידן מיט זייער לערע, אַז דער מענש איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלקים. ניט

פאַר אידן אַליין איז אַנגעזאָגט געוואָרן, אַז עבדים אתם לי ולא עבדים לעבדים — קנעכט זייט איר צו מיר, און ניט קנעכט צו קנעכט.

קיין פאָלק האָט ניט באַנומען די דעמאָקראַטיע אַזוי טיף ווי אידן. אין אונזערע אַלטע ספרים ווערט געזאָגט, אַז יעדער איד האָט אין זיך דעם כח צו ווערן אַ משה רבינו: דער קלענסטער מענש האָט אין זיך די פּאָטענצן פון דעם גרעסטן. און ווייטער איז געזאָגט געוואָרן, אַז „משה און טויזנט ווי ער מעגן פאַרלאָרן גיין פאַר איין אידישן נפש". צו לערנען דיך, אַז די גרויסקייט פון דעם גרויסן מאַכט אים מיט גאָרניט חשוב'ער אין לעבן פון דעם קלענסטן פון די קלענסטע.

צו אַזאַ פּסיכאָלאָגיע איז נאָך דער שענסטער פון די אייראָפּייער ניט דערגאַנגען. און ווער ווייס, ווען ער וועט דערגיין. און גאָט ווייס צי ער וועט אַמאָל דערגיין.

צו זשיטלאָווסקי'ס פיר עלעמענטן פון פּראָגרעס קען און דאַרף צוגעגעבן ווערן נאָך אַ פינפטער און וואָס איז די קרוין פון זיי אַלע. אידן האָבן עס געהאַט, און האָבן עס נאָך היינט אויך, אין אַ גרויסער מאָס, בשעת אין אייראָפּע איז עס נאָר אַ ווייטער חלום פון יחידים. און ווידעראַמאָל: געהאַט, און עס האָבן עס, גראַד יענע אידן, וואָס זיינען געוועזן און געבליבן פאַרוואָרצלט אין דער אַלטער, אַזוי פאַר־אַכטעטער „שוואַרצער" אידישקייט.

און דאָס איז: די רעגולירונג פון דעם לעבן דורכן מאָראַלישן כח אַליין, אָן אַ שמץ פון וועלטכלעכער, פיזישער מאַכט.

לאָמיר עס קלאָר מאַכן.

אַז צוויי אידן האָבן געהאַט אַ סכסוך, איז מען געגאַנגען צום רב אויף אַ דין־תורה. ס'האָט זיך געקענט האַנדלען אין פאַרמעגנס. דער רב האָט גע'פּסקנ'ט און די אידן האָבן געפאָלגט.

דער רב האָט ניט געהאַט הינטער זיך קיין פּאָליציי און קיין תפיסות, קיין שום שטאָטלעכע מאַכט צו צווינגען די אידן צו פאָלגן זיין פּסק־דין. אָבער די אידן האָבן געפאָלגט.

דאָס פּרייע מאָראַלישע געזעץ, די מאַכט פון ריינעם גייסט אַליין האָט רעגירט.

אַ מעשה וועט עס אילוסטרירן. עס ווערט דערציילט וועגן ר' חיים בריסקער, אַז צו אים זיינען געקומען צוויי אידן זיך לאָדן. איינער פון זיי איז געוועזן אַ „שטאַרקער", און ווען דער פּסק איז אויסגעפאַלן קעגן אים, איז ער אין כעס געוואָרן און גענומען שרייען צום רב: איך וועל אייך אויסברעכן די שויבן!

— אַזוי! — מאַכט דער רב צוריק — וועסט מיר אויסברעכן די שויבן? און וואָס מיינסטו, איך וועל שווייגן?

— וואָס וועט איר מיר טאָן? — שרייט דער בעל־דבר טראָציק.

— וואָס הייסט, וואָס ? — מאַכט דער רב — איך וועל גלייך רופן אַ גלעזער און אַריינשטעלן נייע שויבן . . .

אָט דאָס אילוסטרירט ריכטיק יענע אינסטיטוציע ביי אידן. דער רב האָט טאַקי גאַרנישט געקענט טאָן אויסער רופן דעם גלעזער. אָבער מ׳האָט אָנגענומען זיין פסק־דין.

און צווישן ערלעכע אידן פירט זיך נאָך היינט אויך אַזוי.

וועגן אַזאַ רעגולאַציע בין אדם לחברו טרוימט דאָך ערשט דער איירעפּעאישער אַנאַרכיזם, ווי וועגן אַ וויטן, ווייטן חלום.

אויף אָפּצושאַפן פּילוויבעריי אין טערקיי האָט זיך געפאָדערט אַ רעוואָלוציע און די דיקטאַטור פון אַטאַטורק. ביי אידן איז עס געשען דורכן חרם דרבינו גרשם. די מאָראַלישע אויטאָריטעט אַליין איז געווען גענוג.

גיכער שיקט זיך צו פרעגן אַ קשיא, און אַ האַרבע קשיא איז עס, אויף זשיטלאָווסקי׳ן און אויף זיין גאַנצן דור פון אונזער „איי־ראָפּעאישער אינטעליגענץ״. אַלע, אין זייערע פאַרשיידנסטע ריכ־טונגען, האָבן זיי געטרוימט פון אַ געזעלשאַפט, וואו דער שטאַט וועט אָפּדאַרן, אָוועקפאַלן און פאַרשווינדן. פון דעם שטאַנדפּונקט אויס האָבן זיי געדאַרפט שטאַרק אידעאַליזירן דעם אַלטן אידישן שטייגער פון „רופן צו אַ דין־תורה״. אין משך פון טויזנטער יאָרן האָט דאָס פשוט׳ע פאָלק ביי אונז ניט געוואוסט פון אַ העכערער און בעסערער גערעכטיקייט ווי די גערעכטיקייט פון אַ דין־תורה. אפילו גוים פלעגן רופן „דאַ ראַבינאַ״.

האָט ערשט אונזער וועלטלעכע אינטעליגענץ געדאַרפט שאַנעווען און אונטערהאַלטן דידאַזיקע אַלטע אידישע אינסטיטוציע. אָבער זיי האָבן עס אַרונטערגעריסן אין די אויגן פון פאָלק צוזאַמען מיט דער גאַנצער רבנות און תורה, און האָבן אַליין פאַרגעצויגן דעם שטאַטלעכן געריכט מיט זיין קלאַסן־יוסטיץ און מאַכט־יוסטיץ. „סודיאַ״, „יוסטיץ״ און „יוריספּרודענץ״ האָבן געקלונגען שענער אין זייערע אויערן, לייטישער, „איירעפּעאישער״, ווי רב, דין־תורה און חושן משפט.

וואָס זשע האָט זשיטלאָווסקי אַזוי מבטל געווען אידישקייט און איז אַליין אַזוי בטל געוואָרן פאַרן איירעפּעאיזם ?

אין דער וועלט־מלחמה פון 1914־18, ווען אַ סך שטימען האָבן זיך אויפגעהויבן אין קריטיק אויף דער איירעפּעאישער קולטור, האָט זיך זשיטלאָווסקי אויפגעשטעלט ווי איר פייערדיקער ריטער און פאַר־טיידקער. ער האָט קיין שפּרענקעלע אויף איר ניט געלאָזט פאַלן.

„ניטאָ און ניט געווען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענש־הייט — שרייבט ער דעמאָלט — אַזאַ קולטור, אַחוץ דער איירעפּעאי־שער, דער קולטור פון דער ציוויליזירטער וועלט, אין וועמענס נאָמען

מיר קענען אויפהויבן דעם פּראָטעסט און דעם קאַמף אַנטקעגן דעם קריג! . . . לעסטערט ניט אונזער קולטור! פאַרזינדיקט זיך ניט אַנטקעגן דעם אַלגעמיין־מענשלעכן, ד. ה„ אייראָפּעאישן פּראָגרעס!" (באַנד 8, ז. 25).

„אונזער אייראָפּעאישע קולטור איז די איינציק מענשלעכע פּראָגרעסיווע קולטור" (דאָרט, ז. 21).

דער איינציק איז אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן אַליין. איז זי טאַקע די איינציקע? און וואָס איז מכח די נביאים, וועלכע האָבן די ערשטע אויפגעהויבן דעם קאַמף קעגן קריג?

פאַר דער אייראָפּעאישער קולטור איז זשיטלאָווסקי אייך גרייט געווען אָװעקצוגעבן אפילו די נביאים, כאָטש ער זאָגט אַליין, אַז „אין די נביאים האָט זיך די מענשהייט דערהויבן צו דעם אידעאַל פון דער העכסטער מאָראַלישער הויך" (דאָרט, ז. 20). אָבער, זאָגט ער, די נביאים האָבן אויך גאָרניט אַזוי פיינט געהאַט דעם קריג ווי מען מיינט . . .

אייראָפּע, דאָס איבּיקע קעסלגרוב פון מלחמה, איז ביי אים פרידלעכער ווי די נביאים!

ער פרעגט: „האָבן די נביאים פּראָטעסטירט (אונטערגעשטראָכן פון זשיטלאָווסקי'ן — ל.) אַנטקעגן דעם קריג פון זייער צייט? בשום אופן ניט! (דאָרט, ז. 21). פאַרקערט:

„גופא ביי ישעיה'ן, ביי דעם ערשטן און גרעסטן נביא פון דעם אייביקן שלום, געפינען מיר שטעלן . . . פון וועלכע עס לויכט אַרויס דעם נביא'ס באַוואונדערונג פאַר דער קריגס־פירנדיקער מאַכט, זיין עסטעטישע פרייד מיט דער שיינקייט פון דעם זיגער. לייענט נאָכאַמאָל איבער זיין שילדערונג פון אשור'ס אַרמייען!

„אָט קומט ער אַזוי לייכט, אַזוי פלינק! ניטאָ ביי אים קיין מידער, קיין שטרויכלענדיקער; ניט געשלאָפן, ניט געדרימלט" . . . (דאָרט, ז. 17־16).

אַזאַ אויספיר ווי זשיטלאָווסקי מאַכט איז פאַלש ווי אַ פאַלשע מטבע. ניט קיין „עסטעטישע פרייד מיט דער שיינקייט פון דעם זיגער" דריקט דאָ אויס דער נביא, נאָר זיין שרעק און וואָרנונג צו די אידן איבער דער פולקאָמענער גבורה פון דעם שונא. נאָר וואָס וועט זשיטלאָווסקי ניט טאָן כדי צו דערהויבן די שיינקייט פון דער אייראָפּעאישער קולטור איבער אַלץ און אַלעמען?

אייראָפּע, אייראָפּע איבער אַלעס,

איבער אַלעס אין דער וועלט . . .

אָבער ניט אַלע האָבן געדענקט אַזוי ווי זשיטלאָווסקי אַז ס'איז „ניטאָ און ניט געווען אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענשהייט

אזאַ קולטור" ווי ז׳י איראָפּאישע. ניט אַזוי האָבן געדענקט די חכמים פון מזרח. מיר ווייסן, למשל, זייער קלאָר וואָס אַ גאנדהי און אַ ראַ־בינדראנאטה טאַגאָר האָבן געדענקט וועגן דער איראָפּעאישער קולטור. דער כינעזער לין יוטאַנג שרייבט: „איראָפּע איז דער צענטער פון זאָראַזע אויף אונזער ערד" . . . „פרידן — שרייבט ער — איז מעגלעך אין אַזיע. פרידן איז מעגלעך אין אַמעריקע. פרידן איז מעגלעך אין אַפריקע. בלויז אין איראָפּע איז ניט מעגלעך קיין פרידן".

געווען אויך איראָפּייער וואָס זיינען ניט אַזוי באַגייסטערט געווען פאַר איראָפּע ווי זשיטלאָווסקי. רוסאָ, טאָלסטאָי, וולאַדימיר סאָ־לאָוויאָוו, מאַקס נאָרדאַו. שאַרל פּעיגי, דער פראַנצויזישער פּאָעט, למשל, שרייבט: „יעדער איינער איז אומגליקלעך אין דער מאָדערנער וועלט".

שאַרל פּעיגי, דער פראַנצויז, דער איראָפּייער פון פּאַריז, האָט זיך געפילט אומגליקלעך אין דער איראָפּעאישער קולטור, אָבער זשיטלאָווסקי, דער איד, דער איראָפּייער פון וויטעבסק — ער האָט זיך אין איר געפילט אינגאַנצן גליקלעך...

ער האָט אין איר קיין פּגימה ניט געזען. ניט געזען, אָדער זיך געמאַכט ניט זעענדיק?

זינט אין איראָפּע איז אַנטשטאַנען אַזאַ זאַך ווי קולטור, האָט זי געהאַט אין זיך אַן אַנטי־אידישע שטרעמונג. מ׳קען זאָגן אַז אַן אַנטאַגאָניזם צו אידן און אידישקייט ליגט אין דעם סאַמע יסוד פון דער איראָפּעאישער קולטור. אין משך פון איבער צוויי טויזנט יאָר איז דער איד אין איראָפּע געמאָלן געוואָרן ווי אַ שד, אַנהויבנדיק פון דעם גריך אַפּיאָן און ענדיקנדיק מיטן נייסטן אַנטיסעמיט. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די אייביקע רדיפות, נגישות, קרייצצוגן, געטאָס און פעריאַדישע אויסראָטונגען פון אידן, ביז אונזערע אייגענע טעג. מ׳זעט עס למשל אין אַזאַ דערשיטערנדיק ווערק, ווי דר. טראַכ־טענבערג׳ס: The Devil and the Jews.

ווען זשיטלאָווסקי האָט אונז גערופן צו דער איראָפּעאישער קול־טור האָט ער זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט דערפון.

ער האָט אונטערגעטראָגן ניטשע׳ן צום אידישן פאָלק און האָט זיך ניט ווייסנדיק געמאַכט פון ניטשע׳ס שנאה צום אידישן גייסט. ער האָט געשריבן פאַר אידן די „געשיכטע פון פילאָזאָפיע" און האָט פאַרשוויגן די אַנטי־אידישקייט פון די העגעלס און שלעגעלס, די פיכטעס און שאָפּענהאַוערס.

די גאַנצע צייט, אין משך פון הונדערטער יאָרן, איז אונטער דעם צודעק פון דער איראָפּעאישער קולטור געלעגן און געדרימלט די אַנטיסעמיטישע שלאַנג וואָס איז אונטער היטלער׳ן אַרויסגעשפּרונגען אויף אונז צו צעברעכן און פאַרניכטן אונזער געביין. עס איז געווען

דער חוב פון אַ זשיטלאָווסקי'ן, ווי פון אַלע אידישע שרייבער, אויפ־צוגראָבן דידאָזיקע שלאַנג און וואָרנען אידן באַצייטנס זיך צו היטן און זיך צו ראַטעווען.

לסוף איז ער אַליין געשטאַנען, און האָט גערופן אַלע אידן צו קומען און שטיין און זיך קוויקן מיט די שיינע קאָלירן פון דער טויטלעכער שלאַנג.

און אונזער אייגענע קולטור, וואָס האָט אונז אייביק געשירעמט און געוואָרעמט, האָט ער אונז גערופן צו פאַרוואָרפן . . .

דאָס איז געווען, ניט בלויז אַסימילאַציע, ס'איז געווען אַ מאָראַלי־שער פּאַרראַט קעגן אידישן פאָלק.

וואָס האָט זשיטלאָווסקי און אַלע פון זיין חדר געמיינט, אַז אידן האָבן גאָר קיינמאָל ניט געוואוסט וואו אייראָפּע געפינט זיך? נאָר זיי האָבן די ערשטע אַנטדעקט אייראָפּע און די אייראָפּעאישע קולטור פאַר אידן? אין אמת'ן האָבן אידן שטענדיק גוט געקענט אייראָפּע. זיי זיינען דאָרט אפילו צענדליקער מאָל חרוב געוואָרן. אידן האָבן געוואוסט פון אייראָפּע, זי געזען, געקענט, געלערנט, גע'משפט, און — נישט נתפעל געוואָרן.

געווען אַ צייט, ווען די אייראָפּעאישע קולטור איז געווען — גריכנלאַנד. אידן זיינען געקומען אין קאָנטאַקט מיטן גריכנטום. גע־ווען דעמאָלט אויך זשיטלאָווסקיס ביי אונז, די העלעניסטן, וואָס האָבן געוואָלט, מיר זאָלן אַוועקוואַרפן דאָס „אַלטע און אָפּגעלעבטע" און אָנ־נעמען די „אייראָפּעאישע קולטור". נאָר אידן זיינען געגאַנגען זייער אייגענעם וועג.

געווען אַ צייט, ווען די אייראָפּעאישע קולטור איז געווען רוים און רוימערטום. אויך דאָ איז פאַרלאַנגט געוואָרן, מיר זאָלן אויס־ליידיקן אונזער נשמה פון אייגענעם אינהאַלט און זי אָנפילן מיט דער „אַלגעמיין מענשלעכער קולטור." די גריכישע ציוויליזאַציע איז פאַר־גאַנגען און מיר זיינען דאָ.

אויך די רוימישע קולטור איז פאַרגאַנגען. האָט זשיטלאָווסקי זיך אַמאָל פאַרטראַכט, וואָס עס וואָלט געוואָרן מיט אידן, ווען זיי וואָלטן דעמאָלט געווען אָנגענומען די גריכישע אָדער די רוימישע קול־טורן? אידן, ווי אַ פאָלק, וואָלטן געווען פאַרשוואונדן געוואָרן צוזאַ־מען מיט זיי.

נאָך אַטען און רוים, וואָס זיינען געקומען צו די אידן, זיינען די אידן אַוועק צו אַטען און צו רוים, ד. ה. זיי זיינען אַריין אין האַרצן פון אייראָפּע. איבער צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי שוין דאָ אָפּ־געלעבט און שטענדיק איז די אייראָפּעאישע קולטור, אין אירע פאַר־שידענע צייטן און פאָרמען, זיי געלעגן ביי דער סאַמע נאָז, און זיי האָבן זי נישט אָנגענומען. זיי האָבן געפירט זייער אייגן לעבן, נעמענ־

דיק פון אייראָפּע נאָר דאָס, וואָס האָט זיך זיי אויסגעטויגט. ביז ס'איז געקומען זשיטלאָווסקי און, פאַר'חוזק'נדיק זייער אייגענע קולטור, באַפּיילט ער זיי אָנצונעמען די אייראָפּעאישע קולטור.

נאָך איין זאַך האָט זשיטלאָווסקי פאַרפעלט צו זען, און זייער אַ וויכטיקע זאַך. דורך דער גאַנצער צייט פון זיין לעבנס־שפּאַן אויף דער ערד זיינען אין אייראָפּע געווען ערנסטע און טיפע און ערלעכע דענקער, וואָס האָבן ערנסט געהאַלטן, אַז די אייראָפּעאישע קולטור דערנענטערט זיך צו איר סוף. ווי אַלע קולטורן, וואָס זיינען אונטער־געגאַנגען, פאַרענדיקט זי דעם ציקל: אויפגאַנג, בליאונג און אונ־טערגאַנגאונג. ס'איז אַן ערנסטער און טיפער ענין, וואָס באַשעפטיקט שוין לאַנג די בעסטע קעפּ פון דער דענקענדיקער מענשהייט.

אַלזאָ, דעמאָלט ווען זשיטלאָווסקי איז אומגעגאַנגען צווישן אונז און האָפערדיק פאַרזיכערט, אַז די אַלטע אידישע וועלט האָט אָפּגע־לעבט איר צייט, זיינען געזעסן טיפע דענקער, אין אייראָפּע אַליין און אין אַמעריקע, און האָבן טרויעריק עדות געזאָגט, אַז די אייראָ־פּעאישע קולטור האָט גאָר אָפּגעלעבט איר צייט. און אויב אַזוי, האָט דאָך זשיטלאָווסקי אין אמת'ן נאָר געוואָלט פאַרקנס'ן דאָס אידישע פאָלק מיטן טויט.

די גראַנדיעזע געהיימניספולקייט פון דער אידישער געשיכטע באַשטייט אין איר נישט איבערגעריסענער קייט. דער חפץ חיים פון אונזערע טעג און פאַר אים דער ווילנער גאון און פאַר אים רש"י, זיינען געווען לעבעדיקע קאָפּיעס פון ר' הלל הזקן און ר' יוחנן בן זכאי און ר' עקיבא פון אַמאָל. און די ספרים זיינען דיזעלבע, און די לערעס דיזעלבע, די דינים און מנהגים דיזעלבע. נישט אַזוי איז עס געווען מיט אַנדערע אַלטע קולטור־פעלקער אין דער מערב־וועלט. געווען אַמאָל דאָס גריכישע פאָלק פון פלאטאָ און אַריסטאָטעלעס, אסכילוס און סאָפאָקלעס, פּעריקלעס און דעמאָסטהענעס — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס היינטיקע גריכישע פאָלק מיט יענעם? כמעט גאָר קיין שייכות ניט. די גריכן פון אַמאָל און די גריכן פון היינט זיינען כמעט צוויי באַזונדערע פעלקער. דאָס אייגענע איז מיטן רוים פון היינט און דעם רוים פון אַמאָל. אָדער די אַראַבער פון היינט און די אַראַבער פון אַמאָל. ערגעץ איז איבערגעריסן געוואָרן זייער היסטאָרישע קולטור־קייט און זי איז מער נישט גאַנץ געוואָרן. די ערשטע האַלבע איז געווען פון גאָלד און די אַנדערע האַלבע איז פון ביליגערן מעטאַל.

בלויז די אידן האָבן נישט געלאָזט איבעררייסן זייער קייט און זי איז אינגאַנצן פון גאָלד. אַמאָל גלאַנצט דאָס גאָלד שאַרפער, אַמאָל טונקעלער, אָבער עס איז דערזעלבער מעטאַל דורכאויס.

און זשיטלאָווסקי, און די וואָס דענקען און טוען ווי ער, ווילן

נאַר איבערהאָקן די אייביקע גאָלדענע קייט פון דער אידישער קולטור און אונז אַראָפּדריקן, אין פאַרגלייך מיט אונזערע אבות, צו דער מדרגה, צו וועלכער אַנדערע פעלקער זיינען אַראָפּ אין פאַר־גלייך מיט זייערע אבות, און ווערן וואָס? דאָס קענען זיי ניט זאָגן.

אַבי ניט דאָס וואָס געווען . . .

2.

מ'וואָלט אַזוי געקענט אָפּדעבאַטירן וועגן אידישקייט און דער אייראָפּעאישער קולטור ביז אין ליכטיקן טאָג אַריין. נאָר כ'וויל ברענ־גען נאָך איין ביישפּיל, אויסער ביטשעש'ן, צו ווייזן וואָס ס'איז געשען מיט זשיטלאָווסקי'ן ווען ער האָט, אין זיינע טעאָריעס, פאַרוואָרפן אַ שטיק אַלטע אידישקייט און האָט אויף איר אָרט גענומען אַ שטיק אייראָפּעאישקייט.

עס האַנדלט זיך וועגן אַ גרויסן עיקר.

אויב, ווי זשיטלאָווסקי האָט געמיינט, די אידישע אמונה איז ניט יענע קראַפט וואָס האָט אונז געמאַכט פאַר אַ פאָלק און דער־האַלטן ווי אַ פאָלק, וואָס זשע האָט אונז געמאַכט פאַר אַ פאָלק?

זשיטלאָווסקי'ס ענטפער איז געווען: אונזער ראַסע, אונזער בלוט, אונזער גוף.

ער וואַרפט אָפּ דעם אַלטן פונדאַמענטאַלן באַגריף „ישראל ואוריתא חד נינהו" — איד און די תורה זיינען איין זאַך. ניין, זאָגט ער: „ישראל לחוד ואוריתא לחוד, די אידישע רעליגיע איז איין זאַך, און דאָס אידישע פאָלק איז אַן אַנדער זאַך" (באַנד 2, ז. 117).

„אַ איד — זאָגט ער — איז דער וואָס געהערט דורך זיין געבורט צו דעם אידישן פאָלק און האָט דעריבער אַריינגענומען אין זיך אַלע סימנים פון דער אידישער ראַסע" (דאָרט). „יעדער ביי־געבאָרענער מענטש מוז ברענגען מיט זיך אויף דער וועלט אַ געוויסן טייל פון נאַציאָנאַלע סימנים, יענעם טייל, וואָס גייט איבער בירושה דורך די בלוט פון די עלטערן, פון דור צו דור" (דאָרט, ז. 114).

אַזוי איז מיט אידן און אַזוי איז מיט יעדן אַנדערן פאָלק. יעדער קולטור פון אַ פאָלק איז דאָס וואָס זי איז, און זי איז אַזוי און ניט אַנדערש, נאָר ווי אַ רעזולטאַט פון דעם ספּעציעלן בלוט און דעם באַזונדערן „מאַרך־ און נערוון־אַפּאַראַט" פון דעם פאָלק. אַזוי ווי דער עפּל איז די נאַטירלעכע פרוכט פון דעם עפּלבוים און די וויינשל פון דעם וויינשלבוים און די בוימער קענען זיך ניט בייטן מיט די פּירות, אַזוי נאַטירלעך איז יעדער קולטור פאַרן פאָלק וואָס האָט זי געשאַפן.

קען מען דאָ גלייך פרעגן אַ האַרבע קשיא: וויבאַלד אַזוי, איז דאָך די אַלטע אידישע קולטור געווען אַ נאַטירלעכער פּראָדוקט פון דעם אידישן בלוט און פלייש; ווי אַזוי זשע האָט זשיטלאָווסקי געמיינט, אַז מ׳קען זי אָפּוואַרפן און מאַכן, אַז אויפן אידישן בוים זאָל אָנהויבן וואַקסן אַן אַנדער מין פּרי?

דידאָזיקע קשיא ווערט דאָ געשטעלט נאָר אגב־אורחא, פאַרבייגענדיק צו ווייזן ווי אַזוי זשיטלאָווסקי׳ס טעאָריעס זיינען געווען פול מיט סתירות ווי אַ זיפּ מיט לעכלעך. אונזער אינטערעס איצט איז זיין טעאָריע פון פעלקער־אונטערשיידן דורך בלוט און נערווך און מאַרך־אַפּאַראַטן.

און איך וויל זיך דאָ ניט פאַרנעמען צו באַטראַכטן די וויסנשאַפטלעכע זייט פון דער פראַגע און באַווייזן ווי אַזוי די גאַנצע מאָדערנע וויסנשאַפט לייקנט אַנטשיידן אָפּ דידאָזיקע טעאָריע, און ווי אַזוי זי דעקט־אויף איר פאַלשקייט. איך האָב עס געטאָן אין אַ ברייטערער אָפּהאַנדלונג אין מיין בוך „דיכטער און וועלטן״, צו וועלכן איך מוז אָפּשיקן דעם לעזער וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דעם ספּעציעלן ענין.

איך וועל זיך דאָ נאָר אָפּשטעלן צו ווייזן דעם היסטאָרישן ווערט פון זשיטלאָווסקי׳ס אידישער ראַסן־טעאָריע, ווי אַזוי און דורך וועמען ער איז געקומען צו איר, און צו וועלכע משונה׳דיקע רעזולטאַטן זי פירט.

נאָכאַמאָל: די בלוט־אייגנשאַפטן אין דעם אידן זיינען עס, לויט זשיטלאָווסקי׳ן, דער סוד, וואָס מאַכט די אידן פאַר אַ באַזונדער פאָלק און דערלאָזט נישט דעם אידישן פאָלק זיך צונויפצוגיסן מיט די אַנדערע פעלקער. ער באַהויפּטעט אַפילו, אַז זייערע בלוטן שטימען נישט און שטויסן־אָפּ איינע די אַנדערע ווען איד און ניט־אידישן זיך צונויף. אַפילו ווען אידן אַסימילירן זיך מיט קריסטן, קומט נישט פאָר, און קען ניט פאָרקומען, קיין אמת האַרמאָנישע צונויפשמעלצונג פון זייערע בלוטן.

איינער פון די אויטאָריטעטן, אויף וועמען זשיטלאָווסקי שטיצט זיך איז — ווערנער זאָמבאַרט.

ווער איז ווערנער זאָמבאַרט? זשיטלאָווסקי שרייבט וועגן אים, אַז „זאָמבאַרט געהערט לויט זיינע געזעלשאַפטלעכע סימפּאַטיעס גאַנץ זיכער צו דעם ראַדיקאַל־דענקענדן און פילענדן טייל פון דער איצטיקער פּראָגרעסיווער מענשהייט... ווי קאַרג אין ווערטער ער זאָל נישט זיין ווען עס קומט אים אויס צו רעדן וועגן די פראַגן פון דער העכערער גערעכטיקייט און די אידעאַלן פון דער צוקונפט, פילט דאָך יעדער איינער, וואָס לייענט אים מיט קאָפּ, אַז ביי דעם מחבר איז דאָס האַרץ אויפן ריכטיקן פּלאַץ און אַז עס

קלאַפּט אין אַ האַרמאָנישן טעמפּאָ מיט די ווייט־ווייטסטע באַשטרע־בונגען פון דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט" (באַנד 6, ז. 164).

אין דערדאָזיקער באַשרייבונג קלינגט עפּעס פּאַרדעכטיק דער אויסדרוק: „ווי קאַרג אין ווערטער ער זאָל נישט זיין ווען אים קומט אויס צו רעדן וועגן די פראַגן פון העכערער גערעכטיקייט און די אידעאַלן פון דער צוקונפט"... ווי קומט עס, וואָס אַ מענש, וועלכער האָט געשריבן דיקע ביכער, זאָל זיין קאַרג אין ווערטער דווקא וועגן „העכערער גערעכטיקייט" און די צוקונפט־אידעאַלן? -

אין אמת'ן איז זאַמבאַרט געווען אַ גאַנץ פיינער אַנטיסעמיט. פון דעם „אַנשטענדיקן", געלערנטן טיפּ אַנטיסעמיטן. די גאַנצע אידישע פּרעסע האָט אים אָפּגעשאַצט ווי אַן אַנטיסעמיט. נאָך ביז היינטיקן טאָג, ווען איינער וויל ברענגען אַן „אַנשטענדיקן" אַנטי־סעמיטישן אַרגומענט, ברענגט ער אים פון זאָמבאַרט'ן. ער האָט אַ סך געשריבן וועגן אידן. ער האָט אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט די שיטה, אַז די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז באַשאַפן געוואָרן פון אידן, און אַז דער קאַפּיטאַליזם שפּיגלט אָפּ די אייגנשאַפטן, די מעלות און חסרונות פון דעם אידישן כאַראַקטער.

שפּעטער, ווען דער נאַציזם איז געקומען, איז ער געווען אַ נאַצי, אַפילו ווען נאָר אַ פּאַסיווער.

נון, דערציילט אונז זישטלאָווסקי, אַז דערדאָזיקער זאַמבאַרט זעט דעם הויפּט־אונטערשייד צווישן אידן און קריסטן אין זייער בלוט. „דער גרונט און די אורזאַך פון די קעגנזאַצן ליגט אין דער פאַר־שידנקייט פון בלוט, פון כאַראַקטער... דורך דעם אַריינקומען פון די אידן אין דער געזעלשאַפט ווערט דער אַנטיסמעטיזם גרעסער. אויך די געמישטע חתונות ווערן ווייניקער. זיי ענדיקן זיך דאָס רוב זייער טראַגיש. די קינדער פון געמישטע חתונות זיינען אַפילו קער־פּערלעך זייער שיין, אָבער זייער צאָל איז ווייניק און זיי האָבן ווייניק ענערגיע אין לעבנס־קאַמף" (באַנד 6, ז. 166).

קענען מיר גראָד זיין צופרידן וואָס זאַמבאַרט'ן האָט זיך ניט געוואָלט זען אידן הייראַטן מיט קריסטן. זיין מאָטיוו איז אָבער אַ טריפ'ענער, און זיין טעאָריע וועגן בלוט־מישונג איז אַ טריפ'ענע.

נאָר זשיטלאָווסקי נעמט אָן דידאָזיקע טעאָריע מיטביידע הענט. „מיר זיינען די לעצטע, שרייבט ער דאָרט, וואָס וואָלטן וועלן אָפּ־לייקענען די גרויסע וויכטיקייט פון פאָלקס־ראַסע און פאָלקס־גייסט, פון בלוט און כאַראַקטער. אונז גלויבט זיך אָבער נישט, אַז דאָס זאָל זיין דער א י י נ צ י ק ע ר גרונד פון אַנטיסעמיטיזם" — אודאי גלויבט זיך אים נישט, ווייל ער האָט נאָך דערצו זיין איי־גענע באַליבטע טעאָריע פון אידישן פּאַראַזיטיזם...

האָבן מיר איינס אַוועק. נאָר זאָמבאַרט איז נישט דער איינ־

ציקער אויטאָריטעט זשיטלאָווסקי'ס פאַר דער לערע פון בלוט און ראַסע. ער שטיצט זיך אויך אויף דעם פראַנצויז גאָבינאָ און אויפן ענגלענדער האוסטאָן סטוארט טשעמבערליין, ריכאַרד וואַגנער'ס איידים, וואָס פון גרויס באַגייסטערונג פאַר דייטשלאַנד און דעם דייטשטום האָט ער זיך דערקלערט פאַר אויס ענגלענדער און האָט אָנגענומען דעם „דייטשישן גלויבן״.

גאָבינאָ איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אַרויס מיט דער בלוט־טעאָריע פון ראַסן און ער האָט אויך דער ערשטער געוויזן צו וואָס זי „טויג״ — צו אונטערדריקונג, צו אימפּעריאַליזם. די ראַסן, האָט ער געלערנט, אונטערשיידן זיך אין די קאָלירן פון זייער הויט, וואָס עס קומט פון אַנדערע, פאַרשידענע, אַלערליי בלוטן. אָבער די בלוטן זיינען נישט פאַרשידן בלויז אין קאָליר, נאָר אויך אין קוואַליטעט. פאַראַן בלוטן פון בעסערער קוואַליטעט און בלוטן פון ערגערער קוואַליטעט. דאָס בעסטע בלוט איז פון דער ווייסער ראַסע, דער שעפערין פון דער אייראָפּעאישער קולטור. דעריבער איז די ווייסע ראַסע באַרופן צו ה ע ר ש ן א י ב ע ר די אַנדערע ראַסן און זיי האַלטן אונטערדריקט, כדי צו פאַרהיטן די סאָווערעניטעט און עכטקייט פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

נאָך גאָבינאָ איז געקומען טשעמבערליין און האָט דידאָזיקע טעאָריע „פאַרטיפט״. און ס'איז אַוועק אַ גאַנג. די העכסטע ראַסע איז געוואָרן די נאָרדישע, דאָס העכסטע פאָלק אין דער נאָרדישער ראַסע איז געוואָרן דאָס דייטשישע פאָלק. און פאַרקערט, די נידעריקסטע ראַסע מיטן געמיינסטן בלוט, אַ פאַרברעכערישן בלוט, איז די אידישע ראַסע, דאָס אידישע פאָלק.

אַלע צרות פון דער וועלט קומען פון דער אידישער ראַסע מיט איר געמיינעם בלוט, האָט טשעמבערליין געקנעלט מיט דייטשלאַנד, און מיט גאַנץ אייראָפּע. דער איד האָט פאַרדאָרבן דאָס בעסטע און שענסטע פון דער אייראָפּעאישער קולטור. ער האָט אומגעבראַכט די אַלטע געטער פון גריכנלאַנד און פון די דייטשן. „אָלימפּוס און וואַלהאַלאַ — שרייט ער אויס מיט ווייטאָג — זיינען ליידיק געוואָרן ווייל אַזוי האָט געוואָלט דער איד״.

שפּעטער איז טשעמבערליין געוואָרן דער גייסטיקער פאָטער פון אַלפרעד ראָזענבערגין, געבעלסין און היטלערין.

מער איז נישט נויטיק צו זאָגן. דאָס איבעריקע איז פאַרשריבן מיטן בלוט פון אידישן פאָלק.

ווען טשעמבערליין איז אַרויסגעקומען מיט זיין לערע, האָבן אים אידן געגעבן דעם קבלת פנים, וואָס עס פאַרדינט אַ שאַרלאַטאַן פון אַ שאַרלאַטאַנסקער וויסנשאַפט. מיט וועמען האָט, על פי שכל, געדאַרפט האַלטן זישטלאָווסקי, מיט טשעמבערליינ'ען אָדער מיט די אידן?

זשיטלאָווסקי האָט זיך אָנגענומען פאַר טשעמבערליינ׳ען און האָט אַטאַקירט די אידן. ער האָט געשריבן בזה הלשון:

„עס איז באמת אַן עגמת נפש צוצוזען, ווי אויך דער ציוניזם פאַלט אַריין אין דעמזעלביקן פריוואַלן (לייכטזיניקן) טאָן, מיט וועלכן די ליבעראַלע אַסימילאַטאָרישע בורזשואַזיע האָט באַגעגנט די אַרבעט פון טשעמבערליין — אפשר דעם גייסטרייכסטן שריפט־שטעלער פון אונזער צייט" (באַנד 6, ז. 211).

„נישיים — שרייבט ער דאָרט ווייטער — האָט אויך דער ציוניזם קיין אַנדער אויפגאַבע נישט ווי אויפצואוויזן, אַז מיר זיינען מענטשן, און גאָרנישט קיין שלעכטע מענשן, און אויב איינער לייקנט דאָס, איז ער ממש, נישט פאַר קיין געבילדעטן מענשן געדאַכט, אַן אַנטיסעמיט?" (באַנד 6, ז. 211).

טראַכט זיך נאָר אַריין אין דידאָזיקע ווערטער זשיטלאָווסקי׳ס: וואָס איז דען, הייסט עס, אויב טשעמבערליין זאָגט, אַז אידן זיינען קיין מענשן ניט? ער איז דאָך עפּעס אַ געבילדעטער, דער גייסט־רייכסטער שריפטשטעלער פון אונזער צייט! איינער קען קומען און גאַנץ רואיק לייקענען, אַז אידן זיינען מענשן, און דאָך זאָל ער ביי זשיטלאָווסקי׳ן נישט זיין קיין אַנטיסעמיט...

און „נישיים — טענה׳ט דאָרט זשיטלאָווסקי נאָך ווייטער — קען דעם ציוניסטישן טעאָרעטיקער נישט זיין קלאָר ווי דער טאָג, אַז אויב אויך אַ טשעמבערליין ווערט קראַנק אויף אַנטיסעמיטיזם; אַז אויב בנוגע צו אונז קען אויך אַזאַ מענש אַנטוויקלען נישט מער ווי פּערווערזע געפילן און פאַראורטיילטע געדאַנקען, יעמאָלט הייסט עס, אַז די „גלאָז־שפּליטער" זיצן שוין צו טיף אין די אָדערן" (באַנד 6, ז. 211).

ניט טשעמבערליין איז שולדיק, נאָר די אידן! און טאַקע אין אמת׳ן, ווי קען מען פאַרדענקען די טשמבערליינס, אַז אידן האָבן זיך אָנגעזעצט אויף זיי און שניידן זיי ווי שטיקער גלאָז אין זייער בשר׳ן, ערלעכן, געבילדעטן לייב אַריין! . . .

ניין, זשיטלאָווסקי קען זיך נישט לאָזן פאַרבלענדן פון אַזעלכע געפילן! ער קען פאַרשטיין און פאַרגעבן דעם האַס פון מענשן צו אידן.

וואָס ער קען נישט פאַרשטיין און נישט פאַרגעבן, איז דעם האַס פון אידן צו מענשן. אַזוי שרייבט ער אין איין אָרט:

„שוין אין יענער צייט, ווען אונזער „חיבת־ציון" איז צום ערשטן מאָל אַרויס אין קאַמף אַנטקעגן דעם אידישן סאָציאַליזם (?!), האָבן געגלימט אין אים יענע סאַוואָרין־קרושעוואַנישע פונקען פון האַס צו אַלע מענשן אַ חוץ אידן... און עס איז געווען אַן עגמת נפש און אַ חידוש און אַ צער צו זען אַזעלכע פיגורן, ווי משה לייב ליליענ־

בלום, מיט קרושעוואַן־סאָוואָרינשע פּאַקעלן אין די הענט״! (באַנד 6, ז. 107).

סאָוואָרין איז עס דער וואָס האָט מיט זיין צייטונג „נאָוואָיע ווערעמיאַ״ געפירט די צאַרישע פּאָליטיק קעגן אידן. קרושעוואַן איז דער, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם קישענעווער פּאָגראָם. משה לייב ליליענבלום איז דער, וואָס זיין „חטאת נעורים״ האָט זשיטלאָווסקי געשטעלט נעבסט צום תנ״ך...

אָט דידאָזיקע ראַסן־לערע פון גאָבינאָ, זאָמבאַרט און טשעמבערליין, און שפּעטער פון ראָזענבערג, געבעלס און היטלער, האָט זשיטלאָווסקי איבערגענומען, צו דערקלערן מיט איר דעם מהות פון אידישן פאָלק — אָט די לערע, וואָס איר איז שפּעטער באַשערט געווען, אין אייראָפּע, אומצובריינגען דעם רוב מנין ורוב בנין פון אידישן פאָלק...

שוין אין יענער באַהויפּטונג זאָמבאַרט׳ס, אַז פון געמישטע חתונות צווישן אידן און קריסטן קומען אַרויס דעגענערירטע קינדער, מיט „וויניקער ענערגיע און לעבנס־קאַמף״, איז געלעגן דער אָנזאָג אויף היטלער׳ס פּאָליטיק אויסצוראָטן אַפילו יענע קריסטן, וואָס האָבן געהאַט אין זיך אַ פערט־חלק אידיש בלוט.

זשיטלאָווסקי האָט די טעאָריע אָנגענומען — זי איז דאָך עפּיס געקומען פון דער הייליקער „אייראָפּעאישער קולטור״! — און אויפן סמך פון איר, האָט ער עס אָוועקגעשטעלט יענעם גרויסן כלל, אַז אַ איד קען מען נישט ווערן, אַ איד קען מען נאָר געבוירן ווערן.

ער האָט מיט איר פאַרביטן די ראַסן־לערע פון דעם אידישן פאָלק, פון אַלע אונזערע דורות, וועלכע איז פאַר אים געווען נישט מער ווי אַן אַלט שטיקל ברוכוואַרג פון דער אַלטער „אָפּגעלעבטער״ אידישער קולטור.

וואָס איז די אידישע ראַסן־לערע?

אונזערע נביאים האָבן געלערנט: ונלוו גוים רבים אל ה׳ ביום ההוא יהיו לי לעם (זכריה, ב׳) — און עס וועלן זיך אָנשליסן אַ סך פעלקער אָן גאָט און יענעם טאָג וועלן זיי מיר זיין פאַר אַ פאָלק.

דאָ ווערט געלייקנט, אַז פעלקער און ראַסן זיינען ביאָלאָגיש, מיט זייער בלוט, אָפּגעשיידט איינס פון אַנדערן. די מענשהייט איז איינס. זיי זיינען צעטיילט נאָר אין דער אידייע, אין דער אידייע פון גאָט. ווען „אַ סך פעלקער״ וועלן אָננעמען די אידייע פון גאָט, וועלן זיי ווערן פאַר אַ פאָלק — פאַר איין פאָלק, לי — צו מיר, צו גאָט, באַגלייך מיט די אידן.

די תורה לערנט, אַז די גאַנצע מענשהייט איז אַרויסגעקומען

פון איין מענשן — פון אדמ׳ען. און די גמרא פרעגט: פאַרוואָס האָט עס גאָט אַזוי געמאַכט? און זי ענטפערט: כדי מענשן זאָלן זיך נישט קענען איבערנעמען איינער קעגן אַנדערן און זאָגן: איך שטאַם פון אַ בעסערן טאַטן ווי דו. אַלע שטאַמען זיי פון איין טאַטן און אַלע זיינען ברידער. ס׳איז איין בלוט.

די תורה לערנט, אַז גאָט האָט דעם מענשן באַשאַפן פון ערד. און די אידישע לעגענדע זאָגט, אַז גאָט האָט צונויפגענומען ערד פון אַלע פיר עקן וועלט, און גענומען האָט ער ווייסע ערד און שוואַרצע, און געלע און רויטע, צו לערנען דיך, אַז די ערד געהערט אַלעמען גלייך, צו דער ווייסער ראַסע, צו דער שוואַרצער, צו דער געלער און דער רויטער.

ס׳איז איין וועלט און איין מענשהייט!

און אַזוי האָבן אונזערע חכמים געלערנט, אַז אַ גוי קען ווערן אַ איד, ווען ער איז זיך מגייר, ווען ער נעמט אָן אידישקייט, ווען ער נעמט אָן די אידישע אידייע פון גאָט. און אַזוי האָט זיך אייביק געפירט ביי אידן. ביז היינטיקן טאָג.

וואָס־זשע איז פּראָגרעסיווער, וואָס איז אייראָפּעאישער, די אי־דישע ראַסן־לערע אָדער די „אייראָפּעאישע״?

די גאַנצע מענשהייט האָט געגעבן איר ענטפער אויף דער־דאָזיקער פראַגע דורך ימ׳ען בלוט, ווען זי איז אַרויס אין מלחמה געגן דעם היטלעריזם, כדי צו פאַרניכטן זיין „אייראָפּעאישע״ ראַסן־און פעלקער־לערע און אַרויפזעצן אויפן טראָן די — אידישע.

און נישט נאָר אין קריג, נאָר אויך אין פרידן גייט די בעסטע מענשהייט אויפן יסוד פון דער אידישער ראַסן־לערע, און נישט אויף דער זאַמבארט־טשעמבערליין־זשיטלאָווסקי־לערע. אַמעריקע איז די גרעסטע היסטאָרישע דעמאָנסטראַציע פון דעם אידישן פּרינציפּ. די קינדער פון אַלע פעלקער האָט זי אַריינגענומען אין זיך, כדי אויסצושמעלצן פון זיי איין איינציקע נאַציע, און אַ העכערן טיפּ נאַציע, ניט אַ דעגענערירטן, „מיט ווייניק ענערגיע און לעבנס־קאַמף״. אַמעריקע איז אַן אַפּלייקענונג אין וועלט־מאַסשטאַב פון דעם משונה׳דיקן, ווילדן געדאַנק, אַז מענשלעכע בלוטן מישן זיך נישט.

אַמעריקע, מיט אַלע פעלקער אין איר, האָט צוריקגעוויזן דעם ווּיסטן געדאַנק. צוריקגעוויזן האָבן אים אויך די גרעסטע, ערלעכע פעלערטע פון דער גאַנצער וועלט.

ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט און ער האָט אָנגע־הויבן זיין ראַסן־לערע פאַרוואַנדלען אין גרויזאַמער פּראַקטיק, האָבן די גרעסטע אַנטראָפּאָלאָגן פון אייראָפּע אָפּגעהאַלטן אַ קאָנגרעס — אין שוועדן, דוכט זיך, איז עס געווען — און האָבן דאָרט פאַר־

דאָמט די משוגענע ראַסן־לערע פון גאָבינאָ און טשמבערליין און זייערע נאַצישע תלמידים.

האָט זשיטלאָווסקי דעמאָלט זיך אָפּגעזאָגט פון איר? ניין, ער האָט געשוויגן.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, סוף יאָר 1938, האָבן די גרעסטע אַנטראָפּאָלאָגן פון אַלע אַמעריקאַנישע לענדער אָפּגעהאַלטן אַ קאָנגרעס אין ניו יאָרק, אין קאָלוביא־אוניווערזיטעט, און זיי האָבן אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואו זיי האָבן פייערלעך פּראָקלאַמירט די נאַצישע ראַסן־לערע פון בלוט־אונטערשייד פאַר אַ ווילדן און געפערלעכן אומזין, אָן דעם מינדסטן יסוד אין דער וויסנשאַפט.

עס איז ניט דער דרך פון וויסנשאַפטסלייט צו פּראָקלאַמירן וויסנשאַפטלעכע אמת'ן דורך רעזאָלוציעס. נאָר אין דעם פאַל האָבן זיי עס געטאָן, אפשר דער איינציקער פאַל.

האָט זיך זשיטלאָווסקי כאָטש דעמאָלט אָפּגעזאָגט פון איר?
ניין, ער האָט געשוויגן.

דער רוף צו שמד.

1

ווען איינער שטעלט זיך אויף אַ טעאָריע וואָס איז אַן אבסורד, און ער נעמט מאַכן פון איר ווייטערע אויספירן, מוזן די אויספירן אויך זיין אַן אַבסורד. און אַזוי איז געשען מיט זשיטלאָווסקי'ן.

ער האָט זיך דערטראַכט דערצו, אַז אַ איד איז אַ איד, ניט מיט זיין אידישקייט, נאָר מיט זיין גוף, מיט זיין בלוט און פלייש, נערוון און מאַרך.

און אויף אַ גוף, ווייסן מיר, קען מען אָנטאָן אַלערליי קליידער און ער זאָל זיך אויף אַ האָר ניט בייטן. מ'קען אָנטאָן זומערדיקע קליידער אָדער ווינטערדיקע, וואָלענע, סאַמעטענע אָדער זיידענע, און דער גוף בלייבט אַלץ דערזעלבער גוף.

און אַזוי האָט טאַקע זשיטלאָווקי געקוקט אויף דער אידישער אמונה בנוגע דעם אידן. די אידישע אמונה האָט ניט קיין אָרגאַנישע שייכות צום אידן, האָט ער געלערנט. די צוויי האָבן גאָרניט צו טאָן איינס מיטן אַנדערן. „ישראל לחוד ואורייתא לחוד", האָט ער געזאָגט. אַ איד קען אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם בגד פון דער אידי־שער אמונה און אָנטאָן דעם בגד פון יעדער אַנדער אמונה — פון קריסטנטום, למשל, אָדער מאַכמעדאַניזם, און בלייבן דער זעלבער „גוטער איד" וואָס געווען.

„ווי הויך מיר זאָלן ניט שעצן דעם ווערט פון אונזער גייסטיקן עבר — שרייבט ער — ניט פון אים הענגט אָפּ אונזער באַוואוסט־זיניקער נאַציאָנאַליזם, אונזער צוגעהעריקייט צום אידישן פאָלק. זאָל דורך אַ וועלכער עס איז קאַטאַסטראָפע דער אידישער אוצר אינגאַנצן פאַרשוואונדן ווערן פון אַ מענשלעכן געדעכעניש, וועט דאָס ניט מאַכן קיין תל פון אונזער פאָלק" (באַנד 2, ז. 150).

און ווייטער:

„אַ איד וואָס ווערט געבאָרן פון גע'שמד'טע אידישע עלטערן, ברענגט מיט זיך אויף דער וועלט דעם אידישן 'מוח' און דאָס אידישע 'האַרץ', אַ באַשטימטן בוי פון זיין גוף און נשמה. ער איז

אַ איד, אַפילו ווען אַלע אידן ווילן פון אים גאָרניט ניט וויסן און ער אַליין האָט פיינט זיין פאָלק בתכלית השנאה" (באַנד 2, ז. 117).

מיט איין וואָרט: קיינער קען ניט ווערן קיין איד און קיינער קען ניט ווערן אויס איד.

לויטן זעלבן רעצעפּט דאַרף עס הייסן, אַז קיינער קען ניט ווערן קיין גוי און קיינער קען ניט ווערן אויס גוי.

ביידע זאַכן קען מען נאָר געבאָרן ווערן. און אַזוי ווי מ'ווערט געבאָרן, אַזוי מוז מען שטאַרבן.

היסטאָריש, ווייסן מיר, נאַטירלעך, דאָס פאַרקערטע אין ביידע זאַכן.

מיר ווייסן, אַז אידן האָבן זיך גע'שמד'ט און זיינען אַוועק און זיינען פאַרשוואונדן צווישן די גוים אויף אייביק.

מיר ווייסן אויך, אַז גוים האָבן זיך מגייר געווען און זיינען געוואָרן טייערע אידן און זיינען אַריין אין אידישן פאָלק אויף אייביק. אַ סך בויער פון אידנטום זיינען געווען גרים. רבי עקיבא, שמעיה ואבטליון האָבן געשטאַמט פון גרים. אונקלוס איז אַליין געווען אַ גר. רות איז געווען אַ גר'טע, און פון איר האָט אָפּגעשטאַמט דוד המלך און פון איר דאַרף שטאַמען משיח בן־דוד.

אידן האָבן אויפגענומען גרים און מיט'ן כוח פון דין זיי פראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער וועלט פאַר אידן.

קריסטן האָבן אויפגענומען אידישע משומדים און מיט'ן כוח פון זייער דין זיי פראָקלאַמירט פאַר גוים.

אין טויזנטער יאָרן פון געשיכטע איז עס פּראַקטיצירט געוואָרן.

קומט צוגיין זשיטלאָווסקי און גיט אַ קלאַפּ מיט דער פּען אין טיש:

— איך הייס ניט!

אויף זיין אויטאָריטעט האָט ער איינגעשטעלט אַ נייע הלכה ביי אידן...

און ביי גוים...

ניט די געשיכטע מיט איר פּראַקטיק, ניט די דינים פון פעלקער, און ניט דאָס קול פון דער וויסנשאַפט האָבן אים ניט געקענט אָפּווענדן פון דער ראַסן־לערע פון גאָבינאָ־טשעמבערליין.

אָט אַזאַ כוח האָט די עבודה־זרה.

און אַזוי, אָפּגע'פסק'עט, אַז מ'קען זיך שמד'ן און דאָך בלייבן אַ איד, האָט זשיטלאָווסקי געהייסן ברייט עפענען די אידישע טיר פאַר — קריסטנטום!

די אידישע אמונה האָט ער געטריבן פון אידישן הויז, אָבער די קריסטלעכע האָט ער געהייסן אַריינלאָזן דורך טיר און פענסטער.

פיגורירט האָט ער אַליין פאַר אַ פריידענקער, נאָר רעליגיע האָט ער פונדעסטוועגן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן ענין. „רעליגיע

איז דער דריטער צווייג פון דעם עץ־הדעת", האָט ער געשריבן („וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע, רעליגיע", ז. 33). די אַנדערע צוויי צווייגן זיינען די וויסנשאַפט און די פילאָזאָפיע. ער האָט געזען פאַר רעליגיע אַ גרויסע ראָלע אין לעבן.

בלויז די אידישע רעליגיע אין אידישן לעבן האָט ער ביטער באַקעמפט. רק אַ „פרייע", „פּראָגרעסיווע", נייע אידישע קולטור האָט ער געפאָדערט. די אַלטע פרומע אידישע וועלט איז אין זיינע אויגן געווען דער קראַנקער טייל פון אידישן פאָלק. אַפשניידן דאָס אידישע פאָלק פון זיין רעליגיע און רעליגיעזן עבר איז געווען דאָס גרויסע שטרעבן פון זיין אַרבעט. דעם בונד צווישן אידישן פאָלק און דער אידישער אמונה האָט ער געהאַלטן פאַר אַ היסטאָרישער טראַגעדיע.

„וואָס גיכער דאָס פאָלק וועט זיך באַפרייען פון איר . . . אַלץ בעסער פאַר דעם פאָלק" (באַנד 4, ז. 197). „די אידישע רעליגיע איז אַרויסגעטראָטן און טרעט נאָך איצטער אַרויס מיט דער פּרעטענזיע, אַז זי שטעלט מיט זיך פאַר דאָס אידישע פאָלק. אַ גרויסער און שעדלעכער טעות! די רעליגיע שטעלט מיט זיך ניט פאַר דאָס פאָלק, זי פאַרשטעלט דאָס פאָלק" . . . די אידישע רעליגיע, ווי אַ באַשטימטער שלחן ערוך, וואָס איז אַ חוב פאַר יעדן אידן, איז אַ הויכע שטאַרקע וואַנט, וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אויסגעבויט צווישן זיך און דער אַרומיקער וועלט . . . מען מוז זי אַראָפּגראָבן" (דאָרט, 199).

מיט יאָרן שפּעטער, צוטרעטנדיק צום ציוניזם, און ריידנדיק וועגן דער היסטאָרישער צונויפשמעלצונג פון אידישן פאָלק מיט זיין אמונה, שרייבט ער:

„וואָס מען וויל און מען מוז ביי אייך צונעמען איז — אייער חצופּיע העזה אַרויפצולייגן דעם שטעמפּל פון אייער רעליגיעזן געפיל אויף די הערצער פון דעם גאַנצן פאָלק, אויסצוטיילן פּאַטענטן, אין וועלכער רעליגיע דאָס אידישע פאָלק מעג און אין וועלכער עס טאָר ניט גלויבן. די גרויסע טראַגעדיע פון דעם אידישן פאָלק אין גלות איז געווען, וואָס עס האָט געמוזט פאַרלאַנגען פון יעדן יחיד אַ באַשטימטן גלויבן אָדער וויניקסטנס זיך אָפּזאָגן פון אַ באַשטימטן אַנדער גלויבן. עס איז אַרויסגעוואַקסן די אידישע אינקוויזיציע, וואָס האָט געמוזט נעמען זיך פאַר דער פאַרפלוכטער אַרבעט אַריינצוקריכן מיט די „שטיוואַלעס" אין דעם אַנדערנ'ס האַרצן אַריין און קאָנטראָלירן זיין רעליגיעזן געוויסן, אַרויסשטויסן דעם איינצעלנעם פון זיין פאָלק, אויב ער האָט אין זיין רעליגיע איבערגעטראָטן געוויסע גרעניצן. דער ציוניזם איז אָבער . . . די באַפרייאונג פון דער גלות־פסיכאָלאָגיע . . . ער איז די אויסלייזונג פון יענער

אידישער טראַגעדיע, די באַפרייאונג פון יעדער נאַציאָנאַל פּאַטענ־טירטער רעליגיע. און דאָס קען גאָר אַנדערש ניט זיין!" (באַנד 3, ז. 244-5).

דאָס האָט ער געשריבן, ווען ער איז געשטאַנען, ווי ער דריקט זיך אויס, „אויפן שוועל פון ציוניזם", און די ערשטע זאַך האָט ער געפּאָדערט צו וויסן, צי דער ציוניזם איז אַזאַ באַוועגונג, וואָס נעמט אַריין פאַר מיטגלידער אויך — משומדים. אין אַן אָפּהאַנדלונג פון יענער צייט מאַכט ער אַ לאַנגן פּירוש אויפן ציוניזם און טייטשט אויס, אַז „דער ציוניזם וויל קיין ברעקל מגע ומשא ניט האָבן מיט דעם אידישן רעליגיעזן געדאַנק" (באַנד 3, ז. 242) און דאַן איז ער מוסיף פון זיך:

„ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין איינציקע אמונה, אויף וועלכער דער ציוניזם האָט אַ רעכט אַרויפצולייגן אַ פאַרבאָט אין נאָמען פון אידישן פאָלק . . . אָבער אפילו דער נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַלער דענקען איז אין דעם פּרט נאָך עד היום פאַרהויקערט, אויסגע־לונקען . . . אַ נאַציאָנאַלער איד, אַ ציוניסט, און צו דערזעלביקער צייט רעליגיעז אַ קריסט, איז אַ פאָרשטעלונג, וועלכע אויך ער קען ניט רעלאַזירן אין זיין געדאַנק. און פּירט מען אים אַרויף אויף אים, דערשפּירט ער אַ ווייטאָג, ווי אַ האַנט מיט אַ פאַרעלטערטן לונק שפּירט אַ ווייטאָג, ווען מען צווינגט זי אויסצופירן אַ נאָרמאַלע באַ־וועגונג, וואָס גייט להיפוך איר ניט נאָרמאַלער שטעלונג. וואָס עס זאָלן ניט זיין די אורזאַכן וואָס האָבן פאַרהויקערט און אויסגעלונקען דעם אידישן דענקען אין דעם פּונקט . . . מוז מען, מיט דער אכזריות פון אַ כירורג, דעם אידישן נאַציאָנאַלן דענקען אַריינשטעלן אין זיין ריכטיקן געלענק" (דאָרט, ז. 243).

ס'איז פאַר אים געווען די נויטיקסטע זאַך אין דער וועלט, אַז אידן זאָלן זיך אָפּרייסן פון זייער אידישער אמונה, און די לאָ־גישסטע זאַך אין דער וועלט, אַז אידן זאָלן זיך שמד'ן אויף אַנדערע אמונות. איבערהויפּט האָט ער איינגעלייגט וועלטן פאַרן קריסטנטום צווישן אידן. ער האָט אפילו גערעדט פון אַ „נאַציאָנאַל־אידישן קריסטנטום".

עס איז דאָ, האָט ער געשריבן „אַן אייזערנע לאָגיק אין דעם פּרינציפּ, וואָס פאָדערט, אַז דער נאַציאָנאַלער געדאַנק זאָל נישט מאַכן קיין שום חילוק צווישן רעליגיאָנען, און וואָס מוז ממילא צוגעבן די מעגלעכקייט און די גלייכבאַרעכטיקונג פון אַ נאַציאָנאַל־אידישן קריסטנטום" („דאָס נייע לעבן", יאָרגאַנג 1910, ז. 408).

אַז „קריסטלעכע אידן" זיינען די אמת'ע נאַציאָנאַלע אידן, איז שטענדיק געווען דער בליק פון אידישע מיסיאָנערן. זשיטלאָווסקי נעמט דאָ אין תוך אַן זייער שיטה. ער גייט נאָך אפילו אַ פּאָר

שריט ווייטער ווי זיי. די מיסיאָנערן האַלטן, אַז בלויז קריסטנטום ליגט אין דער לאָגיק פון אידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק. זשיטלאָווסקי האַלט, אַז אַנדערע רעליגיעס אויך, אַן „קיין שום חילוק". אַ איד קען בכן זיין אַ קריסט, אַ מאַכמעדאַנער, אַ בודהיסט אָדער אַ שינ־טאָיסט, וואָס זיין האַרץ גלוסט, און דאָך בלייבן אַ נאַציאָנאַלער איד.

אַרום דעם יאָר 1910 האָט זשיטלאָווסקי געזען דעם אָנהויב פון אַ נאַציאָנאַל־אידישער קריסטלעכער באַוועגונג אין דער פּערזאָן און טעטיקייט פון איינעם אַ מיסיאָנער, פּאָול לעווערטאָוו, וועלכער האָט געאַרבעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָס איז געווען אַ רוסישער גע'שמד'טער איד, וועלכער האָט, ווי די ציוניסטן, געהאַט אַ גע־דאַנק, אַז אידן זאָלן אַרבעטן פאַר זייער צוריקקער קיין ארץ־ישראל, אפילו פאַר מאַכן העברעאיש די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר זיי זאָלן אויפגעבן די אידישע רעליגיע. ער האָט געגלויבט, אַז אַ קריסטלעך־אידיש פאָלק קען דערוועדבן ארץ־ישראל פאַר אַן אייגן לאַנד אַ סך לייכטער ווי אַ אידיש־אידיש פאָלק.

און שרייבנדיק וועגן דעמדאָזיקן משומד, זאָגט זשיטלאָווסקי:

„קיין לאַנג לעבן און קיין שטאַרק לעבן קען מען דער נייער באַוועגונג נישט צוזאָגן, אָבער כל זמן עס וועלן זיין נאַציאָנאַל־אידישע קריסטן, און ווי וויניק זיי זאָלן נישט זיין, וועלן מיר מוזן קעמפן פאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג מיט דער זעלבער קאָנסעקווענץ, מיט וועלכער מיט קעמפן פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון דעם אידישן גלויבן צווישן די קריסטלעכע פעלקער" („דאָס נייע לעבן", דאָרט).

לגבי דער אידישער רעליגיע, אַלזאָ, האָט זשיטלאָווסקי געוויד־מעט זיין לעבן צום קאַמף קעגן, אָבער לגבי „אידישן קריסטנטום" האָט ער זיך אָנגעגורט צום קאַמף פאַר.

פאַרוואָס האָט די אידישע אמונה געהאַט ביי זשיטלאָווסקי'ן אַן ערגער מזל ווי אַנדערע אמונות? איז זי טאַקי די ערגסטע פון אַלע?

אויפן סמך פון זשיטלאָווסקי'ס שריפטן איז נישט מעגלעך צו ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע וואָס שייך מאַכמעדאַניזם, שינ־טאָיזם און אַנדערע רעליגיעס. ער האָט וועגן יענע רעליגיעס דירעקט זיך נישט אַרויסגעזאָגט. ס'איז אָבער מעגלעך צו ענטפערן וואָס שייך קריסטנטום.

און דער ענטפער איז: יע. דאָס קריסטנטום האָט ער געשטעלט העכער פון אידנטום.

אין זיין ערשטן אַרויסטריט פאַר יעזוס'ן, אין זיין אַרטיקל „די צלם־פראַגע", אין „דאָס נייע לעבן", וואו ער פאָדערט, אַז אידן זאָלן רעווידירן דעם „דרייפוס־פּראָצעס", שטעלט ער אַוועק דעם נוצרי צווישן די נביאים און זאָגט, אַז ער איז געווען גרעסער פון שפּינאָ־זאַ'ן, גרעסער פון קאַרל מאַרקס'ן און גרעסער פון אַלע נביאים.

און אין שפּעטערע יאָרן האָט ער נישט איינמאָל דערקלערט, אַז אין דעם נוצרי האָט די אידישע עטיק דערגרייכט איר העכ־סטע מדרגה.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף דער עצם פראַגע פון דעם ווערט פון אידנטום און קריסטנטום. ס׳איז אַ צו ברייטער ענין און געהער אייגנטלעך נישט אַהער. אויף דער פאָדערונג פון רעווידירן דעם „דרייפוס־פּראָצעס" האָט אים אין יענער צייט גע־ענטפערט, כאולתו, דר. א. גינזבורג („דאָס נייע לעבן", 1910, ז. 25 און ז. 89). וואָס שייך דעם ווערט־פאַרגלייך צווישן די צוויי רעלי־גיעס וועט זיין גענוג אָנצואווייזן, אַז ערנסט רענאַן, אין זיין ווערק „דאָס לעבן פון יעזוס", זאָגט, אַז ישו הנוצרי האָט גאָרנישט מחדש געווען לגבי די לערעס פון אידנטום (קאַפּיטל 5). ער באַדויערט, וואָס ער מוז עס צוגעבן, נאָר ער גיט עס צו.

רענאַן דער קריסט האָט מודה געווען, אַז זיין גאָט האָט גאָר־נישט מוסיף געווען אויפן אידנטום, אָבער זשיטלאָווסקי דער איד האַלט, אַז ער האָט אַריבערגעשטיגן דאָס אידנטום.

מיט וואָס ער האָט אַריבערגעשטיגן, וואָס ער האָט מוסיף אָדער מחדש געווען, האָב איך אין זשיטלאָווסקי׳ס שריפטן נישט געפונען. נאָר מסתמא האָט ער געמיינט יענעם זאָג יעזוס׳עס, אַז ווען איינער גיט דיר אַ פּאַטש אין איין באַק, שטעל אים אונטער די צווייטע באַק. דאָס איז אויף וואָס די קריסטן אַליין ווייזן אָן אַלס דאָס גרעסטע אין יעזוס׳ן.

אידן האָבן עס נישט אָנגענומען. און ס׳איז דאָ אַ העכערע חכמה אין דעם נישט אָננעמען ווי אין דעם זאָג. וואָרים דאָס איז אינגאַנצן אומנאַטירלעך און אַפילו אוממאָראַליש. אומנאַטירלעך, ווייל עס גייט קעגן דער מענטשלעכער טבע, אוממאָראַליש — ווייל ס׳בינדט די הענט פון דער גערעכטיקייט און גיט דעם רשע אַ גלאַטן שליטוועגס.

און זשיטלאָווסקי אַליין? ער איז געווען אַן ס. ר., אַ סאָציאַ־ליסט־רעוואָלוציאָנער, מיט דער טעאָריע און פּראַקטיק פון פּאָלי־טישן טעראָר.

ווי אַזוי קען איין מענש אין דער אייגענער צייט גלויבן אין אונטערשטעלן די צווייטע באַק און אין טעראָר?

זשיטלאָווסקי האָט געהאַלטן פון יעזוס׳ן ווי פון דעם גרעסטן מאָראַלישן נביא. אָבער ער האָט אויך געהאַלטן פון ניטשע׳ן ווי פון אַ מאָדערנעם נביא.

נאָר יעזוס האָט געלערנט, אַז די אָרימע וועלן ירש׳ענען די ערד; ניטשע האָט געלערנט, אַז די אָרימע „האָט דאָס לעבן פאַר־משפּט צום טויט". יעזוס האָט געהייסן זיין דער „גוטער סאַ־

מאַריטאַנער" — אויפהויבן דעם געפאַלענעם; ניטשע האָט געזאָגט: ווען דו זעסט איינער פאַלט, גיב אים נאָך אַ שטויס.

און די דאָזיקע צוויי היפוכים האָבן פונדעסטוועגן פרידלעך געהויזט אין זשיטלאָווסקי'ן, ממש ווי אַ פּאָר טויבן, און ער האָט געפילט, אַז ער קען זיין פאַר זיי ביידן דער „שליח צו די אידן".

גלויבנדיק, אַז עס קענען און דאַרפן זיין אידן־קריסטן, האָט ער זיך אָנגענומען צו זיין זייער ריטער און קעמפן פאַר זייערע רעכט צווישן אידן. ווייל „אין וואָס איינער זאָל נישט גלויבן, אין משיח אָדער אין קריסטוס, איז דרך־ארץ פאַר זיין גלויבן!"

בלויז פאַרן אידישן גלויבן האָט ער ניט געפילט, אַז ער דאַרף האָבן דרך־ארץ . . .

אידן האָבן נישט געקענט פאַרווערן וועמען פון זיי זיך צו שמד'ן אויף קריסטן. אין אַ באַשטימטן, אַ מעטאַפיזיש־רעליגיעזן זין האָט זיי אַפילו דער אידישער דין נישט אויפגעהערט צו באַ־טראַכטן ווייטער אויך פאַר אידן. למשל, אין דעם ענין פון שטראָף פאַר זינד, דערונטער אויך די שטראָף פאַרן שמד'ן זיך גופא. נאָר קיין חופה וקידושין מיט אַ אידישער טאָכטער האָט מען אַזעלכע ניט געגעבן. כאָטש אין פילאָזאָפישן זין האָבן משומדים זיך גערעכנט פאַר אידן, אָבער פּראַקטיש האָבן אידן אַזעלכע געשטעלט מחוץ למחנה. פּראַקטיש פלעגן אידן גיין צו שמד דעמאָלט ווען זיי האָבן געוואָלט אַוועקגיין פון אידן. און אַזוי האָט זיי דער אידישער כלל באַהאַנדלט. מ'האָט זיי אויסגעשלאָסן, ווי אָפּטריניקעס, אויף אייביק, און אויף אייביק זיינען זיי אַוועק און פאַרשוואונדן.

אַזוי איז געווען דער היסטאָרישער גאַנג פון אידישן פאָלק. און אַזוי זיינען געווען די דינים פון דער אידישער אמונה.

אָבער זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט פאַר זיי אַ פּלאַץ אינעווייניק. ער האָט זיי אַריינגענומען ווי אַ נאַציאָנאַלן באַשטאַנדטייל פון אי־דישן פאָלק. גלייך אויף גלייך מיטן „אידישן" טייל פון דער נאַציע.

מיט זיין גרויסער „עמקות" אין אידישקייט האָט ער זיך אונטער־גענומען אומצוואוואַרפן דעם דין פון דער אידישער אמונה און איבער־קערן דאָס געזעץ פון דער אידישער געשיכטע, וואָס זינט אידן זיינען אידן זיינען די צוויי געזעצן געווען איין געזעץ.

אַרבעטנדיק מיט אַ קליינינקן באַגריף פון אידישקייט, דערצו אַ גוי'אישן באַגריף, האָט ער געמיינט, אַז אַזוי ווי ביי די גוים קענען געמאָלט זיין קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן אין איין נאַציע, און מסתמא אויך מאַכמעדאַנער און בודהיסטן א. אַ. וו. (באַנד 2, ז. 112), אַזוי קענען אויך געמאָלט זיין ביי אידן — אידן און קריסטן, נישט באַגרייפנדיק דעם טיפן זין פון דעם „עם לבדד ישכון".

און זשיטלאָווסקי צייכנט אַפילו אָן גאַנץ געניי ווי אַזוי ער

שטעלט זיך פאַר דאָס צוזאַמענלעבן פון אידן מיט אידן־קריסטן אין איין קהילה.

שרייבנדיק וועגן דעם ערשטן פּרואוו, אין יאָר 1909, צו אָרגאַניזירן אַ אידישע קהילה אין ניו יאָרק, זאָגט זשיטלאָווסקי:

„אידישקייט איז נישט רעליגיע, נאָר נאַציע; נישט קולטוס, נאָר קולטור. נישט די אידישע רעליגיע האָט באַשאַפן די אידישע נאַציע, די אידישע נאַציע האָט צוליב אירע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע צילן באַשאַפן די אידישע רעליגיע, און זי קען זי איבעראַנדערשן, לויט אירע באַדערפעניש, אָדער פאַרבייטן אויף אַן אַנדערער, אָדער לאָזן זי באַשטיין אין איינעם מיט אַנדערע (רעליגיעס), אָדער איינגאַנצן זי אָפּשאַפן צוריק.

„די אידישע קהילה פון ניו־יאָרק האָט, אמת, אויפגענומען אויפן צעטל פון איר פּראַקטישער אַרבעט די באַפרידיקונג פון אַ סך ריין אידיש־רעליגיעזע נויטן, ווי מקווה, שחיטה א. אַ. וו. אָבער דאָס איז נישט צוליב פּרינציפּ, נאָר אויס אַ ריינעם צופאַל: די מאַיאָריטעט פון פאַראיינען, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו דער קהילה, זיינען אידיש־רעליגיעז, און דעריבער ווערן זייערע באַדערפענישן באַפרידיקט קודם־כל. וואָלט די מאַיאָריטעט באַשטאַנען פון קריסטלעך־אידישע פאַראיינען, דעמאָלט וואָלט די פאַרוואַלטונג געמוזט זאָרגן פאַר דער באַפרידיגונג פון די קריסטלעך־אידישע רעליגיעזע הצתרכות׳ן. אַ קאָמיטעט וואָלט געמוזט דערוויילט ווערן צו זאָרגן פאַר מעות־קריסטמעס־בוים, אָדער מעות־פּאַסכאַ־חזיר׳ל, קיין איד זאָל חלילה נישט בלייבן אָן אַ טענענבוימדל אויף קריסטמעס, אָדער אָן אַ שטיקל חזיר׳ל אויף פּאַסכאַ״.

און דאָס איז ניט קיין וויץ. איר געפינט עס, אין פולן ערנסט געשריבן, אין באַנד 10, זייט 177.

איך מיין, אַז דאָס איז די גרעסטע הומאָרעסקע אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור!

לאָמיר נעמען דעמדאָזיקן געדאַנק פון אַ אידישן פאָלק, וואָס באַשטייט פון אידן און אידן־קריסטן, און אים דערפירן צו זיין לאָגישן סוף. מיר דאַרפן, למשל, אָננעמען, אַז צווישן די אידן־קריסטן וואָלטן געווים געווען אידן־קאַטאָליקן און אידן־פּראָטעסטאַנטן. נון, ווייסן מיר, אַז קאַטאָליקן איז פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט פּראָטעסטאַנטן. קומט אויס, אַז אין דעם אידישן פאָלק וואָלטן אידן נישט געטאָרט חתונה האָבן מיט אידן! סיידן, ווי עס פּאַסירט אַמאָל, דער פּויפּסט זאָל שיקן פון רוים אַ ספּעציעלע דערלויבעניש...

און ווייטער: אונטער די דריי רעליגיעס וואָלט דאָס אידישע פאָלק באַלד צעפאַלן געוואָרן אין דריי באַזונדערע פעלקער — אין דריי באַזונדערע פעלקער, וואָס וואָלטן פיינט געהאַט איינע די אַנ־

דערע אַזוי ווי קאַטאָליקן האָבן פיינט פּראָטעסטאַנטן, פּראָטעסטאַנטן — קאַטאָליקן, און זיי ביידע — אידן...

און דאָ קומען נאָך נישט אַריין אין חשבון אידן־מאַכמעדאַנער, אידן־בודהיסטן, אידן־שינטאָיסטן און אַנדערע „אידן".

איצט קענען מיר זיך שוין גרינג אויסמאָלן ווי אַזוי זשיטלאָווסקי האָט זיך פאַרגעשטעלט אין זיין פאַנטאַזיע דאָס צוקונפטיקע, נייע אידישע שטעטעלע:

אויף איין גאַס שטייט אַ אידישע שול. אויף דער צווייטער גאַס אַ קאַטוילישער קלויסטער. אויף דער דריטער גאַס שטייט אַ מאַכמעדאַנישער מאָשיי.

אויף איין גאַס איז שבת — שבת, אויף דער אַנדערער גאַס איז שבת — זונטיק, אויף דער דריטער גאַס איז שבת — פרייטיק.

אויף איין גאַס וואוינט שרה בת־טובים, אויף דער צווייטער גאַס וואוינען אידישע מאַנאַשקעס, אויף דער דריטער גאַס וואוינען די ווייבער אין דעם האַרעם פון אַ יוסטן מאַכמעדאַנישן אידישן באַלעבאָס.

און דאָס איז — „מיין שטעטעלע בעלז"...

2.

איז עס פאַר אַ אידישן ראַדיקאַל און סאָציאַליסט טאַקע געווען אַזאַ לאָגישער מוז אַזוי צו רייסן און פליקן די אידישע אמונה? איבערהויפּט פאַר אַ ראַדיקאַלן נאַציאָנאַליסט?

מיר האָבן עס בירושה פון דעם ערשטן גרויסן ראַדיקאַלן אידישן סאָציאַליסט, משה העסס, אַז עס האָט ניט געמוזט זיין דוקא אַזוי.

משה העסס, אויף וועמען זשיטלאָווסקי אַליין זאָגט עדות, אַז קאַרל מאַרקס האָט פון אים געלערנט דעם ווּיסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם (באַנד 3, ז. 195), און דער ערשטער מאָדערנער סאָציאַליסטישער נאַציאָנאַליסט ביי אידן, האָט דוקא אין די נביאים און זייער גאָט־לערע, און אין דער גאַנצער שפּעטער אויסגעוואָקסענער רעליגיעזער אידישקייט, געזען דעם סאַמע נאַציאָנאַלן תוך פון אידישן פאָלק. די אידישע רעליגיע, האָט ער געלערנט, איז פריער פון אַלץ — אידישער פּאַטריאָטיזם. דער הויפּט זין פון דעם תלמוד און פון דעם שלחן־ערוך און פון זייערע „תרפ"ט אלפים דינים און מנהגים" ליגט ניט אַליין אין זייער רעליגיעזער, נאָר דער עיקר אין זייער נאַציאָנאַלער באַדייטונג. די אידישע רעליגיע איז דער אידישער נאַציאָנאַליזם, דער אידישער נאַציאָנאַליזם איז די אידישע רעליגיע. און מען טאָר ניט, האָט ער געלערנט, אָנרירן די אידישע רעליגיע כל זמן ס'איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל ווי אַזוי צו באַפרידיקן די נאַציאָנאַלע באַדערפעגישן פון אידישן פאָלק און פאַרזיכערן זיין קיום. ערשט ווען דאָס אידישע פאָלק וועט

צוריקקומען צו זיין נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, אין זיין נייער און לעצ־טער גאולה, וועט די אידישע רעליגיע קענען רעפאָרמירט ווערן — אַ געדאַנק וואָס איז אייגן דעם אָרטאָדאָקסישן אידנטום. דעריבער האָט משה העסס מיט גרויס ביטערקייט קריטיקירט די רעפאָרם־אידן און מיט אַ סך פייער פאַרטיידיקט די אָרטאָדאָקסיע, וועלכע איז געבליבן געטריי דעם גלויבן און האָט דערמיט אויפגעהיט דאָס אידישע פאָלק.

די פעסטונג פון אָרטאָדאָקסיע איז דעמאָלט, אַזוי ווי ביז דעם היטלער־חורבן, געשטאַנען אין מזרח־אייראָפּע און צו די פרומע אידן פון מזרח־אייראָפּע ווענדט זיך משה העסס מיט׳ן פּאָלגנדיקן פּאַטעטישן רוף:

„צו יענע מיליאָנען טרייע ברידער — שרייבט ער — וואָלט איך געוואָלט וואַנדערן און אויסרופן צו זיי: טראָג הויך דיין פאָן, מיין פאָלק! אין דיר איז אָפּגעהיט געוואָרן דער לעבעדיקער קערן וואָס האָט טויזנטער יאָר געדרימלט און האָט ניט פאַרלאָרן זיין שפּראָצונגס־קראַפט״.

משה העסס האָט ניט געזען קיין סתירה צווישן דער אידישער אמונה און אייראָפּעאישער קולטור — דאָס הייסט: וואָס ס׳איז גוט אין דער אייראָפּעאישער קולטור. „ניט נאָר שליסט אידנטום ניט אויס הומאַניטעט און ציוויליזאַציע, — שרייבט ער — נאָר הומאַניטעט און ציוויליזאַציע זיינען אַ נויטווענדיקער פועל־יוצא פון אים.״ ערשט דאָס אידנטום, לערנט ער, די אידישע אמונה, האָט געגעבן אַ זין דער אייראָפּעאישער קולטור און דער גאַנצער מענשהייט. צו פאַרדאַנקען דעם אידנטום, זאָגט ער, איז די געשיכטע פון דער מענשהייט געוואָרן אַ הייליקע געשיכטע.

קורץ, וואָס עס וועט ניט געשען מיט דער אידישער רעליגיע אין דעם „אחרית הימים״, על כל פנים אין גלות איז זי געווען, און בלייבט, כל זמן דער גלות בלייבט, דער איינציקער יסוד פון אידישן קיום און דער איינציקער צעמענט פון זיין נאַציאָנאַלער איינהייט.

זשיטלאָווסקי האָט געלערנט פּונקט דעם היפך. „דאָס רוב — שרייבט ער — גלויבט עד היום, אַז אַ איד איז נאָר דער, וואָס גלויבט אין אַ געוויסן רעליגיעזן סיסטעם, וואָס רופט זיך יודאַאיזם, אידיש־קייט, אַז דאָס אידישע פאָלק און די אידישע תורה איז איין־און־די־זעלבע זאַך . . . אַזאַ אויסטייטשונג פון דעם מהות איד קאָן שוין אָבער אין דער איצטיקער צייט ניט אויסהאַלטן קיין ברעקל קריטיק״ (באַנד 2, ז. 112).

די איינציקע תקומה, וואָס ער האָט נאָך געזען פאַר דער אידישער רעליגיע איז געווען, אַז זי זאָל איבערגעשאַפן ווערן אין פּאָעזיע.

ער האָט געפונען ביי היינריך היינע׳ן דעם געדאַנק, אַז די קדושה פון געטער גייט סוף־כל־סוף אַריבער אין טומאה, און פון

טומאה אין פּאָעזיע און קונסט. זיך אָנשפּאַרנדיק אויף היינע'ס גערדאַנק, שרייבט זשיטלאָווסקי:

„רעליגיאָנען און געטער ווערן געבאָרן אין קדושה, עלטערן זיך אין טומאה, גוסס'ן און שטאַרבן פּאַרוואָרפענע, פאַרגעסענע, ער־געץ־וואו הינטער אַ פּליט, און שטייען אויף תחית־המתים צו אַן אייביקן לעבן אין דעם גן־עדן פון דער מענשלעכער פּאָעזיע" (באַנד 4, ז. 203). „באַטראַכט איצטער — שרייבט ער — דאָס לעבן און די באַדייטונג פון דער (גריכישער) שיינהייט־געטין ווענוס, ווי זי שטייט אין דעם לואוור־מוזעאום, אַליין אין אַ צימער, וואָס מען האָט אָפּגעראַמט צוליב איר, אַ געהייליקטע, אַ באַוואונדערטע. מען וועט איצטער ניט פאַלן פאַר איר אויף די קני" (דאָרט, ז. 205).

נאָר בשעת היינע ווענדט אָן זיינע באַטראַכטונגען בלויז אויף די געטער פון רוים, גריכנלאַנד און די אַלטע גערמאַנען, קומט זשיט־לאָווסקי און ווענדט עס אָן אויך אויף דער אידישער אמונה. פאַר דער אידישער אמונה איז שוין אויך געקומען דער „סוף ערגעץ־וואו הינטער אַ פּליט". איר פּעריאָד פון קדושה איז שוין אַוועק. דער פּעריאָד פון טומאה איז געווען די אידישע אפיקורסות, און דאָס האָט זיך שוין אויך געענדיקט. די אידישע אמונה איז, נאָך אים נאָך, שוין געשטאָרבן און איז טויט ווי אַלע טויטע. און זי איז שוין אַריינ־געטראָטן אין איר דריטן פּעריאָד. אידישקייט האָט שוין אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון דער פּאָעטישער ווידערגעבורט. און זשיטלאָווסקי צייכנט אָן איר מעגלעכן און וואַרשיינלעכן גאַנג. ער זעט פאַר ווי אַזוי די „קריטישע שער" וועט האָבן „ניט ווייניק אַרבעט" אַרומצושערן אַזעלכע הייליקע פּערזאָנען ווי די „אויסגעטראַכטע אבות און אפשר אויך משה און אהרן, און די היסטאָרישע, ווי דוד, שלמה, די נביאים". ער זעט ניט ווי אַזוי, צום ביישפּיל, „אַזאַ גאָר משונה'־דיקער הייליקער ווי שלמה המלך זאָל קענען אויסהאַלטן די פאָדע־רונגען פון דעם נאַציאָנאַל־פּאָעטישן קאַנאָן". אָבער אפילו אָן זיי, פאַרזיכערט ער, וועט נאָך אויך בלייבן גענוג, מיט „פילע פון די אַזוי גערופענע פאַלשע משיחים" (באַנד 4, ז. 248). א. אַ. וו.

משה רבינו — ניט, אָבער די פאַלשע משיחים — יע . . .

פון זיי אַלע וועט מען מאַכן נייע רעליגיעזע פּאַטראָנעס. די אידישע ימים טובים וועלן אויך איבערגעניצעוועט ווערן. גאָר אַ סך אַלטע זאַכן וועלן מוזן אַרויסגעוואָרפן ווערן. „אין דער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער אידישער רעליגיע טאָר די מצוה פון מילה ניט אַריינגיין — שרייבט ער — עס איז פאַר אַ פריי־געזינטן מענשן אוממעגלעך צו קוקן אויף דער מצוה פון מילה אַנ־דערש, איידער ווי אויף אַ שטיק בלוטיקע באַרבאַרישע פאַרגאַנגענ־הייט" (באַנד 4, ז. 266). אַ שיינער תכלית פון אידישקייט . . .

דער אַרויסטריט געגן תלמוד.

אומוואַרפן אידישע יסודות איז ביי זשיטלאָווסקי'ן געווען די קלענסטע קלייניקייט. שוין גאָר נאָענט צום סוף פון זיין לעבן האָט ער זיך פאַרנומען אומצואוואַרפן אויך די יסודות פון תלמוד, מיט אַ ביכל וועגן די „בית־ שמאי און די בית־הלל".

„דער גרונד־געדאַנק — שרייבט ער אין פאָרוואָרט צו דעם ביכל — וועלכן איך וויל אַרויסברייינגען אין דער איצטיקער אַר־בעט וועגן די בית־שמאי און די בית־הלל, איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן אין מיין ערשטן ווערק וועגן אידישע געשיכטע, אין דער רוסישער שריפט „געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון דער אידנשאַפט" פון יאָר 1887... דעם בליק אויף די בית־שמאי האָב איך דעמאָלט אַרויסגעטראָגן נישט פון שטודירן די תלמודישע קוואַלן. געגעבן מיר האָט אים דער אידישער היסטאָריקער גרעץ, ווי אויך אַ גרעסערער אַרטיקל וועגן דער אַלט־אידישער געשיכטע, געשריבן פון דעם רוסישן דענקער ניקאָליי מיכאַילאָווסקי. יענער אַרטיקל האָט געבראַכט אַן איבערבליק איבער דעם ווערק פון אַ פראַנצויזיש־אידישן היסטאָריקער זש. קאָהאַן, אַ צוויי־בענדיקע מאָ־נאָגראַפיע וועגן די פרושים."

און דאָ האָט איר דעם סך הכל פון זשיטלאָווסקי'ס לומדות, געמאַכט פון אים גופא. דעם תלמוד אַליין האָט ער נישט געלערנט. ער האָט נאָר געלייענט, וואָס אַנדערע האָבן געזאָגט.

וויפיל ניקאָליי מיכאַילאָווסקי האָט געקענט תלמוד, קענען מיר זיך משער זיין. און מיכאַילאָווסקי האָט זיינע ידיעות ערשט גענומען פון זש. קאָהאַנ'ען.

דאָס דערמאָנט אַן אַ רוסיש מעשה'לע מיט אַ פויערשן אינגל. דאָס אינגל האָט זיך באַרימט, אַז דאָס פלייש פון טייבעלעך איז זייער גוט צו עסן.

האָסט עס אַמאָל געגעסן? — האָט מען אים געפרעגט.

ניין — האָט ער געענטפערט — נאָר מיין פעטער האָט געזען, ווי דער פריץ האָט געגעסן, און דער פריץ האָט געזאָגט, אַז ס'איז גוט.

דער חילוק איז נאָר, וואָס דאָ, בנוגע דעם תלמוד, האָט דער „פריץ" געזאָגט, אַז ס'איז נישט גוט...

אויף דידאַזיקע לייט וואָס ריידן וועגן תורה ניט פון אינווייניק פון דער תורה אַרויס, נאָר פון דער זיבעטער האַנט, האָט דער מלבים געזאָגט דעם פסוק: סביב רשעים יתהלכון — די רשעים דרייען זיך אַרום און אַרום...

זשיטלאָווסקי האָט אפנים געפילט, אַז אידן וועלן זיך חידוש'ן: ס'טייטש, אַ מענש, וואָס קען נישט דעם תלמוד, ווי נעמט ער זיך אונטער אַריינצוזאָגן דעות אין אים?

האָט ער דערויף אויך אַ טעאָריע... קיין טעאָריעס האָבן זשיטלאָווסקי'ן קיינמאָל נישט אויסגעפעלט. ער שרייבט אין דעם פאָרוואָרט:

„ביי מיין גרעסטן דרך־ארץ צו די חריפות און בקיאות סיי פון די פרומע למדנים, סיי פון די „היינט־וועלטיקע" געלערנטע, האַלט איך פאַרט, אַז אַזעלכע „וועלטלעך" דענקענדיקע פאַרשער, ווי ערנסט רענאַן, צי אַפילו אַזעלכע טאַלאַנטפולע פּאָליטיקער און פובליציסטן ווי זש. קאָהאַן, האָבן אַ ריכטיקערן חוש פאַר דער ווירקלעכקייט, איידער די טעאָלאָגישע ספּעציאַליסטן אין דער אַלט־אידישער ליטעראַטור, איידער די זיכערסטע שווימער אין דעם ים־התלמוד, מיט אַלע נויטיקע מדרשים — שווימער, וואָס קענען אַלעמאָל אַנווייזן, וואו וועלכע פערל עס געפינען זיך אין יענעם ים".

אין אַנדערע ווערטער: געקענט דעם תלמוד האָבן טאַקע אַזעלכע חריפים און בקיאים ווי רש"י, דער רמב"ם, דער מהרש"א, דער ווילנער גאון, דער חתם־סופר; אָבער פאַרשטאַנען דעם תלמוד האָבן אַזעלכע ווי ערנסט רענאַן און זש. קאָהאַן.

און זשיטלאָווסקי קלייבט אויס די פאַרשטייער, נישט די קענער...

אפילו ווען די פאַרשטייער זיינען ניט מער ווי „פּאָליטיקער און פובליציסטן"...

דערנאָך פאַרזיכערט ער אונז, אַז ער איז אויך געגאַנגען צו דער משנה און האָט דורכגענומען די פלוגתא'ס צווישן בית־הלל און בית־שמאי.

אָבער די משנה איז נאָך נישט דער תלמוד.

וואָס וויל זשיטלאָווסקי האָבן אין די מחלוקות צווישן בית־הלל און בית־שמאי?

מיר וויסן, אַז אין די פלוגתא'ס צווישן בית־הלל און בית־שמאי איז די „הלכה כבית־הלל" (אויסער אייניקע מאָל). און געווען זיינען אַזעלכע דריי הונדערט און זעכצן פלוגתא'ס.

אַזוי פסק'נט די גמרא. אַזוי האָט אָנגענומען און געהאַלטן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין משך פון אַן ערך צוויי טויזנט יאָר. אויף

דעם תלמוד מיט זיין „הלכה כבית־הלל״ איז אויפגעשטעלט געוואָרן און האָט זיך געהאַלטן דאָס אידישע הויז אין גלות.

זשיטלאָווסקי שטעלט פעסט אַליין, אַז „זינט דעמאָלט געהערן די סימפּאַטיעס פון דעם אידישן פאָלק צו די בית־הלל — ביז אויף דעם היינטיקן טאָג״ (דאָרט).

אָבער וואָס פאַרשטייט דען דאָס אידישע פאָלק? און וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיינע סימפּאַטיעס?

ער שרייבט:

„זיינען אָט די סימפּאַטיעס אַבסאָלוט באַרעכטיקט? לויט מיין מיינונג נאָך דאַרף אונזער סימפּאַטיע צו די בית־הלל אויף דעם חשבון פון די בית־שמאי שטאַרק רעווידירט ווערן״ (דאָרט).

נאָר צו וואָס אייגנטלעך האָט זשיטלאָווסקי געוואָלט און גערדאַרפט דידאַזיקע רעוויזיע?

אָנגענומען, אַז די רעוויזיע איז געמאַכט און די הלכה ווערט ווי בית־שמאי. וואָלט ער דען דעמאָלט געוועזן אָנגענומען זיך אויפצופירן לויט די בית־שמאי? די בית־הלל האָט ער נישט געוואָלט פאָלגן, און די בית־שמאי וואָלט ער יאָ געפאָלגט?

למשל: וועגן לייענען קריאת־שמע. בית־הלל האָט געזאָגט, אַז קריאת־שמע דאַרף מען לייענען שטייענדיק, בית־שמאי — ליגנדיק, און די הלכה איז געבליבן ווי בית־הלל. האָט דען זשיטלאָווסקי געלערנט זיינע תלמידים און חסידים, אַז קריאת־שמע לייענען דאַרף מען, נאָר בעסער ליגנדיק ווי שטייענדיק? ליגנדיק וואָלט ער יע געוועזן לייענען קריאת־שמע?

געלערנט האָט ער דאָך, אַז קריאת־שמע איז געשטאָרבן און לייענען דאַרף מען גאָר ניטשע׳ס „זאַראַטוסטראַ״ און יעזוס׳עס עוואַנגעליע . . . וואָס פאַר אַ שייכות האָט בכלל בית־שמאי מיט אים און מיט דער „אייראָפּעאישער קולטור״? טאָ צו וואָס האָט ער פאַרלאַנגט אַ רעוויזיע?

דער ענטפער איז: כדי צו צעשטערן נאָך אַ אידישן יסוד, אַרונטערצורייסן נאָך אַ אידיש הייליקטום.

דער תלמוד איז די צווייטע תורה פון אידישן פאָלק. פאַראַן דענקער וואָס מיינען, אַז אין דער דערהאַלטונג פון אידישן פאָלק און אין דער אויסבילדונג פון דעם אידישן טיפּוס, און דער טיפער אידישער אייגנאַרטיקייט, האָט דער תלמוד געהאַט אַ מער די־רעקטע השפעה אפילו ווי די כתבי הקדש. אַזאַ מיינונג איז ניט קעגן אידישן רעליגיעזן באַגריף. אדרבא, דאָס איז אַ גרויסער יסוד אין אונזער גאַנצער נאָך־ביבלישער רעליגיעזער ליטעראַטור. ס׳איז די מיינונג פון אַלע ראשונים און אחרונים.

די גמרא אַליין זאָגט: גאָט האָט פאַרשניטן אַ ברית מיטן אידישן פאָלק נאָר צוליב דער תורה שבעל פה (גטין ס׳ ע״ב).

אין מדרש רבה אויף שיר השירים, אויפן „טובים דודיך מיין״, דרשנ׳ען די חכמים: חביבין דברי סופרין מדברי תורה — די רייד פון די חכמים זיינען ביי גאָט ליבער ווי די רייד פון דער תורה. און ווייטער: די רייד פון די חכמים עובר צו זיין איז ערגער ווי מען איז עובר די רייד פון דער תורה און די רייד פון אַ נביא.

פאַרוואָס איז עס אַזוי?

ר׳ יונתן אייבשיץ, אין זיין ספר „יערות דבש״, גיט דערויף אַזאַ משל: ווען איינער פאַרזינדיקט זיך קעגן דעם קיסר אַליין פון דער מדינה, ווערט ער געבראַכט פאַר אַ געריכט און גע׳משפט. אָבער ווען איינער שמוגלט זיך אַריבער די גרעניץ וואו עס שטייט דער וועכטער און היט, וואַרט ניט דער וועכטער אויף אַ געריכט, נאָר ער שיסט אויפן אָרט.

די חכמים, הייסט עס, זיינען די וועכטער פון דעם קעניגרייך פון דער תורה, און זייער היטן איז האַרבער ווי דאָס היטן פון דעם מלך אַליין.

קומענדיק צוריק צום מדרש געפינען מיר אַזאַ שטעל, וואָס מאַכט דעם ענין נאָך קלערער:

„צוויי תורה׳ס האָט גאָט געגעבן צו די אידן, איינע אַ געשריבענע, די אַנדערע אַן אויסווייניגסטע. ער האָט זיי געגעבן די געשריבענע תורה, וואָס אין איר זיינען דאָ תרי״ג מצוות, כדי זיי אָנצופילן מיט מצוות און זיי מזכה צו זיין. ער האָט זיי געגעבן די אויסווייניקסטע תורה כדי זיי זאָלן דורך איר זיין אָפּגעצייכנט פון אַלע איבעריקע פעלקער. און דערפאַר איז זי ניט געגעבן געוואָרן אין שריפט, כדי די אומות העולם זאָלן זי ניט פאַרפעלשן אַזוי ווי זיי האָבן געטאָן מיט דער געשריבענער תורה און האָבן געזאָגט אַז זיי זיינען די אידן (מדרש רבה, במדבר י״ד כ״ב).

דאָ ווערט קלאָר געמיינט די קריסטלעכע קירך, וועלכע האָט אָנגענומען די כתבי הקדש, אַריינגעטייטשט אין זיי אירע אייגענע לערעס, און געזאָגט, אַז די קריסטן זיינען געוואָרן די יורשים פון דער אמת׳ער אידישקייט, און די אידן אַליין זיינען פאַרשטויסן געוואָרן פון גאָט.

און אָט אין דעם גאַנצן געדאַנקענגאַנג וועגן די צוויי תורה׳ס, ווי מיר געפינען עס אין דער גמרא, אין די מדרשים און ביי די אחרונים, ליגט געוויס איין טעם פאַרוואָס מ׳האָט אָפטמאָל ביי אידן זיך אָפּגעגעבן מער מיט לערנען גמרא איידער נ״ך.

איצט וועלן מיר בעסער פאַרשטיין זשיטלאָווסקי׳ס צוגאַנג צום תלמוד.

מען האָט נישט געקענט דערוואַרטן, אַז אַ מענש, וואָס האָט געשטרעבט צו באַשאַפן אַ „נייע אידישקייט" און האָט מבטל געווען די ערשטע תורה, דעם תנ"ך, זאָל לאָזן שטיין גאַנץ די „צווייטע תורה", דעם תלמוד.

און אַזוי האָט געטאָן זשיטלאָווסקי. און דאָס איז געווען דער זין פון זיין רעוויזיע פון דער באַדייטונג פון בית־הלל און בית־שמאי. עס איז געווען אַ טייל פון זיין לעבנס־אַרבעט בטל צו מאַכן די צוויי תורה'ס, כדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר זיין אייגענער, נייער, „דריטער", אייראָפּעאישער תורה פאַר אידן.

און אַרויסגעפאָרן איז ער אויף דער מאָדערנער שיטה: „עקאָנאָמישע אינטערעסן" אָדער „מאַטעריאַליסטישע אויסטייטשונג פון געשיכטע".

עס איז געוואָרן אַ שטיקל מאָדע צווישן געוויסע אידישע קרייזן אויסצוטייטשן די אידישע געשיכטע לויטן מעטאָד פון „עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם". דערונטער אויך דעם תלמוד. ווי, למשל, פּראָפ. לעאָן פינקעלשטיינ'ס צוויי ווערק „די פרושים" און „עקיבא". געוואָרן איז די מאָדע אין די גאָר לעצטע יאָרן, ווען דערדאָזיקער מעטאָד האָט שוין אויפגעהערט „צאָלן דיווידענדן", און מ'האָט אים ביס־לעכווייז אָנגעהויבן פאַרלאָזן. בשעת, הייסט עס, ביי לייטן פאָרט מען שוין פון יאַריד, האָט מען ביי אונז אָנגעהויבן פאָרן אויפן יאַריד.

אויף דעמדאָזיקן יאַריד האָט זיך אויך אַרויסגעלאָזט זשיט־לאָווסקי מיט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן בית־הלל און בית־שמאי, כאָטש ער האָט זיין גאַנץ לעבן באַקעמפט דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און האָט אָנערקענט די זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ פון די אידייען פון עטיק, יושר און אמת.

עס קען, הייסט עס, זיין, און ס'איז דאָ אַן אמת און אַ יושר וואָס שטייען איבער און דרויסן פון קלאַסן־אינטערעסן, נאָר ניט דער אמת און דער יושר פון דעם תלמוד. די חכמים פון תלמוד דאַרף מען קוקן אויף די פינגער . . .

„עס איז דאָך קלאָר — שרייבט ער — אַז די אידישע געזעל־שאַפט פון יענער צייט איז באַשטאַנען פון פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע קלאַסן און קרייזן. אַזאַ אָדער אַן אַנדער געזעץ האָט דאָך געקענט ווירקן אַזוי אָדער אַנדערש אויף דער אָדער יענער געזעלשאַפטלעכער גרופּע. עס איז דעריבער די ערשטע אויפגאַבע פון דעם סאָציאָלאָגישן פאָרשער צו פרעגן זיך, ווער געווינט פון דעם אָדער יענעם געזעץ? ווער פאַרלירט?

„איינער פון די וויכטיקסטע רעזולטאַטן פון אונזער אַנאַליז באַשטייט דערין, אַז פון יענע שמאי־חומרות און דערשווערונגען,

וואָס האָבן אַ ריין וועלטלעכן כאַראַקטער האָבן פּראָפּיטירט די אָרימע־לייט, אָדער וואָלטן פּראָפּיטירט, ווען די געזעץ־געבונג פון די בית־שמאי וואָלט געוואָרן די הערשנדיקע״ . . .

און דאָ טרעט אַרויס די כוונה פון זשיטלאָווסקי׳ס אַנאַליז נאַקעט קלאָר:

די בית־שמאי האָבן געצויגן אין דער זייט פון די אָרימע. אָבער דער כלל איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן, אַז וואו נאָר די בית־שמאי גייען זיך פאַנאַנדער מיט די בית־הלל, איז דער געזעץ ווי די בית־הלל ווילן. הייסט עס, אַז דאָס געזעץ איז באַשטימט געוואָרן לטובת די רייכע.

מיינט עס, אַז דער תלמוד פאַרטרעט די אינטערעסן פון די רייכע קעגן די אָרימע.

וואָס־זשע איז דעמאָלט, הייסט עס, אַזוי די גדולה מיטן תלמוד? וואָס גרויסט זיך אַזוי מיט אים דאָס אידישע פאָלק?

און אויף וויפיל „די סימפּאַטיעס פון דעם אידישן פאָלק געהערן צו די בית־הלל ביז אויף דעם היינטיקן טאָג״, אויף אַזוי פיל, קומט אויס, גייען די סימפּאַטיעס פונם אידישן פאָלק מיט די רייכע קעגן די אָרימע . . .

האָבן מיר דאָ דעם אייגענעם פאַל, וואָס מיר האָבן אַ סך, אַ סך מאָל געהאַט אין דער אידישער געשיכטע: אידן, וואָס זיינען געוואָרן אַפּטריניקעס פון אידישקייט, זיינען אַרויס און האָבן אָנגעקלאָגט דעם תלמוד.

אין יענע צייטן, ווען אין פאָדערגרונט איז געשטאַנען די קירכע און אויפן סדר־היום איז געשטאַנען דער גרויסער וויכוח צווישן אידנטום און קריסטנטום, פלעגן די אַפּטריניקעס אָנקלאָגן דעם תלמוד, אַז ער איז פיינטלעך צו גוים, צו גוים בכלל און צו קריסטן בפרט; אין אונזער צייט, ווען אין פאָדערגרונט און אויפן סדר־היום שטייט דער אַרבעטער־קלאַס און דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַלער אָרימקייט, איז געקומען זשיטלאָווסקי און האָט אָנגעקלאָגט דעם תלמוד, אַז ער איז פיינטלעך צו די אָרימע און פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די רייכע קלאַסן.

נאָר אַזוי ווי אַמאָל איז עס געווען אַ בלבול, אַזוי איז דאָס היינטיקע צייטן נישט מער ווי אַ פאַרדרייאונג פון פאַקטן, אויס־טראַכטעניש און בלבול.

איך וועל דאָ נישט אַריינגיין מיט זשיטלאָווסקי׳ן אין אַ לאַנגן וויכוח וועגן דעם תלמוד: ווער בין איך דען, אַז איך זאָל אויפטרעטן ווי אַ פאַרטיידיקער פון דעם תלמוד? בין איך דען אַ מורה בישראל? נאָר ווען עס האַנדלט זיך אין חלול הקדש איז יעדער מחויב צו טאָן לויט זיינע כחות.

„ביי שערן די שאָף — דערציילט אונז זשיטלאָווסקי — דאַרף דאָס ערשטע ביסל געשוירענע וואָל געהערן דעם כהן. וויפיל שעפּסן דאַרף איינער האָבן, אַז ער זאָל דאַרפן געבן פון זיי אָט די אָפּצאָלונג? די בית־שמאי זאָגן: צוויי. די בית־הלל זאָגן מינדסטנס פינף".

לויט זשיטלאָווסקי'ן קומט אויס, אַז דאָס איז אַ באַווייז, אַז די בית־הלל האָבן אין זין געהאַט די רייכע. אָבער ווי רייך איז איינער, וואָס האָט שוין אַפילו פינף שעפּסן? בפרט נאָך צוויי . . .

איז נישט קלאָר, אַז די בית־הלל האָבן דאָ מער געשאַנעוועט דעם אָרימאַן ווי די בית־שמאי?

דאָס זעלבע וועגן לקט, שכחה און פאה. ווי גרויס דאַרף בכלל זיין אַ פעלד, זי זאָל שולדיק זיין פאה? בית־שמאי האָט געהאַלטן, אַז ס'איז גענוג אַ פעלד זאָל קענען פּאַרזייט ווערן מיט איין קוואָרט זריעה, זי זאָל זיין מחויב צו פאה. די בית־הלל האָבן געפאָדערט פיר און צוואַנציק קוואָרט.

אָבער איז דען נישט אַ מענש מיט אַ פעלד פאַר בלויז איין קוואָרט זריעה אַליין אַן אָרימאַן?

און אַזוי איז אויך מיט „פרט" און „לקט".

דאָס אייגענע אין דעם דין פון „חלה נעמען". ווען מען פאַרקנעט טייג אויף באַקן ברויט דאַרף גענומען ווערן חלה פאַר דעם כהן. ווי גרויס זאָל זיין די טייג, זי זאָל זיין חייב אין חלה? בית־שמאי זאָגט: טייג פון איין קוואָרט מעל, בית־הלל זאָגט: פון צוויי קוואָרט מעל.

בית־שמאי האָט מער געזאָרגט פאַרן כהן, בית־הלל מער פאַרן מענשן וואָס האָט נאָר איין קוואָרט מעל.

מיט באַזונדערער שאַרפקייט שטעלט זיך אָוועק זשיטלאָווסקי פאַר בית־שמאי און קעגן בית־הלל אין דעם ענין פון גט. „די בית־שמאי — שרייבט ער — זיינען אויך אַ סך הומאַנער איידער די בית־הלל אין דער געזעצגעבונג וועגן פרויען, וואָס איז לויט דער תורה אין אייניקע פרטים אַ היפש־שווערע, אַ ווייניק־הומאַנע געזעצגעבונג". די בית־הלל האָבן געמאַכט די דינים, אַז גט'ן זיך זאָל זיין גרינג. אָבער די בית־שמאי האָבן געפאָדערט, אַז אַ מאַן זאָל מעגן גט'ן זיין פרוי נאָר דעמאָלט, ווען זי איז אים געוואָרן אומטריי בלי ספק. און זשיטלאָווסקי האַלט מיט די בית־שמאי.

די הלכה איז געבליבן ווי בית־הלל.

נאָר גראָד אין דעם פרט ליפערט אונז די פּראַקטיק פון אונזער אייגענער צייט גענוג באַווייזן, אַז בית־הלל איז דאָ געווען אַ סך „הומאַנער" ווי די בית־שמאי. פאַראַן שטאַטן, וואו דאָס געזעץ פון גט'ן איז לויט די בית־שמאי. אַזאַ שטאַט, למשל, איז ניו־יאָרק, וואו „אומטריישאַפט בלי ספק" איז דער איינציקער גרונט פאַר אַ

גט. אָבער אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן האַלטן, אַז דאָס איז אַן אכזריות'דיק און קאָרופּטירנדיק געזעץ.

נאָר די גרעסטע אָנקלאָגע ביי זשיטלאָווסקי'ן קעגן הלל'ן איז אין דעם ענין פּרוזבול ביי שמיטה.

„גלייך ווי הלל איז געוואָרן דער הויפּט פון דעם סנהדרין — שרייבט ער — האָט ער דורכגעפירט אַ רעפאָרם, וואָס גייט להיפּך צו בפירוש'ע פּסוקים אין דער תורה. און דאָס איז פּרוזבול".

אַ שיינע מעשה, כ'לעבן, זשיטלאָווסקי שטעלט זיך איין פאַר דער תורה קעגן הלל'ן!

דאָס איז די צווייטע גרעסטע הומאָרעסקע, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געגעבן דער אידישער ליטעראַטור.

וואָס איז דער ענין פּרוזבול?

די תורה זאָגט אָן:

„צום סוף פון אַלע זיבן יאָר זאָלסטו אויסרופן שמיטה: יעדער בעל־חוב זאָל אָפּלאָזן, וואָס ער האָט געליען זיין חבר. ער זאָל נישט מאָנען פון זיין חבר און זיין ברודער. אַז ביי דיר וועט זיין אַן אָרימאַן, זאָלסטו נישט האַרט מאַכן דיין האַרץ און לייען זאָלסטו אים געננוג פאַר זיין באַדערפעניש. היט זיך, עס זאָל נישט זיין אין דיין האַרץ קיין בייזער געדאַנק: דאָס זיבעטע יאָר, דאָס יאָר פון שמיטה, דערנעענטערט זיך, און דיין אויג וועט זיין שלעכט צו דיין ברודער דעם אָרימאַן און וועסט אים נישט געבן. געבן זאָלסטו אים, געבן, און דיין האַרץ זאָל נישט פאַרדריסן, ווען דו גיסט אים" (דברים, ט"ו).

האָט הלל איינגעפירט דעם פּרוזבול. פאַר אַ הלוואה צום זיבעטן יאָר פון שמיטה קומט דער לייער און גיט איבער דעם בית־דין רשות, אַז בית־דין זאָל איינמאָנען דעם חוב ביים אָרימאַן, נישט ער אַליין. דאָס הייסט, דער לייער טאָר אַליין טאַקע נישט מאָנען — אויף אַזוי ווייט ווערט פאַרהיטן דער געבאָט פון דער תורה; אָבער בית־דין מעג עס איינמאָנען פאַר אים — און אויף אַזוי ווייט ווערט אָפּגעענדערט דער געבאָט פון דער תורה. דאָס איז זשיטלאָווסקי'ס אויסטייטשונג פון דעם ענין פּרוזבול.

פאַרוואָס האָט הלל בכלל געמאַכט אַזאַ שאַרפע תקנה?

ווייל ווען עס פלעגט אָנקומען נאָענט צום יאָר פון שמיטה פלעגט מען נישט וועלן לייען דעם אָרימאַן קיין געלט, וויסנדיק, אַז אין דעם שמיטה־יאָר מעג ער נישט אָפּגעבן.

די תורה האָט פאַרגעזען די שוועריקייט פאַר דעם אָרימאַן צו קריגן צו לייען געלט ערב דעם שמיטה־יאָר, און זי האָט אַפּעלירט צום מענטשנ'ס העכסטער מאָראַל, געשטעלט אויף פּראָבע די איידעלסטע מענשלעכקייט: „היט זיך, זאָגט זי אָן, עס זאָל נישט זיין אין

דיין הארצן קיין בייזער געדאַנק: דאָס זיבעטע יאָר, דאָס יאָר פון שמיטה קומט אָן, און דיין אויג וועט זיין שלעכט צו דיין ברודער דעם אָרימאַן, און וועסט אים נישט געבן. געבן זאָלסטו אים געבן און דיין הארץ זאָל נישט פאַרדריסן, וואָס דו גיסט אים".

נאָר דער מענש האָט לײדער נישט אויסגעהאַלטן דידאַקטיש הויכע מאָראַלישע פּראָבע. און הלל האָט געזען, אַז דער אָרימאַן ליידט, האָט ער איינגעפירט דעם פּרוזבול.

די משנה אַליין דערקלערט עס אַזוי. זי זאָגט:

„ווען ער (הלל) האָט דערזען, אַז דאָס פאָלק האָט אויפגעהערט צו לייען איינער דעם אַנדערן און זיינען עובר אויף וואָס עס שטייט געשריבן אין דער תורה וכו', האָט ער מתקן געווען דעם „פּרוזבול".

„אָבער דאָס איז זייער אַ שלעכטער תירוץ!" רופט זשיטלאָווסקי אויס. ווייל ער האָט אַ „בעסערן".

„אין ארץ־ישראל — שרייבט ער — אַנטוויקלט זיך דער האַנדל, ווי אויך די מלאכות. דער אַלטער, ריין־אַגראַרישער פּרימיטיווער לעבן איז פאַרשוואונדן. דער אויפקום פון דער געלט־באַלעבאַטישקייט האָט זיך געגנויטיקט אין אַ פרייען קרעדיט. דאָס שמיטה־געזעץ איז געשטאַנען אין וועג, האָט עס געמוזט אָפּגעשוואַכט ווערן".

און איצט איז שוין אַלץ קלאָר, ושלום על ישראל . . .

זיין גרעסטער, לעצטער „באַוויז", אַז דער תלמוד, אויף וועלכן עס האַלט זיך דאָס אידישע פאָלק, איז אַן אָנשפּאַר פאַר דער „געלט־באַלעבאַטישקייט" פאַרן — קאַפּיטאַליסטישן קלאַס.

און זשיטלאָווסקי מאַכט אַ גאַנצע „דיעלאָ" קעגן הלל'ן.

ער נעמט ניט אָן קיינע „תירוצים" פון דער משנה. דער פּרוזבול, זאָגט ער, „איז אַן אַבסאָלוטער דורכרייס פון יענער סאָציאַל־עטישער געזעצגעבונג, וואָס געפינט זיך אין דער תורה. הלל האָט זיך דאָ ניט גערעכנט מיט די קלאָרע, אַזוי צום האַרצן ריידנדיקע פסוקים . . . פאַר אונזער צוועק איז וויכטיק איינצוזעען, אַז פאַר הלל'ן איז דער עיקר געווען ניט דער אָדער יענער פסוק, נאָר די אינטערעסן פון דעם אויפקומענדיקן האַנדל" (ז. 19־18).

אָנצוקלאָגן אויף אַזאַ אופן איינעם פון די גרעסטע תנאים; צו זאָגן אַז הלל איז געגאַנגען „קעגן בפירושע פסוקים פון דער תורה" און האָט זיך „ניט גערעכנט" מיט אַ קלאָרן געבאָט אירן; און דאָס אַלץ קעגן די אָרימעלייט — דאָס איז זייער אַ האַרבע זאַך.

און ער גייט נאָך ווייטער: אין זיין אָנקלאַגע ציט ער אַריין פאַר אַן עדות ניט קיין קלענערן בר־סמכא ווי רש"י.

רש"י קעגן הלל'ן — ס'איז ניט קיין קלייניקייט. עס קען ביי אידן ניט זיין קיין חשוב'ערער עדות ווי רש"י.

רש"י, זאָגט ער, האָט וועגן דעם פּרוזבול דערקלערט, „אַז הלל האָט אויסגעוואָרצלט אַ דין פון דער תורה!

די תורה, טענהט ער, האָט גערעדט „קלאָרע רייד און אָריינ־דרינגענדע רייד! ליי דעם אָרימאַן וויפיל ער דאַרף, און אַז עס וועט קומען דער שמיטה־יאָר און ער וועט ניט קענען אָדער ניט וועלן באַצאָלן — איז פאַרפאַלן! באַשטימט הלל אַ פּרוזבול, אַ מין יורי־דישע פיקציע. דער וואָס לייט געלט שטעלט אויס אַ דאָקומענט צו דעם געריכט, וואָס לייענט זיך אַזוי: „איך גיב אייך איבער, דיינים פון דעם און דעם אָרט, אַז יעדן חוב וואָס עס קומט מיר פון דעם און דעם, וועל איך אויפמאַנען, ווען איך וועל וועלן . . ."
רש"י טייטשט דעם פּרוזבול אַזוי: איך גיב אייך איבער מיינע וועקסלען, כדי איר זאָלט צווינגען און איך זאָל ניט צווינגען (גטין, ל"ו, ע"א). דאָרטן גופא דערקלערט רש"י, אַז הלל האָט אויסגע־וואָרצלט אַ דין פון דער תורה: „ועקר דבר מן התורה"."

דאָס איז זשיטלאָווסקי'ס ביטערע אָנקלאָגע קעגן הלל'ן.

נון, ווי איז אָבער, אַז ס'איז ניט אַזוי? ווי איז, אַז עס הויבט זיך ניט אָן און עס לאָזט זיך ניט אויס? ווי איז, אַז די שמיטה איז קיין שמיטה ניט, און דער פּרוזבול איז קיין פּרוזבול ניט, און דער רש"י איז קיין רש"י ניט?

קודם־כל: דער ענין „עקירת דבר מן התורה" — אַרויסרייסן אַ זאַך פון דער תורה — איז ניט יענער „שרעקלעכער פאַרברעכן" וואָס זשיטלאָווסקי האָט געוואָלט פון אים מאַכן. ער האָט עס אָפּנים באַגעגנט נאָר אין שייכות מיט הלל'ן, אין אמת'ן אָבער באַגעגנט עס זיך אָפּטערס אין תלמוד. ס'איז נאָר דער פאַרמעלער תלמודישער אויסדרוק פאַר יענעם דרך פון די חכמים, לויט וועלכן זיי האָבן אויסגעברייטערט די באַגריפן פון דער תורה. ניט אויסגעריסן, נאָר אויסגעברייטערט. און פאַר אַלץ געפונען אַ יסוד אין דער תורה גופא.

צווייטנס: דער „ועקר" אין רש"י, וואָס זשיטלאָווסקי ברענגט, געפינט זיך נאָר אין אָנהויב פון דעם ענין. צום סוף פון דעם ענין פירט רש"י אויס, אַז ניין, דאָ ביים פּרוזבול איז ניט געווען קיין „עקירה". האָט דען רש"י געקענט זאָגן יע און ניין אויף דער־זעלבער זאַך? זשיטלאָווסקי האָט פשוט ניט געוואוסט אַז דער ערשטער „ועקר" איז געווען נאָר די פּראָבלעם שטעלונג ביי רש"י.

וואָס זשיטלאָווסקי מאַכט פון דעם „ועקר דבר מן התורה" איז אַזוי אַבסאָלוט דער היפך פון דעם אמת'ן זין, אַז אין געוויסע ש"ס'ן שטייט דאָ גאָרניט „ועקר", נאָר „ועיקר", מיט אַ יוד, ד. ה. די הויפּט זאַך; און דעמאָלט מיינט דער רש"י: ועיקר דבר, און דער עיקר פון דער זאַך איז „מן התורה", איז לויט דער תורה!

פונקט פאַרקערט ווי זשיטלאָווסקי מאַכט עס! ניט אַז הלל האָט אויסגעוואָרצלט אַ דין פון דער תורה, נאָר זיין תקנה איז געווען לויט דער תורה, אין איינקלאַנג מיט דער תורה!

די גאַנצע מעשה איז גאָר לא דובים ולא יער! דער עדות פון דער אָנקלאַגע טרעט גאָר אַרויס פאַר דעם אָנגעקלאָגטן!

און דער גאַנצער ענין פון שמיטה און דעם פּרוזבול איז אַזוי:

אין הלל׳ס צייט איז שוין גאָרניט געווען קיין שמיטה אין ארץ־ישראל. עס איז שוין ניט געווען קיין שמיטה און קיין יובל אין צייט פון בית שני. און שמיטה איז אָפּגעהאַנגען אין יובל. עס האָט שוין גאָרניט עקזיסטירט די שמיטה פון דער תורה. ווייל די אידן זיינען שוין ניט געווען די בעלי בתים פון לאַנד און דאָס רוב פון זיי האָט שוין געלעבט אין חוץ־לארץ. און ווען ס׳איז בטל געוואָרן די שמיטה אויף פעלד איז אויך בטל געוואָרן, לויט דער תורה, די שמיטה אויף געלט. נאָר פונדעסטוועגן האָבן די חכמים מתקן געווען אַז לפחות די שמיטה אויף געלט זאָל ווייטער גילטן, כדי אָנצוהאַלטן די טראַדיציע (גיטין, ל״ו ע״ב). און ווייל ס׳איז געווען שמיטה מדרבנן האָט הלל שוין געקענט מתקן זיין דעם פּרוזבול אין די דינים מדרבנן.

אָבער לשמיטה של תורה האָט הלל ניט געמאַכט דעם פּרוזבול. דאָ האָט דער פּרוזבול ניט געקענט זיין מעגלעך און ניט געקענט זיין גילטיק.

אַזוי דערקלערט דאָרט רש״י ווייטער. אַזוי דערקלערט דאָרט די גמרא אַליין. אַזוי דערקלערט און פּסק׳עט דער רמב״ם, אין פולן הסכם מיט רש״י (זע: רמב״ם, פרק ט׳, הלכות שמיטה ויובל, הלכה א, ב, ג.).

קיין שמיטה איז שוין ניט געווען, אָבער לייען געלט דעם אָרימאַן האָט מען ניט געוואָלט פאַר מורא, ער זאָל ניט אָפּצאָלן אין דעם שמיטה־יאָר מדרבנן. דעריבער האָט הלל מתקן געווען דעם פּרוזבול, פאַר דער טובה פון די אָרימעלייט.

אָבער עס האָט ניט געמיינט, אַז דער מלוה אַליין האָט דערנאָך געקענט זיין אַליין דער צווינגער צום באַצאָלן. בית־דין האָט געדאַרפט זיין די אויטאָריטעט צו באַשטימען צי דער אָרימאַן קען און דאַרף באַצאָלן. דעריבער האָט דער מלוה געדאַרפט איינלייגן די וועקסלען ביים בית־דין. איז דאָס אויך געווען נאָר לטובת דעם אָרימאַן.

נאָר, אמת, עס זיינען דאָ געוויסע אויסגאַבן פון ש״ס וואו ביי רש״י איז געדרוקט „ועקר״, ניט „ועיקר״. אָבער אַפילו דעמאָלט שטיצט עס ניט אויף אַ האָר זשיטלאָווסקי׳ס שיטה אַז „הלל האָט אויסגעוואָרצלט אַ דין פון דער תורה״. וואָרים לויט דער תורה, ווי באַלד די פעלד־שמיטה איז געווען בטל, איז דאָך די געלט־שמיטה אויך געווען בטל. איז אויב ענדערן, אויב „ועקר״, איז די ענדערונג

געוועז וואָס די חכמים האָבן מוסיף געווען די געלט־שמיטה, זי גע־מאַכט ווייטער גילטיק, כאָטש לויט דער תורה איז זי מער ניט געווען גילטיק.

די גמרא אַליין פרעגט (דאָרט ע״ב): ווי אַזוי האָבן די חכמים געקענט אָנהאַלטן די שמיטה אויף געלט, ווען לויט דער תורה איז זי שוין געווען בטל? און זי ענטפערט, אַז זיי האָבן עס געטאָן מיטן כח פון „הפקר בית־דין הפקר", וואָס איז מן התורה.

און לסוף: רש״י אַליין ברענגט דאָרט בפירוש די רייד פון רבא, אַז „אין כאן עקירת דבר מן התורה" — דאָ איז ניטאָ קיין אויסוואָרצלונג פון אַ זאַך פון דער תורה — „במקום סיג וגדר" (דאָרט, ע״ב).

ווער זשע איז גערעכט: די משנה, וואָס זאָגט, אַז דער פּרוזבול איז געווען אַ תקנה לטובת די אָרימע, אָדער, להבדיל, זשיטלאָווסקי, וואָס האָט געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַ טובה פאַרן אויפשטייגנדיקן האַנדלס־קלאַס?

עס פּאַסט זיך גוט אויף זשיטלאָווסקי'ן דער מאמר פון דער גמרא, אַז ווען עס האָבן זיך געמערט אַזעלכע תלמידים פון שמאי והלל „שלא שמשו כל צרכן" — וואָס האָבן ניט גענוג געלערנט, האָבן זיך גע־מערט מחלוקת צווישן אידן און די תורה איז געוואָרן אַזוי ווי צוויי תורות . . .

געקומען איז זשיטלאָווסקי באַשולדיקן הלל'ן, און האָט זיך אַליין פאַרשולדיקט אין דער עבירה פון זיין „מגלה פנים בתורה שלא כהלכה" — טייטשן אַ פאַלשן טייטש אין דער תורה. און אויף אַזעלכע איז געזאָגט געוואָרן אַז „אין להם חלק לעולם הבא"...

בכלל ווען מ'נעמט אין באַטראַכט די כאַראַקטער־שטריכן פון די צוויי תנאים ווי זיי ווערן געמאָלן אין דער גמרא, שמאי דער שטרענגער, דער קפדן, און הלל דער עניו, דער געדולדיקער, דער רך לב, און דער וואָס האָט געזאָגט „מרבה נכסים מרבה דאגה" — מער גיטער, מער זאָרג — איז שווער צו זען ווי אַזוי עס קען עמיצן איינפאַלן אַרויסצושטעלן דוקא הלל'ן פאַר דעם וויכן צו די רייכע און דעם האַרטן צו די אָרימע.

זשיטלאָווסקי באַנוצט אין זיין אָפּהאַנדלונג עטלעכע מאָל דעם אויסדרוק: „חומרי דבית שמאי קולי לעניים" — די חומרות פון בית שמאי זיינען פאַרלייכטערונגען פאַר די אָרימעלייט. ער זאָגט, אַז דאָס איז די מיינונג פון „שפּעטערע אויטאָריטעטן". ער זאָגט אָבער ניט ווער די אויטאָריטעטן זיינען. אָבער אין דער גמרא איז עס ניטאָ.

מ'קען זיכער זיין, אַז די חומרות פון די בית שמאי, וואָס זיינען געווען לטובת די אָרימעלייט, זיינען עס געווען יענע, וואָס די בית־

הלל האָבן אויך אָנגענומען און זיינען געוואָרן די הלכה. אַלץ וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין תלמוד, סיי מפי בית הלל, סיי מפי בית שמאי, איז געווען לטובת די אָרימע, ווייל דאָס איז דער גייסט פון תלמוד, דער גייסט פון אידישקייט.

אָבער נאָך דעם אַלעם, נאָך גאָר די אַלע הייסע און אָפטמאָל שטעך־ווערטערדיקע וויכוחים צווישן די צוויי שולעס, ווען עס איז פאָרגעקומען דער „נמנו וגמרו" און ס'איז געבליבן דער דין ווי בית־הלל, האָבן די בית־שמאי אויך אָנגענומען און אָנערקענט, אַז דאָס איז דער דין, און אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעפירט. ווייל די מאַיאָריטעט איז געווען די אויטאָריטעט, און די אויטאָריטעט איז געווען הייליק, ווייל עס איז געווען די אויטאָריטעט פון דער תורה. ביי אידן זיינען מעגלעך געווען און צוגעלאָזט געוואָרן חילוקי־דעות, אָבער נאָכן באַשלוס איז דער באַשלוס אָנערקענט און אָפּגעהיט געוואָרן פון אַלעמען. און אַזוי האָבן אידן אַ קיום געהאַט.

נאָכן באַשלוס וואָלטן די בית־שמאי מיט זשיטלאָווסקי'ן אַליין איינגע'טענה'ט, אַז דער דין איז נישט ווי זיי, נאָר ווי בית־הלל.

נאָר נישט אַזוי זשיטלאָווסקי! נאָך לאַנגע צוויי טויזנט יאָר קומט ער מכריע זיין אויף דער זייט פון בית־שמאי און פסק'ענען, אַז די הלכה איז נישט כבית־הלל . . .

און ער ווייס פאַרוואָס! ער ווייס זייער גוט קיין „שיינע זאַכן" וועגן די בית־הלל: זיי זיינען, רחמנא ליצלן, געווען פאַר־קויפט צו וואָלל־סטריט! . . .

אויף דער מאָדע צו פייניקן די תורה אויף די טאָרטורן פון היס־טאָרישן מאַטעריאַליזם גייט אום אַ שיינע מעשה צווישן לומדים:

אַ איד האָט געדונגען אַ בעל־עגלה ער זאָל אים ברענגען מיט זיין סחורה קיין יאַרמעלינעץ אויפן יאַריד.

דער יאַריד איז געווען, זאָגן מיר, דינסטיק. נאָר דער וועג איז געוואָרן בלאָטיק, דאָס פערדל האָט זיך געשלעפּט, און זיי זיינען אָנגעקומען קיין יאַרמעלינעץ ערשט דאָנערשטיק. אויס יאַריד, די סחורה איז קאַליע געוואָרן, דער איד האָט געהאַט גרויס שאָדן און ער האָט דערפאַר ניט געוואָלט באַצאָלן דעם בעל־עגלה.

נעמט אים דער בעל־עגלה צום רב. און דער רב פסק'נט אַז דער איד איז ניט מחויב צו באַצאָלן.

איז דאָס אייער יושר? פרעגט דער בעל־עגלה דעם רב.

וואָס הייסט מיין יושר? — ענטפערט דער רב — אַזוי איז דער דין פון דער תורה.

פאַרטראַכט זיך דער בעל־עגלה. דערנאָך מאַכט ער צום רב:

זאָגט מיר, רבי, ווען איז די תורה געגעבן געוואָרן?

די תורה איז געגעבן געוואָרן שבועות, ענטפערט דער רב.

אַה! — גיט דער בעל־עגלה אַ קלאַפּ מיטן בייטש־שטעקל — דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן! שבועות איז שיינער וועטער, די וועגן זיינען גוט. אָבער ווען די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן סוכות, ווען סע רעגנט און די וועגן זיינען בלאָטיק, וואָלט דער דין אַנדערש גע־ווען...

קיין שענערע סאַטירע אויפן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם קען, דוכט זיך, גאָר ניט געמאָלט זיין.

נאָר טראַץ דעם, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געזאָגט, און מיט אים אַזויפיל אַנדערע ווי ער, איז נישט געווען און ס'איז נישטאָ קיין היסטאָרישע גנזעצגעבונג, וואָס זאָל האָבן זיך געשטעלט אַזוי איבער דעם באַגריף פון קלאַסן, צו דערגרייכן די ריינע הויך פון ריינער אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, ווי דער תלמוד.

דער תלמוד האָט געוואוסט פון קלאַסן־אונטערשיידן, אָבער ער האָט זיך געשטעלט איבער זיי, און האָט מיטן גרעסטן שאַרפ־זין און העכסטער קדושה באַשיצט דעם אָרימאַן און שוואַכן קעגן דעם רייכן און שטאַרקן, און דעם אַרבעטער קעגן באַלעבאָס.

די משנה שטעלט אַוועק דעם דין: יד הפועל על העליונה ויד בעל הבית על התחתונה — אין די רעכט צווישן דעם אַרבעטער און דעם אַרבעטס־געבער, שטייען דעם אַרבעטער'ס רעכט העכער.

און „סתם משנה" מיינט — רבי. און רבי איז געווען אַ רייכער מאַן...

דער תלמוד זאָגט: כל הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו (קדושין ל'). דער קנעכט איז דער האַר איבער דעם האַר. און עס איז גע'פסקנ'ט געוואָרן, אַז ווען עס איז דאָ נאָר איין קישן צום שלאָפן, דאַרף דערויף שלאָפן דער קנעכט, נישט דער האַר.

און אַזוי ווייטער אָן אַן עק.

אַלע רעכט פון אַרבעטער און אָרימאַן, אַלע גערעכטיקייטן לגבי אַרבעטער און אָרימאַן, פאַר וועלכע עס ווערט געקעמפט אין אונזער צייט, איז שוין פריער, לאַנג פריער, געקעמפט געוואָרן פאַר זיי אין תלמוד און תנ"ך.

אפילו דער „און די עקספּראָפּריאַטאָרס וועלן עקספּראָפּריאירט ווערן", פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון מאַרקס און ענ־געלס, איז שוין דאָרטן דאָ פון לאַנג אַן פריער, אין דעם „והיו למשאסה שאסיך"...

דער תלמוד האָט געוואוסט, אַז עס זיינען דאָ „אינטערעסן". און עס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַזעלכע וואָס האָבן אויפגעהויבן די פראַגע פון פּניות. מיר באַגעגענען אין תלמוד גאַנץ אָפט די טענה: לכבודו הוא דורש. נאָר זי ווערט שטענדיק אָפּגעוואָרפן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט.

וועגן דעם ענין סוטה און מים המאררים, וואָס אַ זינדיק ווייב האָט געדאַרפט טרינקען, לערנען מיר אין דער גמרא „ברכות״:

שמעיה און אבטליון האָבן געגעבן אַ גר'טע טרינקען דאָס ביטערע וואַסער, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין אמת'ע מים המאררים, נאָר „דוגמא השקוה״.

איז געקומען עקביא בן מהללאל און געזאָגט: שמעיה און אבטליון האָבן אַזוי געטאָן, ווייל זיי זיינען אַליין גרים.

האָט דאָס פאָלק געצאָרנט אויף אים און געזאָגט: צי אויף אַזעלכע צוויי צדיקים, וואָס ווען זיי דרש'ענען, זיינען די בתי־מדרשים צו קליין אַריינצונעמען זייערע תלמידים און צוהערער, זאָל גע־זאָגט ווערן, אַז זיי פסק'ענען מיט פניות? און די חכמים האָבן אים אַריינגעלייגט אין חרם.

און ווען עקביא איז געשטאָרבן, האָט מען זיין מיטה פאַר־וואָרפן מיט שטיינער.

ווירקלעך, אויב די גמרא איז שוין נישט קיין ריינער קוואַל; אויב אין דעם תלמוד איז שוין נישטאָ די העכסטע מענשלעכע באַ־שטרעבונג צו אַבסאָלוטער, ריינער, שלימות'דיקער גערעכטיקייט, דאַן איז שוין בכלל אַזאַ זאַך אויף דער וועלט נישטאָ.

זשיטלאָווסקי האָט נאָר געוואָלט דיסקרעדיטירן דעם תלמוד און אָפּציען אידן פון אים, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט אַראָפּרייסן די קדושה פון דעם תנ״ך און אָפּציען אידן פון אים.

און צווישן זיינע תלמידים און חסידים, די נאָכפאָלגער פון זיין לערע, אַ גאַנצער דור פון זיי, איז עס אים געלונגען.

זיי האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן ווי אַזוי אַ גמרא זעט אויס, און פרעגט זיי, ווייסן זיי נישט וועלכע סדרה ס'גייט היינט . . .

און זייערע קינדער ווייסן שוין ניט אַפילו וואָס איז „סדרה״ . . .

דער ביטערער סך־הכל.

1.

אָפּגעגרעניצט דאָס אידישע נאַציאָנאַלע וועזן אַזוי שאַרף ווי נאָר מעגלעך פון דער אידישער אמונה; און צעפליקט און צע־טראָטן די אידישע אמונה גופא ווי אַן אָקס אַ רויטע טוך — אין וואָס האָט דעמאָלט זשיטלאָווסקי געזען די נאַציאָנאַלע איינהייט און גאַנצקייט פון אידישן פאָלק?

אין דער אידישער שפּראַך.

די אידישע שפּראַך איז דער איינציקער, קאָנטיקער, זיכטבאַרער נאַציאָנאַלער צעמענט אין זשיטלאָווסקי'ס שיטה.

דעם איינציקאַרטיקן אַטריבוט פון אידישן פאָלק — די אמונה — האָט ער אָפּגעוואָרפן. די אַנדערע אַטריבוטן, וואָס מאַכן אַ פאָלק פאַר אַ פאָלק: אַ לאַנד און פּאָליטישע איינהייט, פאַרמאָגן ניט אידן. בלייבט די איינציקע זאַך — אידיש.

„נאַציאָנאַלער קאַמף איז שפּראַכן־קאַמף, נאַציאָנאַלע גלייכבאַרעכ־טיקונג איז גלייכבאַרעכטיקונג פון שפּראַכן", דערקלערט ער קאַ־טעגאָריש (באַנד 4, ז. 115).

„אָבער פאַר וועלכער שפּראַך זאָל קעמפן דאָס אידישע פאָלק — פרעגט ער דאָרט ווייטער — וועלכער לשון זאָל זיין אָפיציעל זיין נאַציאָנאַלער לשון? אידיש אָדער העברעאיש? עס איז גענוג נאָר אַוועקצושטעלן די פראַגע, כדי איינצוזען דעם ענטפער קלאָר ווי דער טאָג".

פאַר אַלע זאַכן, פאַר וועלכע און אין וועלכע זשיטלאָווסקי האָט געקעמפט אין אידישן לעבן, איז זיין קאַמף פאַר אידיש געווען דער איינציק פּאָזיטיווער און דער איינציק ווערטפולער*). און ער האָט דאָ געוויס געהאַט גרויסע פאַרדינסטן. עס איז נויטיק געווען אַזאַ קאַמף קעגן אַ סך צדדים: קעגן די אַסימילאַטאָרן פון ערשטן ראַנג, וועלכע האָבן בכלל ניט געוואָלט וויסן פון אידיש; קעגן די אַסי־

---

*) אויסער זיין נאַציאָנאַליזם.

מילאָטאָרן פון צווייטן ראַנג, וואָס האָבן גערעדט די שפּראַך, נאָר זיך באַצויגן צו איר ווי צו אַ געמיינעם „זשאַרגאָן”, און סתם קעגן יענע טומטומס און אנדריגוניס'ן פוןביידע ראַנגען, וואָס פלעגן טענה'ן, אַז „אידיש האָט דאָך אפילו ניט קיין גראַמאַטיק”.

די צרה איז אָבער געווען, וואָס זשיטלאָווסקי האָט זיך אין דערדאָזיקער פראַגע, אַזוי ווי אין אַלע פּראַגן, פאַרגאַלאָפּירט אין אַ וויסטעניש פון אוממעגלעכקייטן און ווילדע פאַנטאַזיעס און האָט דאָ ניט וויניקער שאָדן געבראַכט ווי נוצן.

די ערשטע צרה איז געווען, וואָס ער האָט אַלע אַנדערע קנינים פון אידישן פאָלק אַזוי צעטראָטן און צעטראַמפּלט, אַז אידיש איז געבליבן זיין איינציקער קנין, און אַזוי אַרום איז זיין קאַמף פאַר אידיש צעגויפגעפלאָנטערט געוואָרן מיט זיין קאַמף קעגן די אַנדערע זאַכן. עס איז אויסגעקומען, אַז כדי צו זיין פאַר אידיש, דאַרף מען זיין קעגן דער אידישער רעליגיע, למשל. ווייל ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש ווי אַ „פּראָגרעסיווע” אידישע קולטור, וואָס עס האָט געמיינט אַן אַפּיקורסישע אידישע קולטור.

פון אידיש איז געוואָרן „אידישיזם”, מיטן גאַנצן קאָמפּלעקס פון אידייען, וואָס איז דערין אַריינגעצייגט געוואָרן און וואָס ניט יעדערער האָט געוואָלט אָדער געקענט אָננעמען.

צווייטנס: זיין שטעלונג צו אידיש האָט געמיינט ניט אַנדערש ווי אַ קאַמף קעגן העברעאיש. זשיטלאָווסקי איז גרייט געווען אַפילו אויף אַ בירגער־קריג אין ארץ־ישראל קעגן העברעאיש.

פאַר העברעאיש האָט ער בכלל געציטערט אימת־מות. ניט נאָר צוליב איר קאָנקורענץ מיט אידיש, נאָר קודם־כל דערפאַר וואָס העברעאיש, אפילו ווען זי פילט זיך אָן מיט גאַנץ מאָדערנעם איינ־האַלט, ציט אַלץ צום עבר. העברעאיש האַלט אויף אָפן אַלע טירן צו דער קולטור פון דעם אידישן עבר. און זשיטלאָווסקי האָט גע־וואָלט פאַרהאַקן און פאַרריגלען אַלע טירן צו יענעם עבר. „זייער זעלטן — קלאָגט ער זיך — וועט איר באַגעגענען אַזאַ העברעאיסט, וואָס זאָל אינגאַנצן פריי זיין פון דער עבר־ראָמאַנטיק” (ב. 8, ז. 160).

דערפאַר האָט ער ניט געוואָלט זען קיין העברעאיש ווי אַ לעַ־בעדיקע שפּראַך אַפילו אין ארץ־ישראל.

„דער גרעסטער אומגליק וואָלט פאַר אונז געווען — שרייבט ער — ווען דער ישוב אין ארץ־ישראל וואָלט אויסגעאַרבעט נאָר אַ העברעאישע קולטור. וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט זי יעמאָלט געהאַט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק? זי וואָלט באַשאַפן אַ נייע פרעמדע וועלט, וואוהין מיר וואָלטן געקענט אויפגענומען ווערן נאָר בתנאי, אַז מיר זאָלן אויפהערן צו זיין וואָס

מיר זיינען, אַ נייער אַסימילאַציאָנס־אַפּאַראַט, כדי אויף דאָס ניי צו ברעכן אונזער נאַציאָנאַלע חוט־השדרה״ . . . (באַנד 4, ז. 60־159).

איינצעלנע ווערטער אַליין אין דערדאָזיקער שטעל דעקן דאָ אויף זשיטלאָווסקי׳ס פּסיכאָלאָגיע: די העברעאישע וועלט איז פאַר אים אַ „פרעמדע וועלט״, אפילו אַ נייער אַפּאַראַט פון אַסימילאַציע.

איז וואָס זשע טוט מען מיט ארץ־ישראל? ווי אַזוי רייסט מען אַרויס דאָס לאַנד פון די הענט פון די העברעער? זשיטלאָווסקי האָט געהאַט אַ פּלאַן.

דעם פּלאַן האָט ער אויסגעאַרבעט אין זיין ציוניסטישן האָניק־חודש, וואָס איז, אגב, געווען זיין איינציקער חודש אין דעם ציוניזם. שטייענדיק ביים אַריינגאַנג צום ציוניזם האָט ער זיך שוין געפילט ווי ער האָט אַ חלק אין ארץ ישראל, און אַז ער האָט שוין אַ חלק אין ארץ־ישראל, האָט ער גערעדט צו די אידישיסטישע ציוניסטן בזה הלשון:

„נאָר ווער וועט זיי הערן, די העברעער? ארץ־ישראל איז אַקוראַט אונזערס ווי זייערס. לאָמיר נאָר אַליין שטאַרקער ווערן, לאָמיר נאָר ווערן גוטע ציוניסטן, און קיין זאַך אין דער וועלט וועט ניט זיין אימשטאַנד צו שטערן אונז. מיר זאָלן דאָרטן בויען אונזער ישוב, אַ ריין אידישן, אַ ריין פּראָגרעסיוון, מיט זיינע אידישע שולן, מיט פרייער אידישער קולטור . . . איך וואָלט וועלן, כ׳לעבן, זען, ווער דאָס וועט אונז פאַרווערן״ (באַנד 4, ז. 160).

„די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע לעבנס־נויטן פון אָט דער (אידיש־ריינדיקער) מאַיאָריטעט . . . וועלן . . . פאָדערן פון אונז, אידיש זאָל זיין די איינציקע שפּראַך, די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון דעם אידישן פאָלק.

„העברעאיש קען צוגעלאָזט ווערן ווי אויך אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר פאַר יענער אידישער פאָלקשאַפט, וואָס שיידט זיך באַוואוסט אָפּ פון דעם כלל און פאַרלאַנגט נאַציאָנאַלע רעכט פאַר איר לשון . . . אָבער נאָר אַזוי לאַנג ווי זי וועט ניט אַרויס די חוצפה צו וועלן אַסימילירן די איבעריקע אידישע פעלקערשאַפטן און אַרויפצווינגען אויף זיי, קעגן זייער ווילן, דעמדאָזיקן לשון.

„אין דעם פאַל פון קריג טרעט אַריין אין קראַפט דער איינציקער כלל: אין קריג לויט דעם שלחן ערוך פון קריג״ (באַנד 4, ז. 161).

מיט אַזעלכע דבורים האָט מען נאָר געקענט קויפן געגנער פאַר אידיש. דעם שפּראַכן־קאַמף אויף דער אידישער גאַס, מיטן גאַנצן שאָדן וואָס ער האָט געבראַכט, האָט קיינער ניט אַזוי פאַנאַנדערגעצונדן ווי זשיטלאָווסקי.

אַן אַנדער חסרון פון זיין אידישיזם איז געווען וואָס אין זיין

סכעמע ווערן איגנאָרירט אַלע יענע גרויסע טיילן פון פאָלק, וואָס קענען ניט קיין אידיש: סיי יענע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געלעבט אין דער ווירקונגס־ספערע פון אידיש און האָבן עס קיינמאָל ניט גערעדט, סיי יענע, וואָס האָבן עס אויפגעהערט צו רעדן. וואָס זאָל זיין מיט זיי? אַזעלכע האָט ער אָדער איגנאָרירט אָדער געפאָדערט, זיי זאָלן אַוועקוואַרפן זייערע וועלט־שפּראַכן און אַריבערגיין צו אידיש.

ער איז געווען איבערצייגט, אַז אידן מוזן און קענען עס טאָן. ער האָט אַפילו געהאַט אַ געדאַנק, אַז אַמעריקע, גאַנץ אַמעריקע, וועט נאָך אפשר אַמאָל אַוועקוואַרפן ענגליש און אָננעמען אידיש! ער האָט גע׳חלומ׳ט גרויסע אידיש־חלומות.

דעמדאָזיקן געדאַנק האָט ער אַנטוויקלט אין אַ סעריע פון דריי אַרטיקלען (אין דער „צייט"). דער געדאַנק, אויף ווי ווייט עס געדענקט זיך מיר איצט, איז ביי אים געגאַנגען אַזוי: אַמעריקע, האָט ער געהאַלטן, וועט סוף כל סוף מוזן גיין אין מלחמה מיט ענגלאַנד איבער די וועלט־מערק. וועט אין אַמעריקע אויפשטייגן אַ גרויסע שנאה קעגן ענגלאַנד און אַלץ וואָס איז ענגליש, אַריינגערעכנט די ענגלישע שפּראַך. דעמאָלט וועט אַמעריקע וועלן אָננעמען אַן אַנדער שפּראַך. זאָל זי אָננעמען דייטש, איטאַליעניש — שפּראַכן פון פעלקער, מיט וועלכע זי וועט אפשר שפּעטער אויך דאַרפן קעמפן פאַר די וועלט־מערק? ניין, עס וועט זיך אַמעריקע לוינען אָנצונעמען נאָר אַ נייטראַלע שפּראַך. און וועלכע שפּראַך איז נאָך אַזוי נייטראַל, אַן פּאָטענציעלע סכנות, ווי אידיש?

העברעאיש, ווי מיר האָבן אויבן געזען, האָט ער באַטראַכט פאַר אַן אַסימילאַציע־פאַקטאָר, אָבער אידיש איז פאַר אים געווען איפּסאָ־פאַקטאָ אַ נאַציאָנאַליזירנדיקע קראַפט — אפילו ווען מען פּרעדיקט דערין אַסימילאַציע! דערקעגן, אין אַ פרעמדער שפּראַך, ווען מען פּרעדיקט אפילו אידישקייט און נאַציאָנאַליזם, פּרעדיקט מען אין אמת׳ן אַסימילאַציע. „פרוג׳ס נאַציאָנאַל־אידישע ליריק — שרייבט ער — אין רוסיש, ווי די גאַנצע רוסיש־אידישע ליטעראַטור פון דעם נאַציאָנאַלן לאַגער, איז אַ געמיש פון באַוואוסטזיניקן נאַציאָנאַליזם און אומבאַוואוסטער רוסישער אַסימילאַציע" (באַנד 10, ז. 168).

זשיטלאָווסקי האָט אויף אַזאַ אופן פאַר׳משפט ווי „אַסימילאַציע" די געוואַלדיקע רייכטימער, וואָס אידן האָבן געשאַפן און שאַפן אין אַנדערע שפּראַכן און וואָס האָבן געשפּילט אַן אומגעהייערע ראָלע אין דער אויסבילדונג און דערהאַלטונג פון דעם אידישן פאָלק, און פאַראורטיילט ווי האַלב־אַסימילירטע יענע אידן, וואָס ריידן ניט קיין אידיש, מעגן זיי זיין די פרימסטע און כשר׳סטע אידן.

פאַקטן פון לעבן, ווי גרויס עס איז נישט זייער היסטאָרישער פאַרנעם, האָט ער מבטל געווען כעפרא דארעא וויבאַלד זיי האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין זיין אידייאישער פאַנטאַסטיק.

וואו האָט ער אַלץ ניט געזען קיין אַסימילאַציע! ער האָט געזען אַסימילאַציע אין אַזאַ אומשולדיקער זאַך ווי פּאָפּולאַריזאַציעס אין אידיש. די שווערסטע ווערק, אפילו אַזעלכע ווי קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל", וויבאַלד מען האָט זיי אַריינגעטראָגן אין אידיש פאַר די אידישע מאַסן אין אַ פּאָפּולערער פאָרם און נישט אין שטרענגער סטיליסטישער איבערזעצונג, האָט זיך צונויפגעגאָסן אין זיין געדאַנק ווי אַ פאַרזוך צו אַסימילירן און אונטערצוברענגען דאָס אידישע פאָלק, רחמנא ליצלן. און ער האָט געפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין דעם זין קעגן ווינטשעווסקי'ן, יאַנאָווסקי'ן און אב. קאַהאַנ'ען (באַנד 10, ז. 63-124).

„איך וויל בשום אופן נישט לייקענען — שרייבט ער דאָרט (ז. 6-155) — אַז יעדער געדאַנק קאָן פּאָפּולאַריזירט ווערן אַזוי, אַז אפילו יעדער מאַרק־אידענע זאָל אים קענען פאַרשטיין. אָבער נישיים זעט קאַהאַן נישט איין, אַז אויף יעדן בלעטעל „קאַפּיטאַל" וואָלט מען באַדאַרפט שרייבן נישט וויניקער ווי פינף בלעטלעך „פּאָפּולאַריזאַציע" און אויף יעדער בלעטל קאַנט נישט וויניקער ווי צען? נישיים פאַרשטייט ער נישט, אַז דער גאַנצער גייסטיקער פּראָגרעס פון דער מענשהייט איז מעגלעך געוואָרן נאָר אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס די מענשהייט האָט זיך אויסגעלערנט דענקען אין צונויפגעפּרעסטע באַגריפן, וואו איין וואָרט איז אַ סך־הכל פון פילע און פילע איינצל־באַגריפן?"

פאַרוואָס אָבער, פרעגט ער, זיינען די אַלע דערמאָנטע דווקא פאַר פּאָפּולאַריזאַציע? זיין ענטפער איז, ווייל זיי גלויבן ניט אין דעם כוח און דער אייביקייט פון אידיש, און דאָס איז אַסימילאַציע.

נון, ס'איז שוין איצט שפּעט צו נעמען אַ וואָרט אין יענער דעבאַטע. נאָר אויך דאָ איז זשיטלאָווסקי געגאַנגען מיט די פיס צו די וואָלקנס. די ערגסטע ביישפּילן, וואָס ער האָט געקענט אויס־קלייבן, זיינען געווען מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל" און קאַנט'ס ווערק. „דאָס קאַפּיטאַל", ווי ער שטייט און גייט, ווערט ניט געלייענט פון אַ צענדליק מענשן אין אַ מדינה, און אָן פּאָפּולאַריזאַציעס וואָלטן מאַרקס'עס געדאַנקען קיינמאָל נישט פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַרבעטער־מאַסן פון דער וועלט. און וועגן קאַנט'ן איז פאַראַן אַט־וואָס צו זאָגן:

ווען קאַנט איז אַרויס מיט זיין פילאָזאָפישער סיסטעם, האָט קיינער נישט געקענט פאַרשטיין זיינע ווערק. און די רייד גייט דאָ וועגן פילאָזאָפישן עולם. נאָר עס זיינען געקומען איינציקע

פאַרשטענדיקע און האָבן אָנגעשריבן ביכער צו דערקלערן קאַנט'ס פילאָזאָפיע. אין די ערשטע פערצן יאָר זיינען אין דייטשלאַנד דערשינען נישט ווייניקער ווי זעקס אַזעלכע אויפקלערונגען. די צרה איז אָבער געווען, וואָס זיי האָבן נישט געשטימט צווישן זיך און פון יעדער אויפקלערונג איז אַרויסגעקומען אַן אַנדער קאַנט מיט אַן אַנדער פילאָזאָפישער סיסטעם. קאַנט האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. האָט מען זיך געווענדט צו אים, ער זאָל אַליין אָנווייזן וועלכע פון די זעקס אַנטשפּרעכט אַמבעסטן זיינע געדאַנקען. און ער האָט אָנגעוויזן אויפן ווערק פון אַ געוויסן שולציע.

סוף כל סוף האָבן פּאָפּולאַריזאַטאָרס איבערגעשריבן קאַנט'ס ווערק, צו מאַכן זיי צוטריטלעך פאַר אַ געוויינלעכן פילאָזאָפישן לייע־נער.

אין זיין אייגענעם שרייבן איז זשיטלאָווסקי אַליין זייער אָפט גאַנץ ווייט געווען פון זיין פאָדערונג פון צענויפגעפּרעסטן סטיל. ער איז אָפט אַזוי פיל מסביר, אַז דער געדאַנק גייט פאַרלאָרן אין דער הסברה. איך לייענט זיינע גרעסערע אַרבעטן און עס באַגיסט אייך אַ קאַלטער שווייס (וועגן זיין בייטראַג צו אידיש אין פּרט פון סטיל האָב איך געשריבן אין מיין ביכל „ליטעראַרישע סילועטן”).

קומענדיק צו דער אידישער שפּראַך, זיינען מיר געקומען צום דריטן יסוד פון זשיטלאָווסקי'ס גאַנצער אידישער סכעמע, וועלכע ער האָט שטענדיק פאָרמולירט אַזוי:

„די ווידעראויפלעבונג פון דעם אידישן פאָלק אויף די יסודות פון ערד, אידישער שפּראַך און אייראָפּעאישער קולטור”.

דאָס אַלץ אינאיינעם איז „וועלטלעכע אידישקייט” אָדער „אידי־שיזם”, נוסח זשיטלאָווסקי.

אויבנאויף קלינגט עס אַלץ, דוכט זיך, גאַנץ שיין. דוכט זיך, אַן אייביקער געשריי: נאַציאָנאַליזם, אידישע אינטערעסן, קאַמף קעגן אַסימילאַציע, אידיש פאָלק. אָבער אין סך־הכל, ווען מען אַנאַליזירט די עלעמענטן פון דערדאָזיקער „אידישקייט”, קען מען ניט פאַרפעלן צו זען, אַז אַלץ איז איין גרויסע שטיק פּראָפּאַגאַנדע און לערע פון אַסימילאַציע. הינטער דעם אַלעמען ליגט אַ מישמאַש, אַן אמת'ער שורבור: סאָציאַליזם און ראַסיזם, נאַציאָנאַליזם און „אידישער אַנ־טיסעמיטיזם”, רעליגיאָניזם און אפּיקורסות, פאַראַכטונג צו אַלטער אידישער קולטור און פאַרהערלעכונג פון קריסטנטום, אידישקייט און פשוט'ער, אָפענער שמד.

שיין קלינגט, דוכט זיך, דער לאָזונג: „די אידישע אינטעלי־גענץ פאַרן אידישן פאָלק”. אָבער וואָס האָט עס ביי זשיטלאָווסקי'ן געמיינט? עס האָט געמיינט: אַרויסציען די אידישע אינטעליגענץ פון צווישן די גוים, ווייל מ'דאַרף זי האָבן אין דערהיים, צווישן אידן

גופא, כדי צו ליקווידירן די אמת'ע אידישקייט צווישן אידישן פאָלק און איינגעבן אים דעם „עליקסיר" פון „איראָפּעאישער קולטור".

און דער פועל־יוצא פון דעם אַלעמען? אונטער דער פּאַן פון ראַטעוועץ דאָס אידישע פאָלק — אויפרייסן עס פון אינווייניק!

און למען האמת מוז מען דאָ זאָגן, אַז מ'דאַרף ניט אידענטי־פיצירן די באַוועגונג פון וועלטלעכער אידישקייט בכלל איינגאַנצן מיט זשיטלאָווסקי'ס נוסח. ס'איז זיין אייגענער נוסח. קיין איין ריכטונג פון די פרייע מאָדערנע אידן, מיט דער אויסנאַם אפשר פון די קאָמוניסטן, איז ניט דערגאַנגען צו אַזעלכע עקסטרעמען ווי ער. ניט אַלע האָבן זיי איינגעשאַצט אונזער גייסטיקן עבר אַזוי ביליק ווי ער. קיין איינע פון זיי האָט ניט באַגרינדעט די אידישע עק־זיסטענץ צווישן די פעלקער אַזוי ווי ער. קיין איינע פון זיי האָט ניט אויפגעפאַסט דעם אידישן מענטשן, דעם אידישן טיפּוס און כאַראַקטער אַזוי נעגאַטיוו ווי ער. קיין איינע פון זיי האָט זיך ניט געשטעלט אויף אַזאַ מגושמ'דיקער ראַסן־טעאָריע ווי ער. קיין איינע פון זיי האָט ניט געראָפן צו קריסטנטום ווי ער.

עס איז דעריבער אַ טעות און אַ גרייז אים צו רופן „דער פאָטער" פון דער וועלטלעכער אידישקייט.

גענוג פון אירעטוועגן אַז ער איז איר אַ פעטער...

2.

פון אונזער אַנאַליז פון זשיטלאָווסקי'ס לערעס און טעאָריעס האָבן מיר געזען, ווי אמת'דיק עס איז די באַצייכענונג „דרויסנדיקער און פרעמדער", וואָס איז אים געגעבן געוואָרן.

גלייך אין אָנהויב איז זשיטלאָווסקי געקומען צו אונז ווי אַ פרעמדער. געקומען פון דער פרעמד מיט פרעמדע געדאַנקען, אין וועלכע ער האָט געוואָלט אַריינקוועטשן דאָס אידישע לעבן, אפילו ווען עס זאָל דערביי קראַפּירן. פרעמד איז ער אויך געווען צום לעבן בכלל. ער האָט נישט געזען קיין לעבעדיקע מענשן און קיין לעבעדיק פאָלק. פאַר אים האָבן נאָר עקזיסטירט געדאַנקען, טעאָריעס, פאָרמו־לעס, סכעמעס.

דערביי האָט זיין געדאַנקען־גאַנג פאַרמאָגט יענעם שטריך, וואָס מ'רופט אַמאָל אָן „דייטשישע לאָגיק". דאָס איז אַ לאָגיק, וואָס איז אַזוי ווי אַ פלאָקן, אַ פלאָקן מיט אַ שאַרפן שפּיץ. ווי אַ פלאָקן איז עס טרוקן, אָן אַ טראָפּן זאַפט. ווי אַ פלאָקן איז עס האַרט, נישט צו בויגן אַהין אָדער אַהער. און עס דאַרף דערלאַנגען נישט ווייניקער ווי דעם הימל, אפילו עס זאָל אומוואַרפן דעם הימל. דער הימל מעג איינפאַלן, אָבער פלאָקן בלייבט פלאָקן.

דאָס האָט אים נישט געשטערט פאַרלאָרן צו ווערן צווישן סתירות. יעדע סתירה פאַר זיך איז געווען אַ שפּיציקער פלאָקן.

מיר וועלן זיך באַנוצן מיט זשיטלאָווסקי'ס אַן אייגענער אי־לוסטראַציע פון דעמדאָזיקן מין לאָגיק.

זשיטלאָווסקי שטעלט אַוועק אין איין אָרט אַזאַ פראַגע:

ווי אַזוי דאַרפן מיר זיך פאַרהאַלטן אין יענעם פאַל, ווען עס קומט פאַר אַ קאָנפליקט צווישן „מיין פאָלק" און די איבעריקע פעל־קער פון דער מענשהייט? מיט וועמען דאַרפן מיר האַלטן — מיט אונזער פאָלק אָדער מיט דער מענשהייט?

עס פאַרשטייט זיך אַז געהאַנדלט האָט זיך דאָ וועגן דעם אידישן פאָלק. די גאַנצע, הויך־טעאָרעטישע דיסקוסיע איז אַנטהאַלטן אין באַנד 13, ז. 292־251, און שפּעטער אין דעם ביכל „אַן ענטפער שלום אַש'ן און ה. לייוויק'ן".

נאָך לאַנגן אַרגומענטירן און פשט'לען ברייטעט ער אויס, אַז עס זיינען מעגלעך פאַלן, וואו די מענשהייט זאָל צעטרעטן און פאַר־ניכטן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק און זי זאָל זיין גערעכט.

און ער „באַווייזט" עס מיט פאָלגנדן משל:

לאָמיר אָננעמען, זאָגט ער, אַז „מיין פאָלק" האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע, וואָס פאַרווירקלעכט אויפן בעסטן אופן די שטרעבונגען פון אַלמענשלעכן פּראָגרעס. און לאָמיר אויך אָננעמען, אַז די גאַנצע מענשהייט, אַלע אַנדערע פעלקער, זיינען קעגן אַזאַ רעוואָלוציע און זיי דערקלערן מיין פאָלק אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. דעמאָלט האָט מיין פאָלק אַ רעכט צו טויטן די גאַנצע מענשהייט.

ניט מער און ניט ווייניקער . . .

אַ פּראָגרעסיווע רעוואָלוציע וואָס דאַרף טויטן די גאַנצע מענש־הייט — איר זעט דעם פאַרשפּיצטן פלאָקן?

ווי איז אָבער, פרעגט ער, ווען פאַרקערט? ווען אַלע פעלקער פירן דורך אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און ווען מיין פאָלק טרעט אַרויס קעגן איר? דעמאָלט האָט די מענשהייט אַ רעכט צו פאַר־ניכטן מיין פאָלק, און מיר זיינען מחויב צו האַלטן מיט דער מענש־הייט.

אָדער אַ פאָלק זאָל פאַרניכטן די גאַנצע מענשהייט, אָדער די גאַנצע מענשהייט זאָל פאַרניכטן אַ פאָלק —ביידע זאַכן זיינען כשר וויבאַלד עס האַנדלט זיך וועגן דער הייליקער רעוואָלוציע.

מ'דאַרף זיין ניט נאָר אַ טרוקענער סכעמאַטיקער, נאָר ממש אַ קאַלטער גזלן צו קאָנען ריידן אַזוי.

נאָר קיין גרויסער חידוש איז עס ניט. ס'איז נאָר אַ „דייטשי־שער פלאָקן" וואָס זשיטלאָווסקי האָט, פון אַ קליינעם פלעקל, אויס־געצויגן און פאַרשפּיצט.

די התחלה פון אַזאַ געדאַנק ליגט אין זיין טעאָריע פון טע־ראָר אַלס סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

נאָר בשעת דאָרט האָט זיך געהאַנדלט אין אינדיווידועלן טעראָר, האָט ער עס דאָ אויסגעצויגן, עס זאָל פּאַסן אויף אַ גאַנץ פאָלק און אפילו דער גאַנצער מענשהייט — מינוס איין פאָלק. אַ פלאָקן ביזן סאַמע הימל.

מיר וואָלטן זיך געקענט אַוועקלאָזן און אַביסל פאַנטאַזירן ווי אַזוי עס וואָלט אויסגעזען די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט פון אַזאַ פאָלק אויפגעשטעלט אויף די ביינער פון דער גאַנצער מענשהייט. נאָר ס'איז אַ צו גרויזאַמע פאַנטאַסטיק.

לאָמיר איינצאַמען אונזער מענשנפרעסערישן אַפּעטיט און זיך באַנוגענען מיט אַן ענגערער באַטראַכטונג פון זשיטלאָווסקי'ס טעאָ־ריע און זען וואוהין זי האָט געפירט און צו וואָס ער האָט זי בכלל געדאַרפט.

די צרה מיט אַזאַ טעאָריע איז, וואָס ס'קען אַמאָל גאָר זיין שווער צו זאָגן אויף אַ „רעוואָלוציע" צי זי „פאַרווירקלעכט אויפן בעסטן אופן די פאָדערונגען פון אַלמענשלעכן פראָגרעס", אָדער זי איז אַ שטיק פינסטערע רעאַקציע.

יעדנפאַלס פאַר זשיטלאָווסקי'ן איז עס גאַנץ אָפט שווער געווען. וואָרום מיר ווייסן, אַז אָפטמאָל האָט ער זיך זייער ביטער אָפּגע־נאַרט.

ער האָט געהאַט שיינע ווערטער פאַר אַזעלכע מיאוס'ע זאַכן ווי דער ניטשעאַניזם, פוילישער פאַשיזם און אפילו היטלעריזם.

און די צווייטע צרה, וואָס אונז אידן איז עס געווען די הויפּט־צרה, איז דאָס, וואָס ער האָט דידאַזיקע טעאָריע באַנוצט קעגן אידישן פאָלק. דורכאויס, אויף דער גאַנצער ליניע, און דורך זיין גאַנץ לעבן, האָט ער זי באַנוצט קעגן אונז.

אומעטום, אין גרויסע זאַכן און אין קלענערע, ביי העכסט וויכ־טיקע מאָמענטן און ביי ווייניקער וויכטיקע, זיינען עס מיר אידן ביי אים געווען דאָס איין פאָלק וואָס האָט געדאַרפט זיין דער קרבן לגבי דער איבעריקער מענשהייט. דער קרבן חטאת, אָדער דער שעיר לעזאזל.

און מען מוז מודה זיין, אַז דאָס איז אַרויסגעוואָקסן קאָנסעקווענט פון זיין גאַנצער אָנשויאונג אויף אידן.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אידן זיינען פּאַראַזיטן אויף די פעלקער און אַז זיי זיינען אומעטום פרעמדע, אַ פרעמדער צווייטער קאָפּ אויף די פּלייצעס, האָט זשיטלאָווסקי געמוזט לאָגיש קומען צום אויספיר, אַז אין קאָנפליקטן צווישן דעם אידישן פאָלק און דער מענשהייט, איז די מענשהייט שטענדיק גערעכט.

מיר האָבן שוין געזען אויבן, אַז אין דער אַלגעמיינער פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם האָט זשיטלאָווסקי געזאָגט: „רעדט די מענטש־הייט צו דער זאַך". און אָט זיינען עטלעכע אַנדערע, ספּעציפישע פאַלן, וואָס האָבן, יעדערער אין זיין צייט, „געמאַכט א רשם":

1) אין דער צייט פון לעמבערגער פּאָגראָם אין יאָר 1920, ווען עס האָבן געבושעוועט די האַלערטשיקעס, מ'האָט געפּליקט אידישע בערד און געוואָרפן אידן פון די וואַגאָנעס, האָט ער געדרעכט גע־געבן די פּאָליאַקן, שרייבנדיק, אַז די אידן „קריכן מיט שמוציקע שטיוואָלעס אין דער נשמה פון דעם הערואישן פויל" (אין „טאָג" פון יענער צייט).

2) ער האָט געשריבן אין יאָר 1937, אַז אפילו קעגן דער האַלב־פאַשיסטישער פּוילישער רעגירונג האָבן אונזערע טענות „אַ פּנים פון עקל און חוזק". מיר זיינען פלעקער אין די רעדער פון איר „פּראָגרעס" („וועקער", נאָוו. 20, 1937).

3) ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט עסטרייך, האָט ער עס באַ־גריסט ווי אַן אַקט פון „גערעכטיקייט", און געשריבן אַז אויב מיר, אידן, ווילן דערביי צעטראָטן ווערן ווי די ווערים — דאַרפן מיר אַרויסגיין פון אונטער די רעדער פון דער געשיכטע" („טאָג", מערץ 21, 1937).

4) בנוגע דער שטיצע פון די אידישע קאָמוניסטן צו די אַראַ־בער אין די אַראַבישע פּאָגראָמען אין ארץ ישראל אין 1929, האָט ער פאַרטיידיקט די קאָמוניסטן און געשריבן, אַז זיי האָבן דאָך עס נישט געטאָן פאַר געלט אָדער פון שנאה צו אידן, נאָר זיי זיינען געפירט געוואָרן פון „אַן אַלגעמיין־מענשלעכן אידעאַל, אַ סך אַ העכערן איידער דער אָדער יענער נאַציאָנאַל־אידישער איטערעס פון דעם אָדער יענעם טייל פון אידישן פאָלק" (זע זיין ביכל „אַן ענטפער דוד פינסקי'ן, 1943, ז. 14).

5) ווען היטלער'ס מלחמה איז שוין באַלד דריי חדשים אַלט געווען, פוילן איז שוין געווען חרוב, האָט ער געשריבן: „גאַר אַ היפּשן און שטאַרקן שטיק אמת און יושר האָט דער היטלעריזם אין זיך... אין הויבן דעם דייטשישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, אין פאַר־טיידיקן דעם כבוד פון דעם גרויסן דייטשישן פאָלק... אָט דער אי־דעאַל איז ביי זיי געוואָרן אַ רעליגיעזע פאַנאַטישע ליידנשאַפט, געוויס ניט קיין קלענערע ווי ביי אונז די ציוניסטישע. היטלער, ווייזט אויס, וועט אָט דעם ליידנשאַפטלעכן דייטשישן פּאַטריאָטיזם באַפרידיקן. ער באַפרידיקט אים שוין איצטער מיט יענעם, אייזערנעם ניט קוקן אויף קיין זאַך, וועלכן פרידריך ענגעלס האָט באַרעכטיקט דער סאָ־ציאַליסטישער רעוואָלוציע... היטלער איז פּאַרט גערעכט ווען ער וויל אַלע דייטשישע מינאָריטעטן אַריבערנעמען אין אַ פאַרגרעסערטן

דייטשלאַנד; פונקט ווי ער איז געווען אַבסאָלוט גערעכט ווען ער האָט אינקאָרפּאָרירט אין דעם דייטשישן שטאַט עסטרייך, די סודעטן־דייטשן, מעמעל, דאַנציג און דעם פּוילישן קאָרידאָר; פּונקט ווי ער איז אַבסאָלוט גערעכט ווען ער שטרעבט אָפּצושאַפן די אומגערעכ־טיקייטן פון דעם ווערסאַיער אָפּמאַך... וועגן די אידן צווישן אָט די אַלע פעלקער רעדן מיר דאָ ניט"... („טאָג", נאָוועמבער 19, 1939).

6) און וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע בכלל האָט ער גע־שריבן — און דאָ קומען מיר צו צום סאַמע שפּיץ פון דעם „לאָגישן פלאָקן" — אַז „אויב דאָס אידישע פאָלק וועט זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגן די אינטערעסן פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועט די רעוואָלוציע אים צעטרעטן און זי וועט זיין גערעכט" (זע זיין ביכל „אַן ענטפער שלום אַש'ן און ה. לייוויק'ן", 1943, ז. 17).

ווי אַזוי האָבן אַזעלכע אימה'דיקע ווערטער געקענט אַרויסגיין פון אַ אידישן מויל? אָדער די אימה'דיקע ווערטער, וועלכע מיר האָבן געבראַכט אויבן, אין צווייטן קאַפּיטל, אַז די שחיטות פון כמעל־ניצקי און גאָנטאַ, און די שחיטות פון היטלער'ן, זיינען געווען אַ פאַרדינטע היסטאָרישע שטראָף אויף אידן?

אָבער פּאָרט, אַזוי האָט ער גערעדט און געשריבן.

עס קען, זאָג איך, אַוועקגעשטעלט ווערן ווי אַ כלל גדול, אַז אומעטום, וואו זשיטלאָווסקי האָט געזען אַ קאָנפליקט צווישן אידן און אַנדערע פעלקער, האָט ער גענומען אַ שטעלונג קעגן אידן.

שטענדיק איז ער גרייט געווען מקריב צו זיין אידן.

און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגע'פּסק'עט, אַז ווען אַ פאָלק שטעלט זיך קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, מעג עס מיט רעכט צע־טראָטן ווערן; און נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגע'פּסק'עט, אַז די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע איז אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע, איז ער געקומען און האָט פּראָקלאַמירט, אַז אידן זיינען קעגן דער באָל־שעוויסטישער רעוואָלוציע.

ער האָט עס געטאָן קודם־כל אין משך פון יאָרן, שרייבנדיק און ברייענדיק, אַז די אידן אין רוסלאַנד, ווי אַ פּאַרזיטיש הענדלער־פאָלק, מוזן זיין קעגן דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אָפּגעשאַפט האַנדל און פּאַראַזיטיזם. און ער האָט געזאָגט, אַז די אידישע מאַסן אין רוסלאַנד זוכן צו באַטריגן און באַשווינדלען די רעוואָלוציע. בערג אַרטיקלען האָט ער געשריבן אויף דער טעמע („טאָג", מערץ 14, 1937).

נאָך דאָס שרעקלעכסטע האָט ער דערגרייכט, ווען אינמיטן פון דער מלחמה, בשעת היטלער'ס האָרדעס האָבן געטראָטן איבער רוס־לאַנד פון זיג צו זיג, ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק אין אייראָפּע האָט זיך געצאַפּלט אין די נעגל פון דער מורא'דיקער חיה, ווען היטלער האָט גוזר געווען להרוג, לאבד ולהשמיד, אָפּצומעקן דעם

אידישן זכר פון דער ערד, דעמאָלט איז זשיטלאָווסקי אַרויס און האָט הילכיק אויסגערופן, אַז די אידישע סאָציאַליסטן אין אַמעריקע, די אידישע אַנאַרכיסטן, די ציוניסטן, די פועלי־ציון, דער אַרבעטער־רינג און דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד — דער רוב מנין און רוב בנין פון אָרגאַניזירטן טייל פון אַמעריקאַנער אידנטום — זיינען פאַראינטערעסירט און ווילן זען און אַרבעטן דערויף, אַז היטלער זאָל האָבן אַ נצחון איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

קיין שענדלעכערע מסירה איז קיינמאָל אין דער געשיכטע ניט געמאַכט געוואָרן פון אַ אידן קעגן אידן.

און ווען מען נעמט עס אין ליכט פון זיין טעאָריע, אַז אויב דאָס אידישע פאָלק וועט זיין קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וועט די רעוואָלוציע אים צוטרעטן און וועט בלייבן גערעכט, הייסט עס, אַז זשיטלאָווסקי האָט, אין זיין געדאַנקענגאַנג אונז שוין פאַר־משפט לגבי דער רעוואָלוציע, פאַר׳משפט אויף צעטרעטונג.

בלויז וואָס די שטראָף איז ניט אויסגעפירט. אָבער דעם פסק־דין, דעם גזר־דין האָט ער אויסגעשפּראָכן קעגן אונז.

שטענדיק איז ער גרייט געווען מקריב צו זיין אידן.

אוודאי, יעדן פאַל באַזונדער, און זיין גאַנצע שטעלונג צו אידן בכלל, האָט ער באַפּוצט און אויסגעצירט מיט „שיטות", „טעאָריעס", גאַנצע „פילאָזאָפיעס". אָבער וואָס זיינען עס פאַר אַ טעאָריעס און וואָס טויגן אַזעלכע פילאָזאָפיעס, וואָס פירן צו דער שענדונג, צום קרבן, צום חורבן און דער צעשטערונג פון אידישן פאָלק?

אפילו ווען די טעאָריעס וואָלטן געווען די שענסטע און בעסטע. בפרט נאָך ווען זיי זיינען געווען נישט מער ווי „דייטשישע פלעקער".

אל תקרא שטות (שיטעיס) אלא שטות (שטוס)!

זשיטלאָווסקי האָט אויפגעבויט בנינים, וואָס נאָר שדים זאָלן אין זיי וואוינען!

3.

מיר דערנענטערן זיך צום סוף פון אונזערע באַטראַכטונגען. מיר האָבן געזען, אַז זשיטלאָווסקי׳ס גאַנצער געדאַנקענגאַנג האָט געפירט, נישט צו דער ווידעראויפלעבונג פון אידישן פאָלק, נאָר צו אַ טעאָריע פון חורבן און אונטערגאַנג. פון דער גאַנצער אידישער פאַרגאַנגענהייט האָט ער געלאָזט בלויז די אידישע שפּראַך. אַלץ וואָס געווען איז אַפּגעמעקט: אידן ווערן דערקענט און אָנערקענט אַלס אידן נאָר מיט צוויי סימנים: די אידישע שפּראַך און די ראַסן־אייגנשאַפטן פון זייער ביאָלאָגישן קערפּער, דעם אידישן גוף. דעם אידנ׳ס אייגענע נשמה איז טויט, דעם גוף קען מען נאָך ראַ־טעווען דורך ערד־אַרבעט. דורך דער אידישער שפּראַך דאַרף אין

דעם גוף אַריינגעשטעלט ווערן אַ נייע נשמה — די אייראָפּעאישע קולטור. פון דער פאַראייניקונג, אַ ריין מעכאַנישע, צווישן דעם אידישן גוף און דער גויאישער נשמה וועט געבוירן ווערן אַ ניי אידיש פאָלק און אַ נייע, „פּראָגרעסיווע" אידישע קולטור. וואָס דאָס וועט זיין, האָט זשיטלאָווסקי נישט געקענט פאָראויסזאָגן אָדער אויסמאָלן. נאָר עפּעס, האָט ער זיך משער געווען, וועט שוין אַרויסקומען.

נון, שטעלט זיך די פראַגע: מיט אַזעלכע געדאַנקען און טעאָריעס, מיט אַזאַ ביטול און פאַרלייקענונג פון אידישן פאָלק און זיין קולטור, אַ ביטול וואָס דערגייט ביז שענדונג פון אונזער פאָלק — ווי קומט עס, וואָס אידן האָבן זיך צוגעהערט צו אים, און ניט זיך צוגעהערט, נאָר נאָכגעגאַנגען? איין צייט, ווי מיר האָבן באַמערקט אין אָנהויב פון אונזער איצטיקער אַרבעט, האָט ער געוויסע קרייזן פון אונזער יוגנט פשוט געהאַלטן פאַר'כישופ'ט. וואָס האָט זיי געצויגן צו אים? וואָס פאַראַ נחת האָבן זיי געהאַט צו הערן, אַז זיי זיינען פאַראַזיטן, קינדער פון אַ פאַראַזיטן־פאָלק, וואָס גייט שוין אַרום ווי אַן עובר־בטל אויף דער וועלט?

עס זיינען געווען עטלעכע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען דערצו.

די ערשטע גרונט־סיבה איז געווען — אַ צעקרענקטע אידישע פסיכאָלאָגיע, באמת אַ פּסיכאָלאָגיע פאַר פרויד'ישן פּסיכאָ־אַנאַליז. ביי אַן עולם, וואָס האָט זיך געזען באַלאַגערט פון אַנטיסעמיטיזם און שנאה, אָן אַן אָנשפּאַר אין דעם אידישן וועלט־בליק, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון אידישקייט; מאַכטלאָז קעגן די דרויסנדיקע שונאים און אומשטענדן — האָט זיך די מאַכטלאָזיקייט קעגן דעם דרויסן איבערגעקערט אין אַ פאַראַכטונג צו זיך אַליין. זיי זיינען באַזעסן געוואָרן פון אַ מין זעלבסט־שנאה און זיי האָבן געהאַט הנאה פון זעלבסט־פייניקונג. ס'איז געווען אַ מין נאַציאָנאַלער מאַזאָכיזם. ס'איז געווען דיזעלבע פּסיכאָלאָגיע, וואָס ביי דער קריסטלעכער מיטל־אַלטערלעכער סעקטע „פלאַגעלאַנטן" — די „זעלבסט־שמייסער". דערביי איז אויך געווען אַ געוויסע „רעטונג": זשיטלאָווסקי האָט דאָך געהאַט אַ „גאולה־פּלאַן", און מען איז אים נאָכגעגאַנגען ווי מען גייט נאָך אַ מין פאַלשן משיח. ס'איז געווען אַ פאָרמע פון נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע.

אַ צווייטע סיבה איז געווען שוין אַ פּאָזיטיווע. ס'איז געווען די צייט פון דעם אויפשוואונג פון דער אידישער ליטעראַטור און דער חשיבות פון אידיש. זשיטלאָווסקי האָט זיך געמאַכט פאַרן טשעמפּיאָן פון דער אידישער שפּראַך.

אַ דריטע סיבה איז געווען זיין קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע פון אונזערע אַסימילאַטאָרן־קאָסמאָפּאָליטן. די אידישע יוגנט האָט עס געוואָלט הערן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס זיינע באַגרינ־

דונגען פון אידישן נאַציאָנאַליזם, געבויט אויף ראַסיזם, זיינען געווען פאַלש. זיי האָבן עס ניט פאַרשטאַנען. און מ'קען אַמאָל מיט אַ קרומען וועג אויך קומען צום ציל.

אַ פערטע סיבה איז געווען, וואָס זשיטלאָווסקי האָט יענע מענשן אימפּאָנירט מיט אַ פּראַזעאָלאָגיע, וואָס איז פאַר זיי געווען ניי. ער האָט זיך געצאַצקעט מיט אַזעלכע נעמען ווי קאַנט, העגעל, שלעגעל, שאָפּענהאַוער, ניטשע, און געשיקט זיך געוואָרפן, ווי מיט קאַ־לירטע פּילקעס, מיט אַזעלכע טערמינען ווי „קאַטעגאָרישער אימפּע־ראַטיוו", „נאַטורא נאַטוראַנס", „סינטעטישער מאָניזם", „פּאַנטע־איזם", און זיינע צוהערער זיינען געווען געפּלעפט, דערשראָקן... אָפּגעריסן פון זייערע היימישע קוואַלן, זיינען זיי דאָ געווען ווי פיש אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג, און דאָ האָבן זיי געמיינט אַז זיי האָבן געפונען אַ נייעם לעבנס־עלעמענט.

און די פינפטע סיבה, אפשר די וויכטיקסטע, איז געווען זיין וואונדערבאַרע רעדנעריי. ער האָט פאַרמאָגט אַ געבענשטע שטימע און אַ גרויסע רעטאָרישע גבורה. זיינע אַ לעקציע איז געווען אַ קאָנצערט. מיט זיין רעדנער־קראַפט און מיט אַ גרויסן, פּערזענלעכן, מאַנסבילישן חן, איז ער געווען דער קעניג פון דער פּלאַטפאָרמע. אפילו אַ גוי, וואָס פאַרשטייט נישט קיין אידיש, האָט אויך געקענט מיט תענוג אויסהערן זיינעם אַ פאָרטראַג. און מיט דערדאָזיקער מוזיק פון זיינע רעדעס האָט ער ממש מיט שטורעם גענומען זיינע צוהערער, וועלכע זיינען דערצו גייסטיק נישט געווען באַוואָפנט צו קענען ווידער־שטיין זיינע אַרגומענטאַציעס.

מיט דערדאָזיקער רעדנער־קונסט, וואָס האָט געהאַט אַ היפּ־נאָטישן כוח, האָט ער פאַר'שיכור'ט זיין עולם, וואָס איז אים נאָכ־געגאַנגען אַזוי ווי אין אַ מין שלאָף. עס איז קיין ברעקל ספק נישט, אַז מיט דער פּען אַליין, אָן דער הילף פון זיין רעדנעריי, וואָלט זיין ווירקונג נישט געגאַנגען אפילו האַלב וועג ווי זי איז דערגאַנגען.

נאָר מיט מוזיק ווייסן מיר ווי אַזוי עס באַשטייט אָפט די זאַך: מיר הערן אַ שיינע אָפּערע, מיט שיינעם שפּילן און זינגען. אָבער דערנאָך, ווען מיר קוקן אַריין אין דער ליברעטאָ, געפינען מיר, אַז דער אינהאַלט איז אַ נאַרישע מעשה.

און אַזוי איז געווען מיט זשיטלאָווסקי'ן. הינטער דער גרוי־סאַרטיקער מוזיק פון זיין רעדנעריי איז געווען נאָר אַ פלאַכע ליברעטאָ.

יע, אַ פלאַכע, אָפּטמאָל נאַרישע, שטענדיק געקינצלטע און טאַנדעטנע־צונויפגעשטוקעוועטע ליברעטאָ איז זיין גאַנץ ווערק אין פיר־און־צוואַנציק בענדער, אָדער צוויי מאָל פיר־און־צוואַנציק בענדער.
און ריכטיק ווערט געזאָגט אין דעם אַרטיקל פון בצלאל שערמאַן

אין דעם „פּראָלעטאַרישן געדאַנק", פון וועלכן איך האָב שוין ציטירט אין אָנהויב פון מיין איצטיקער אַרבעט:

„צענדליקער בענד שריפטן האָט ער אַרויסגעגעבן, אָבער קיין איין אמת'דיק גרויס ווערק האָט ער נישט געשאַפן. ער האָט געשריבן וועגן וויסנשאַפטלעכע ענינים און איז קיין וויסנשאַפטסמאַן נישט געווען. ער האָט געשריבן וועגן פילאָזאָפיע און איז קיין פילאָזאָף נישט געווען. ער האָט געשאַפן טעאָריעס און איז קיין טעאָרעטיקער נישט געווען".

ריכטיק ווי גאָלד. אמת ווי דער טאָג!

ווארים ווען ער וואָלט פאַרמאָגט כאָטש עפּעס פון דעם אמת'ן וויסנשאַפטסמאַן, פילאָזאָף און טעאָרעטיקער, וואָלט ער קיינמאָל נישט געקענט שרייבן ווי ער האָט געשריבן וועגן אידן און אידישקייט. און אויסער אַמאָל אין פּאַרטיי־דיסקוסיעס, האָט קיין אידישער געלערנטער קיינמאָל קיין אַכט אויף זיין אַרבעט נישט געלייגט, און קיין פילאָזאָף, אידישער צי ניט־אידישער, האָט זיך מיט זיין אַרבעט אפילו נישט אינטערעסירט.

ער איז געווען אַ ווינטמיל מיט צופיל ריעדער, און אַלע האָבן זיי געמאָלן שטיינדלעך אַנשטאָט קערנער, און אַרויסגעגעבן זאַמד, זאַמד, זאַמד אַנשטאָט מעל.

ער איז געווען די גרעסטע פאַרבלענדעניש אויף דער אידישער גאַס!

אינם ערשטן באַנד „זכרונות פון מיין לעבן", ברענגט דר. זשיטלאָווסקי אַ קליינעם כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. ער דערציילט וועגן אַן אורח, אַ יונגערמאַן אַן עילוי, וואָס האָט אַמאָל פאַרבראַכט ביי זיין פאָטער אין הויז. דר. זשיטלאָווסקי ברענגט אַ פּלפּול'יסטישע דרשה, וואָס דער עילוי האָט איבערגעגעבן פון זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט דערציילט, אַז אין זיינע קינדער־יאָרן האָט זיך אַמאָל עמיצער געווענדט צו אים: „פיר מיר שוין צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט". דער עילוי האָט נאָר אַ ווייל אַ טראַכט געטאָן און אָוועקגעלייגט אַזאַ דרשה: „די גמרא זאָגט: „הרוצה להתעשיר (ווער עס וויל רייך ווערן), „יצפין" (זאָל ער מתפלל זיין פאַר דער צפון־וואַנט) און „הרוצה להחכים" (ווער ס'וויל קענען לערנען) „ידרים" (זאָל ער מתפלל זיין פאַר דער דרום־וואַנט). עס שטייט אָבער אין פּרק, אַז „אם אין קמח" (אויב ס'איז נישטאָ קיין ברויט), „אין תורה" (איז נישטאָ קיין תורה) און „אם אין תורה", איז „אין קמח" (אויב עס איז נישטאָ קיין תורה, איז נישטאָ קיין ברויט). היינט וואָס זאָל איינער טאָן, אויב ער איז נעבעך, אי אַן אָרעמאַן, אי אַן עם־הארץ? זאָל ער מתפלל זיין צו צפון־צו אויף קמח? איז וואָס איז די פעולה? אַז ער האָט דאָך נישט קיין תורה! אלא, ער זאָל מתפלל זיין צו דרום־

צו, אויף תורה? — האָט ער דאָך נישט קיין קמח! בלייבט אים קיין אַנדער ברירה נישט, ווי נאָר „צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט": די צפון־וואַנט מיט דער דרום־וואַנט און מתפלל זיין פאַרביידע...

דידאָזיקע דרשה, דערציילט זשיטלאָווסקי, האָט אויף אים איבער־געלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק. און ס'איז קיין חידוש נישט. ס'איז געווען ווי אָנגעמאָסטן צו זיין אייגענער נאַטור: ער האָט אַ גאַנץ לעבן רק געטאָן און צונויפגעפירט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט...

אָט דאָס איז דר. זשיטלאָווסקי.

און אָט דאָס איז ב. צ. גאָלדבערג'ס „משה רבינו פון אונזער דור"...

אלה אלהיך ישראל...

א י נ ה אַ ל ט :

קאַפּיטל 1 : אַ איד געגן אידן.

קאַפּיטל 2 : אונזער אָנקלעגער פאַרן געריכט פון דער וועלט.

קאַפּיטל 3 : דער קאַמף געגן אידישקייט.

קאַפּיטל 4 : די נייע עבודה־זרה.

קאַפּיטל 5 : דער רוף צו שמד.

קאַפּיטל 6 : דער אַרויסטריט געגן תלמוד.

קאַפּיטל 7 : דער ביטערער סך־הכל.